STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03257

OYF EYGENE VEGN

Mordejai Herbst

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי הערבסט

אויף איינענע וועגן

אַלע רעכט זענען רעזערווירט

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איירעס

מרדכי הערבסט

אויף אייגענע וועגן

★

בוענאָס־אײַרעס, ה׳תשכ״ה — 1965

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין טייערער מוטער,
רחל הערבסט ז״ל.

דער מחבר

אינהאַלט:

פֿאָרוואָרט — 11

וועגן אונדזערע ימים טובים

פּסח

דער יום־טוב פֿון פֿולקאָמער פֿרייהייט — 15
פֿון פֿיזישער קנעכטשאַפֿט צו גייסטיקער פֿרייהייט — 22
די אַקס פֿון אונדזער געשיכטע — 27

ל״ג בעומר

דער יום־טוב פֿון יידישער גבורה — 33
דער סימבאָל פֿון יידישער אומבאַזיגבאַרקייט — 38

שבועות

דער יום־טוב פֿון יידישן גייסט — 43
דער יום־טוב פֿון מתן־תורה — 49
מעמד הר־סיני — 54

ראש־השנה

דער יום־טוב פֿון תשובה און באַנייונג — 61
דער יום־טוב פֿון מענטשלעכער דערהייבונג — 71
דער יום־טוב פֿון דערמאָנונג און האָפֿענונג — 77

סוכות

דער יום־טוב פֿון אַחדות־ישראל — 83

שמחת־תורה

דער יום־טוב פֿון דער יידישער קולטור — 89

פורים

דער יום־טוב פֿון ייִדישן אייגנאַרט — — — — — — — — — — — 107
די אייביקע לעקציע וועגן אַנטיסעמיטיזם — — — — — — — — — 113

וועגן אונדזער טרויער

אומפֿאַרגלייכלעכע קדושה און גבורה — — — — — — — — — — 119
דער קאַמף פֿון דער קדושה קעגן דער טומאה — — — — — — — — 126
תשעה באָב, דער טאָג פֿון ייִדישן טרויער — — — — — — — — 132

די ייִדישע מדינה און דאָס ייִדישע פֿאָלק

מדינת־ישראל — אונדזער תיקון — — — — — — — — — — — 139
אונדזער מדינה — — — — — — — — — — — — — — — — 145
כמנין „טוב" — — — — — — — — — — — — — — — — 150
די וואָס טראָגן ציון אין האַרצן — — — — — — — — — — — 155
ציוניזם קעגן ראַטעווען דעם גלות — — — — — — — — — — 159

פֿאַר עכטער ייִדישקייט

דער כוח פֿון ייִדישקייט ליגט נאָר אין ייִדישקייט — — — — 165
די אויפֿגאַבע פֿון אונדזער שול — — — — — — — — — — — 172
רעספּעקט פֿאַר ייִדישער טראַדיציע! — — — — — — — — — 176
עכטקייט און אַבסורדן אין אונדזער חינוך — — — — — — — — 184
אינהאַלט איז אַנהאַלט — — — — — — — — — — — — — 191
די שול — אונדזער פֿעסטונג — — — — — — — — — — — 197
„עס מאַכט נישט אויס..." — — — — — — — — — — — — 203
דער גייסט פֿון אונדזער שול — — — — — — — — — — — 207
פֿאַר דער דערהייבונג פֿון ייִדישן וואָרט און ייִדיש לעבן — — — 212
אין שול אַריין! — — — — — — — — — — — — — — — — 217
אין קאַמף פֿאַר אונדזער מאָרגן — — — — — — — — — — — 221

חנוכה

דער יום־טוב פֿון ליכט — — — — — — — — — — — — — — 97
דער יום־טוב פֿון גייסטיקער גבורה — — — — — — — — — — 102

פאָרוואָרט

אַ פֿאָלק דערקענט מען לויט זיין שטייגער-לעבן, זיין אָרט פֿירן זיך, זיינע ימים-טובים.

איבערהויפּט קען דאָס אָנגעווענדט ווערן, אין פֿולן זין פֿון וואָרט, אויף אונדזער אומה, וואָס איז אין איר יום-טוב און וואָך, אין איר אַלטעגלעכקייט, געבונדן צום יידישן שטייגער-לעבן, צו יידישע מצוות, צו אַ יידישלעכן לעבנס-סיסטעם, וואָס טיילט זיך אוים פֿון צווישן די אַנדערע פֿעלקער אויף דער וועלט.

אין אָט דעם לעבנס-שטייגער, צו וועלכן עס זענען געקנופּט יונג און אַלט, אין וועלכן דער ייד טרעט אַריין ממש פֿון זיין געבורט אָן ביז צו זיין לעצטן אָטעם-צוג, ליגט דער סוד און יסוד פֿון דעם יידישן קיום, פֿון דעם יידישן המשך, ליגט דער אָפּוועהר-כוח קעגן אַלע דרויסנדיקע און אינערלעכע געפֿאַרן וואָס באַדראָען פֿון מאָל צו מאָל אונדזער עקסיסטענץ אַלס פֿאָלק.

אַרום אָט די דאָזיקע לעבנס-פֿאָרמען זאַמלען זיך אַלע אונדזערע פּראָבלעמען, ווי חינוך, יוגנט, קולטור, ליטעראַטור, מדינת-ישראל, און זיי זענען עס פֿאָלגלעך די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך דאָס יידישע לעבן, סיי פֿונעם קאָלעקטיוו ווי פֿון יעדן יחיד, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און זיי שאַפֿן עס די פּערמאַנענטע יידישע לעבנס-אַטמאָספֿער פֿון אונדזער אומה.

אין דעם דאָזיקן ביילינגנדיקן בוך נעמען מיר אַריין אַ סעריע עסייען וועגן אָט די דאָזיקע פֿראַגן, וואָס שאַפֿן דאָס וואָס מיר רופֿן אָן מיט איין וואָרט: יידישקייט, געזען דורך אונדזער געדאַנק, און אינספּירירט אין די אייביקע ווערטן און מקורותדיקן גייסט פֿון אונדזער פֿאָלק, מיטן ציל אַז די דאָזיקע אַרבעטן זאָלן מיטהעלפֿן צו פֿאַרשטאַרקן און באַפֿעסטיקן אָט די דאָזיקע יידישקייט-יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דאָס יידישע לעבן.

דער מחבר

ערשטע טייל

וועגן אונדזערע ימים טובים

פסח

פסח, דער יום-טוב פון פולקאמער פרייהייט

אין זכות פון פיר זאכן — דערציילט אונדז דער מדרש — זענען די ייִדן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים: דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געביטן זייערע נעמען, זיי האָבן ניט געביטן זייער שפּראַך, זיי האָבן ניט אויסגעגעבן זייערע סודות און האָבן ניט מבטל געמאַכט דאָס מל־זיין זיך.

אויף אַן אַנדער פּלאַץ ווערט צוגעגעבן: בשביל נשים צדקניות, צוליב די רעכטפאַרטיקע פרויען.

מיט איין וואָרט: ווייל זיי האָבן זיך נישט אַסימילירט.

די אויבן דערמאָנטע סימנים זענען דאָך די קענצייכנס פון דער אַסימילאַציע, און עס איז דאָך מערקווירדיק, דאָס וואָס במשך פון 210 יאָר זיין אין מצרים, און געקומען זענען זיי דאָך אַהינצו במתי מעט, אין אַ גאָר קליינער צאָל, זענען זיי ניט איינגעשלונגען געוואָרן דורך דער הערשנדיקער קולטור און שפּראַך, דורך די פרעמדע זיטן און פירונגען, נאָר זיי האָבן אָפּגעהיטן ביז יציאת־מצרים, די גאַנצע צייט, זייער ייִדיש־גייסטיקן פאַרטרעט, זיך גערופן מיט ייִדישע נעמען, גערעדט די העברעיִשע שפּראַך, זיך מל־געווען און געפירט אַ רעכטפאַרטיק פאַמיליען־לעבן, ווו די פרויען, דער צענטער פון דער משפחה (ביתך — זו אשתך) זענען גאָר געווען צדקניות.

און נאָך מערקווירדיקער איז דאָך דער פאַקט, וואָס די ייִדן זענען דאָך געווען די סאָציאַל נידעריקסטע שיכטן אין גרויסן מצרים, די שקלאַפן, דאָך האָבן זיי זיך ניט געשעמט מיט זייער ייִדישקייט, מיט זייער רעליגיע, און דווקא געדינט זייער ג־ט, אָפּגעהיטן זיינע געבאָטן.

און ס׳איז דאָנך אַ פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונג, וואָס דווקא אין מצרים, אינעם קלאַסישן לאַנד פון מ״ט שערי־הטומאה, האָבן זיי ניט געדינט קיין

געצנדינסט, ווען אַפּילו שפּעטער, אין ארץ־ישראל, אין זייער אייגן לאַנד, ווו זיי זענען געווען פרײַ, פלעגן זיי פון צייט צו צייט אַוועק פון דרך הישר און נאָכמאַכן די פרעמדע פעלקער און דינען עבודה זרה.

פאַרקערט: מען פילט אַרויס ביי די ייִדן אין מצרים, זייער שטאָלץ מיט זייער ייִדישקייט און זייער מסירת־נפש פאַר דעם.

איז דאָך דעריבער נאַטירלעך, וואָס ווען משה און אהרן קומען אויפ־פאָדערן פרעהן אַרויסצולאָזן די ייִדן, טוען זיי עס אין נאָמען פון אלקי־ישראל, דעם ייִדישן ג־ט.

און אַז זיי בעטן ביי אים צו גיין אין מדבר דינען זייער ג־ט, בעטן זיי אים ער זאָל זיי לאָזן נעמען שאָף מקריב צו זיין, הגם דאָס איז געווען אומווערדיק אין די אויגן פון די מצרים, און זיי זענען ביי זיי באַטראַכט גע־וואָרן ווי געטלעכע באַשעפענישן.

און אַז פרעה פרעגט זיי: „מי ומי ההולכים", ווער זענען עס די וואָס גייען פייערן אַ יום־טוב פאַר דעם ייִדישן ג־ט? ענטפערן זיי מיט שטאָלץ: „בנעורינו ובזקנינו נלך", מיט אונדזער יוגנט און מיט אונדזערע אַלטע וועלן מיר גיין, דאָס הייסט, אַז די יוגנט האָט שוין באַקומען אַ ייִדישן חינוך, און דאָס האָט טאַקע אַזוי אויפגעבראַכט פרעהן. ווייל וויבאַלד אַז די יוגנט גייט־מיט און איז אַריינגעריגלט אין דער ייִדישער טראַדיציאָנעלער פאָלקס־קייט, דאַן ווערט צעפאַלן דער גאַנצער אַסימילאַציע־אידעאַל מצד די פרעהס.

אין דעם סיפור פון יציאת־מצרים פילן מיר אַרויס אויף טריט און שריט דעם ייִדישן שטאָלץ, דעם ייִדישן חינוך, די ייִדישע אַחדות.

און ווען דאָס געשעט, דאַן קען אַפילו די גזירה פון אַריינוואַרפן אַלע ניי געבוירענע ייִדישע ייִנגלעך אין טייך, ניט העלפן, נאָר, אדרבא, „וירבו וישרצו" — זיי זענען געוואָרן מערער און מערער.

און פאַרקערט, אין די לענדער ווו ייִדן האָבן גענאָסן פון עמאַנציפאַציע און אַלע רעכטן, און זענען ניט געווען פאַרשקלאַפט, נאָר אין קעגנטייל — פרײַ, האָבן מיר, לײַדער, אין אונדזער לאַנגער געשיכטע, געזען אַ פאַר־קערטע דערשיינונג, ווי זיי האָבן זיך געלאָזט אַריינציִען אין די לאָקנ־דיקע נעצן פון דער לויערנדיקער אַסימילאַציע, און אַ סך בלעטער און

צווייגן פֿון אונדזער פֿאָלקס־בוים זענען דורך דעם אָפּגעריסן, פֿאַרדאַרט געוואָרן, און אויף אייביק פֿאַרלוירן געגאַנגען פֿאַר אונדזער שטאַם.

סימבאָליש איז דאָך דאָס, וואָס בעת דער מכת־בכורות, ווערט פֿאַר יעדן ייִדישן הויז, אויפֿן ביישטידל, אָנגעשמירט אַ רויטער בלוט־צייכן, פֿאַר דער גאַנצער וועלט צו וויסן, אַז דאָ וווינט אַ ייִד, כדי דער מלאך־המות זאָל דאָס איבערהיפּערן. ווייל בלויז דאָרט ווו אַ ייִד ווייזט פֿאַר אַלע־מען זיין בלוטיקן שטאָלץ־צייכן, מיט זיין ייִדישקייט, האָט דער טויט־מלאך פֿון דער אַסימילאַציע איבער זיי קיין שליטה ניט און מוז זיי איבערהיפּערן...

איז דאָך שוין גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס פֿאַר אַזאַ עם קשה־עורף, פֿאַר אַזאַ געאייניקט און ייִדיש פֿאָלק, וואָס טראָגט זיין פֿיזישער פֿאַר־קנעכטונג, האָלט ער הויך די פֿאָן פֿון ייִדישקייט און איז גייסטיק פֿריי פֿון יעטוועדן אַסימילאַציע־־שפּור, מוז זיך אַפֿילו דער ים שפּאַלטן...

אַזאַ פֿאָלק איז ניט בלויז ניט געמינערט געוואָרן, נאָר פֿאַרקערט, עס האָבן זיך אין אים אָנגעשלאָסן פֿרעמדע, דער ערב־רב, וואָס איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון זייער מסירת־נפֿש פֿאַרן אייגענעם שטאַם.

איז דאָך דעריבער שוין גאָר פֿאַרשטענדלעך, אַז דווקא אַזאַ פֿאָלק האָט מען געקענט געבן די תורה, די צען געבאָט, זיי אָנפֿאַרטרויען די יסודות פֿון עטיק און מאָראַל. און גלייך ווי זיי זענען אַרויס פֿון מצרים האָט טאַקע זייער וועג געפֿירט צום באַרג סיני, צו גייסטיקער פֿרייהייט, ווייל ווי עס זאָגט דאָרט זייער טרעפֿלעך דער זאָג פֿון אונדזערע חכמים: „אין לך בן־חורין אלא מי שעוסק בתורה״, בלויז דער וואָס איז עוסק אין תורה, וואָס איז געבונדן צו אַ געזעצגעבונג, צו עטיק און מאָראַלישע געבאָטן, איז אַ פֿרייער מענטש. אין קעגנטייל איז מען גייסטיק פֿאַרקנעכט.

דעריבער איז ניסן, דער חודש פֿון יציאת־מצרים, געוואָרן אַ ראש־החדשים; און דעריבער איז יציאת־מצרים געוואָרן די צענטראַלע אַקס פֿון אונדזער לעבן לדורות, מיט וועלכן עס זענען געבונדן אונדזערע ימים טובים, אונדזער גייסטיקע פֿיזאָנאָמיע.

„והיה לך לאות על ידך ולטוטפֿות בין עיניך״ — טאָג־טעגלעך, סיי אין פּריוואַטן לעבן ווי אינעם פֿאָלקס־לעבן, דערמאָנען מיר כסדר די גרויסע עפּאָפּייע פֿון יציאת־מצרים, אַלס סימבאָל פֿון פֿאָלקאָמער פֿרייהייט, סיי

פיזישע און דער עיקר גייסטיקע, און עס איז אַ מצוה עס צו דערציילן, „וכל המרבה לספר ביציאת־מצרים הרי זה משובח״.

און דעריבער איז טאַקע „חייב כל אָדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים״, יעדער מענטש דאַרף טאַקע זיך באַטראַכטן ווי ער אַליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. און דאָס איז טאַקע, אַגב, דער פונדאַמענט פון דער יידישער טראַדיציע און דער אונטערשיד צווישן אונדז און די אַנדערע פעלקער. בשעת ביי אַנדערע פעלקער זענען די מערסטע פאָלקס־פייערונגען און צערעמאָניאַלן מאַסן־פייערונגען, אָבער זיי בינדן נישט פריוואַט יעדן יחיד באַזונדער, נאָר זענען אַ שטאַטזאַך וכדו׳, זענען די יידישע מצוות און דאָס שטייגער־לעבן אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף יעדן יחיד באַזונדער, און אַ ייד איז נישט יוצא, ווען ער באַטייליקט זיך אויף אַ מאַסן־אַקט אָדער קאָנצענטראַציע, נאָר מוז טאַקע אַליין דערפילן מיט די מצוות און צערע־מאָניאַלן. און דאָס איז דער יסוד פון „חייב כל אָדם לראות את עצמו״ אין באַצוג צו יידישע פליכטן און מצוות.

יציאת־מצרים איז פאַר אונדז דעריבער אַ מוסטער און אַ לערע אויף אַלע אייביקייטן, אַ לערע פון ווי שטאַרק און אומבייגזאַם אין דאַן געווען דער גייסט פון יידישן פאָלק.

עסן מיר דעריבער מצה, דעם לחם עני, אין קעגנזאַץ פון חמץ, דער סימבאָל פון זאַטקייט און מאַטעריאַליזם. איז די מצה דער סימבאָל פון גייס־טיקער אַריסטאָקראַטיע פון אונדזער פאָלק. האָבן דאָך שוין די יוצאי־מצרים באַוויזן דאָס מיט דעם ביישפיללאָזן מוסטער פון גייסטיקער גבורה, ווי אַ גאַנץ פאָלק פון עטלעכע מיליאָן מענטשן, וואָס האָבן גאַנצע פערציק יאָר זיך געשפּייזט מיט מן, ווייל „כי לא על הלחם בלבד יחיה האָדם״, ווייל ניט בלויז מיט מאַטעריאַליזם לעבט דער מענטש, נאָר, אדרבא, דווקא אין וויסטן מדבר, אָן שום מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן און געניסן, וואַנדערט אַ גאַנץ פאָלק פון געוועזענע פיזישע שקלאַפן און לערנט גאָר די עשרת־הדברות און די געזעצן פון דער תורה און איז מקיים דעם „לא בחיל ולא בכוח אלא ברוחי״.

דאָס איז דער אמתער און פּאָלקאָמער זמן־חרותנו, די צייט פון אונדזער פרייהייט, וואָס בלייבט איינגעקריצט לעולם ועד און וואָס געשטאַלטיקט ביז היינט אונדזער אומה.

אגב קען מען אויך „חרות" (פרייהייט) לייענען „חרות" (כאַרוט) וואָס מיינט איינגעקריצט, ווייל די דאָזיקע גייסטיקע פרייהייט איז טאַקע געבליבן איינגעקריצט ביי אונדז עד היום הזה.

אַ פרייהייט, ווי געזאָגט, געבונדן און אַרויסקוועלנדיק פון עטישער און סאָציאַלער אָרדענונג, פון געזעץ און מצוות.

דעריבער מאַכן מיר פסח אַ סדר, אַן אָרדענונג, ווייל בלויז מתוך סדר קען זיין פרייהייט.

האָט דאָך שוין אַמאָל אין דעם זין דער „חפץ־חיים" וווּנדערבאַר טרעפ־לעך דעפינירט דעם אונטערשיד צווישן אַ ייד און אַ גוי:

—אַ ייד — האָט ער געזאָגט — אַז ער שטייט אויף אין דער פרי, מאַכט ער זיך אַ סדר־היום, ד"ה ער טוט אַלץ לויט אַ באַשטימטן סדר: ער וואַשט זיך, ער דאַוונט, ער עסט, ער בענטשט אאז"וו; אַ גוי ווידער, טוט אַלץ אָן אַ באַשטימטער אָרדענונג. ווען ער וויל עסט ער, ווען ער וויל דאַוונט ער אד"גל...

און עס דערמאָנט זיך דערביי שוין דאָס, וואָס מען דערציילט וועגן דעם באַרדיטשעווער רב ז"ל:

אין אַן אָוונט, ערב אַ יאַריד אין באַרדיטשעוו, האָט ר' לוי־יצחק גע־בעטן זיין רביצין, זי זאָל אָפּקאָכן עטלעכע טעפּ פליישׁ און ער האָט אויך געבעטן צוצוגרייטן עטלעכע פלעשער בראָנפן. גאַנץ פרי איז ער אַוועק אויפן יאַריד, בעת די קרעמער זענען נאָך געלעגן און געשלאָפן נעבן זיי־ערע וועגענער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גוי און אים גענומען וועקן:

— שטיי־אויף, איוואַן, גיבן נאָר אַ קוק וואָס איך האָב דיר געבראַכט: בראָנפן, פליישׁ.

דער גוי האָט ביים דערהערן דאָס זיך אויסגעריבן די אויגן, אַ כאַפּ געטאָן אַ פלאַש און נישט פאַרלירנדיק קיין צייט אַ צי געטאָן און זיך גע־נומען צו דער סעודה...

אַזוי איין גוי, אַ צווייטער, אַ דריטער...

צום לעצט איז ר' לוי־יצחק צוגעגאַנגען דאָרט, ווו די יידישע קרעמערס זענען נאָך געשלאָפן. ער האָט איינעם פון זיי אַ טאָרע געטאָן און צו אים געזאָגט:

— שטיי־אויף, בערל, זע וואָס איך האָב דיר געבראַכט: בראָנפֿן, פֿלייש.
דער ייִד האָט אויסגעריבן די אויגן און זיך אָנגערופֿן:
— זייער גוט, רבי, אַ דאַנק! אָט וועל איך אָפּגיסן נעגל־וואַסער, אָפּ־דאַווענען, זיך וואַשן און זיך זעצן עסן.
אַזוי איין ייִד, אַ צווייטער, אַ דריטער...
דאַן האָט דער גרויסער אוהב־ישראל טאַקע געמוזט אויסרופֿן: רבונו של עולם: זע נאָר וואָס פֿאַר אַ טייער פֿאָלק דו האָסט!...

דעריבער מאַכט מען טאַקע פּסח אַ סדר, ווייל יציאת־מצרים האָט אַריינגעבראַכט סדר אין אונדזער פֿאָלקס־לעבן לדורות; האָט אַריינגעבראַכט פֿיזישע און גייסטיקע פֿרייהייט; איז אַ סימבאָל פֿון ייִדישן שטאָלץ, פֿון אַחדות־ישראל, פֿון מסירת־נפֿש פֿאַר ייִדישקייט.

איז טאַקע פּסח דער יום־טוב פֿון ייִדישער פֿעלדז־שטאַרקער ייִדיש־קייט, וואָס בייגט זיך ניט פֿאַר קיין שום פֿיזישער פֿאַרקנעכטונג און פֿאַר קיין שום אַנטיסעמיטישע געזעצן, נאָר, אדרבא, „וישרצו, וירבו״, און ווו דער אַסימילאַטאָרישער מלאך־המות, וואָס שניידט אָפּט מאָל אַזוי פֿיל פֿאַסן פֿון אונדזער פֿאָלקס קערפּער, האָט קיין שליטה ניט און מוז איבערהיפּערן די אמת ייִדישע הייזער, וואָס שעמען זיך ניט מיט זייער ייִדישקייט, נאָר וואָס שטעלן אַרויס מיט שטאָלץ זייער ייִדישן בלוט־יחוס פֿאַר דער גאַנ־צער וועלט.

עס איז דער חג המצות, דער יום־טוב פֿון גייסטיקער איבערגעוויכט איבער דעם חמצדיקן מאַטעריאַליזם.

דער חג־האביב, דער פֿרילינג פֿון אונדזער פֿאָלק און אומה, וואָס האָט צעגרינט אונדזער גייסט און באַדופֿט אונדזער לעבן אויף אייביק, מיט זיין כוח, מיט זיין אַחדות, גבורה און אויסדויער.

און דער זמן־חרותנו, דער אמתער יום־טוב פֿון פֿולקאָמער פֿרייהייט, וואָס דאַרף איינגעקריצט ווערן אין אונדזערע הערצער און מוחות.

דעריבער איז מער ווי טרעפֿלעך יענער זאָג פֿון אונדזערע חכמים, אַז „בניסן נגאלו אבותינו, זענען אונדזערע עלטערן באַפֿרייט געוואָרן פֿון מצרים, ובניסן עתידין להגאל״, און אין ניסן זענען זיי אָנגעברייט ווידער באַפֿרייט צו ווערן. ווייל בלויז אין יענעם ניסנדיקן גייסט פֿון ייִדישער פֿריי־

הייט, אמתע פרייהייט, יידישן סדר, שטאָלץ, שטייגער־לעבן, ניט קיין אַסי־מילאַציע, קען ווידער קומען אונדזער גאולה.

אין דעם דאָזיקן גייסט איז: „והגדת לבנך", זאָלסט דערציילן און דער־ציִען דיינע קינדער, און דאַן, בלויז, איז:

וכל המרבה לספר ביציאת־מצרים, הרי זה משובח!

פון פיזישער קנעכטשאַפט צו גייסטיקער פרייהייט

אַלע יידישע ימים טובים און די גאַנצע יידישע טראַדיציע און שטייגער־לעבן, אַזוי אויך די תפילות, זענען פאַרבונדן מיט יציאת־מצרים, מיט דער געוואַלטיק־גרויסער עפּאָפּייע פון דעם אַרויסגאַנג פון די יידן פון מצרים.

דאָס מעכטיק בילד פון אַ פאָלק פון עטלעכע מיליאָן מענטשן, (ווייל עס זענען אַרויס זעקס הונדערט טויזנט יידן עלטער פון 20 יאָר, און רעכענענדיק זייערע פרויען און קינדער, באַקומט זיך די צאָל פון עטלעכע מיליאָן יידן) האָט איבערגעלאָזט אַן אומאָפּמעקלעכן שפור אויף אונדזער גאַנצער געשיכטע, אַזוי, אַז יעדער טאָג און יעדער רעליגיעזער אַקט, אַזוי פון גאַנצן פאָלק ווי פון יעדן יידישן יחיד, איז שטענדיק געבונדן מיט אָט יענער וווּנדערבאַרער עפּאָפּייע.

דעריבער איז די פרשה פון יציאת־מצרים אַריינגעפלאָכטן אין אונדזער טאָט און אין אונדזער מוח אויף אייביק, איז שוין פאַרשטענדלעך דער אָנזאָג פון: „והיה לך לאות על ידך ולטטפות בין עיניך", אַז זי זאָל זיין פאַר אַ צייכן אויף דער האַנט און פאַר אַ שטערנבאַנד צווישן די אויגן; אַז די פרשה זאָל זיך קיין מאָל נישט אָפּטאָן פון אונדזערע מעשים און זאָל שטענדיק שטיין פאַר אונדזערע אויגן.

דאַן ווערט דאָך גוט פאַרשטענדלעך דער איינטייטש פון יהודה הלוי אין זיין „הכוזרי", ווען ער פרעגט:

— פאַר וואָס הייבן זיך אָן די צען געבאָט מיטן „אנכי", איך בין דער ג־ט, וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגן פון מצרים, פון שקלאַפעריי" און נישט מיטן „אנכי" ה' אלקיך אשר ברא את השמים ואת הארץ", איך בין דיין ג' וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד? וואָס דאָס איז דאָך גרעסער, דער ערש־

טער וווּנדער פֿון ג׳ס גרויסקייט, די אוניווערסאַלע קאָסמישע גרויסקייט, און ניט מיט יציאת־מצרים, וואָס איז בלויז אַ געשעעניש פֿאַר ייִדן און בלויז אַ טייל פֿונעם גרויסן געטלעכן וועלט־וווּנדער?

און רבי יהודה הלוי ענטפֿערט:

— ווייל דאָס באַשאַפֿן דורך ג׳ דעם הימל און די ערד האָט קיין שום מענטשלעך אויג ניט געזען, אָבער דאָס אַרויסנעמען די ייִדן פֿון מצרים איז אַ גאַנץ פֿאָלק פֿון מיליאָנען מענטשן געווען עדות דערפֿון.

און אין יציאת־מצרים איז געשען דער גרעסטער נס, וואָס איז אַ לערע פֿאַר דורות און וואָס מיר דאַרפֿן טאַקע געדענקען אויף אייביק, און דאָס איז

דער זיג פֿון גייסט איבער מאַטעריאַליזם; פֿון גייסטיקער פֿרייהייט איבער פֿיזישער פֿאַרקנעכטונג.

עס האָט אַמאָל אַ רבי געזאָגט, אַז עס איז לייכטער אַרויסצונעמען די ייִדן פֿון מצרים, ווי דאָס אַרויסנעמען מצרים פֿון די ייִדן.

אָדער ווי אַ צווייטער גדול האָט דאָס אַנדערש פֿאָרמולירט: עס איז לייכטער אַרויסצונעמען די ייִדן פֿון גלות, ווי דעם גלות פֿון די ייִדן.

און ווי האָט אַן אַנדערער געטייטשט:

עס ווערט געבראַכט אין מדרש, אַז ווען די ייִדן זענען אַוועק אין גלות, איז די שכינה אויך מיט זיי אַוועק אין גלות. אָבער ווען איז די שכינה מיט די ייִדן אין גלות? ווען די לעצטע פֿילן טאַקע באמת, אַז זיי זענען אין „גלות״; אָבער אויב זיי פֿילן גאָר ניטאָ, אַז דאָס איז גלות, זיי אַסימילירן זיך, אַקליטאַמיטיזירן זיך מיט אַרום, נעמען אָן די אַרומיקע זיטן און מנהגים, דאַן איז די שכינה ניט מיט זיי.

אין מצרים האָבן די ייִדן די ערשטע צייט געלעבט אין דעם בעסטן טייל פֿון לאַנד, אין גושן, אין מאַטעריעלער זיכערקייט. זיי זענען פֿאַרשקלאַפֿט געוואָרן ניט נאָר פֿיזיש, נאָר האָבן שפּעטער זיך אויך צוגעוווינט צו דעם עקאָנאָמישן גלות, אַזוי אַז ווען משה, זייער לערער, האָט זיי געפֿירט צום פֿאַרשפּראָכענעם לאַנד פֿון דער פֿרייהייט, געדענקען זיי נאָך מיט בענקשאַפֿט און נאָסטאַלגיע דעם „סיר־הבשר״, דעם פֿליישטאָפּ, די פֿיש, די ציבעלעס און קנאָבל, דעם מאַטעריאַליסטישן מכלומרשטן גלותדיקן וווּיל־

שטאַנד, מ׳שטיינס געזאָגט, די מאכלים וואָס מען האָט זיי געגעבן אַלס שקלאַפֿן, כדי זיי זאָלן האָבן כוח צו בויען פֿאַר די פּרעהס די פּיראַמידן.

און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, איז דאָך אויך דאָס וואָס מען האָט זיי גע־דאַרפֿט מיטגעבן „כלי־כסף וזהב״, און זיי האָבן געדאַרפֿט אויסליידיקן מצרים פֿונעם גאַנצן גאָלד און זילבער, כדי צו וועלן פֿאַרלאָזן זייער גלות. דאָס איז ביי זיי געווען רעאַלער און נענטער ווי די ווייטזעעוודיקע וויזיע פֿון פֿרייהייט, פֿון זייער לערער און פֿירער משה. והא ראיה: אַז מיט דעם דאָזיקן מצרישן גאָלד און זילבער האָבן זיי טאַקע זיך סוף־סוף געמאַכט אַן עגל און צו דעם געשריגן: „אלה אלקיך המוציא אתכם מארץ מצרים״ — דאָס איז דיין ג׳ ד״ה דער „עגל־הזהב״; דער מאַטעריאַליזם איז עס דער ג׳ וואָס איז געווען די שטויסקראַפֿט זיי אַרויסצופֿירן פֿון דעם איינגעזעסענעם מצרים... נישט דער אידעאַל פֿון אמתער פֿרייהייטנ, וואָס משה האָט דאָס געטראָגן אין זיין העלזעערישקייט.

און ווי האָט דאָס אַ רבי געטייטשט:

די פּרשה „בשלח״ הייבט זיך אָן מיטן וואָרט „ויהי״ בשלח פּרעה את העם״, און עס איז געווען, ווען פּרעה האָט אַרויסגעשיקט די ייִדן פֿון מצרים. „ויהי״, איז שטענדיק אַ לשון פֿון צער (למשל: די מגילה הייבט זיך אָן מיט דעם דאָזיקן לשון). איז דאָך אַ פֿראַגע: פֿאַר וואָס איז דאָס געווען אַ צער, ווער פּרעה האָט אַרויסגעשיקט די ייִדן פֿון מצרים?

אדרבא, יציאת־מצרים איז דאָך די גרעסטע היסטאָרישע שמחה פֿון אונדזער פֿאָלק.

אָבער — האָט דער רבי איינגעטייטשט — נאָך אַלע אותות ומופֿתים, וואָס דער אייבערשטער האָט געוויזן אין מצרים, נאָך די צען מכות, וואָס ער האָט געבראַכט אויף די מצרים, זענען נאָך אַלץ די ייִדן נישט אַרויסגע־גאַנגען פֿון מצרים אַליין, נאָר פּרעה האָט זיי געמוזט אַרויסשיקן...

באמת, איז דער גלות שווער פֿאַר ייִדן. און שווער איז ער בעיקר דער־מיט, וואָס ניט נאָר בלייבן די ייִדן צוגעוווינט מיטן גלות, נאָר דער גלות דרינגט אין זיי אַריין און פֿאַרנעמט זייער מוח און זייער האַרץ.

און דער גרעסטער היסטאָרישער נס איז דאָך טאַקע געווען, דאָס אַרויס־נעמען אַ גאַנץ פֿאָלק פֿון גלות, און דאָס שפּעטערדיקע אַרויסנעמען דעם גלות פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשקלאַפֿטער און גלות־איינגעזעסענער עדה דורך

געבן זיי אַ מענטשלעך פרייהייט־געזעצגעבונג, דורך דערהייבן זיי מיט אַן עשרת־הדברות, דורך געבן זיי אַ תורה און פאַרוואַנדלען זיי אין אַן עם הספר.

ווי זינגט עס אַ משורר וועגן הערצלען צו זיין פטירה:

„מעדר עבדים, ללוחמים נהפכנו", פון אַ טשערעדע קנעכט זענען מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קעמפערס.

דאָס איז דער גרעסטער זיג און דאָס איז די ווונדערבאַרסטע עפּאָפּייע, ווען מען האָט דאָך אַרויסגענומען די יידן פון זייער מאַטעריאַליסטישער פאַרשקלאַפונג, פון זייער עגל־הזהבדיקייט.

דאָס איז דער זיג פון גייסט איבער מאַטעריאַליזם; פון מצה, וואָס סימבאָליזירט גייסטיקייט, איבערן חמץ, איבערן זויערן ניכטערן מאַטעריאַליזם.

אגב, האָבן אַפילו די מאכלים פון די יידן אינעם מדבר געפירט צו אָט דעם דאָזיקן ציל: אַנשטאָט דעם סיר־הבשר, דעם פליישטאָפּ; אַנשטאָט די פיש און ציבעלעס, וואָס מען גיט שקלאַפן צו עסן (אגב, געפינט מען אויף די פיראַמידן אויפשריפטן, אַז דער און דער פרעה האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל און אַזוי פיל טאָנען ציבעלעס און קנאָבל צו שפייזן די שקלאַפן־אַרבעטער, אויף צו בויען די פיראַמידן) גיט מען זיי גאָר איידעלע מצה, מן, שפייז געפאַלן פון הימל, הימלישע שפייז, און זיי אויסגעלערנט דערמיט, אַז: „לא על הלחם בלבד יחיה האדם", ניט בלויז אויף ברויט אַליין, בלויז אויף מאַטעריאַליזם, קען דער מענטש לעבן.

אין דעם באַשטייט, דאַכט זיך מיר, די גרויסקייט פון יציאת־מצרים, אין דעם אַרויסנעמען דעם עדר־עבדים און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ ממלכת־כהנים, אין אַ גוי קדוש, ניט נאָר אין אַן עקאָנאָמיש זאַטן פאָלק, נאָר אויך אין אַ גייסטיק־ געהויבענער עדה.

און עס דערמאָנט זיך טאַקע דערביי, ווי אַ גוטער ייד האָט אַ מאָל געפרעגט אַ יידן ביים געבן אים שלום: — וואָס מאַכסטו? האָט יענער געענטפערט: — אַ דאַנק ג', רבי, איך בין געזונט, איך האָב פרנסה, נחת פון קינדער.

האָט אים דער רבי ווידער אַ מאָל געפרעגט:

— וואָס מאַכסטו?

האָט דער ייִד נאָך אַ מאָל געענטפֿערט: ב״ה, איך בין געזונט, איך האָב פּרנסה, איך האָב נחת פֿון קינדער.

האָט דער רבי אים צום דריטן מאָל געפֿרעגט: — וואָס מאַכסטו?

האָט יענער ווידער געענטפֿערט דאָס זעלביקע.

איז דער רבי געוואָרן עטוואָס אין כעס:

— איך פֿרעג דיך דריי מאָל „וואָס מאַכסטו?״ און דו ענטפֿערסט מיר אַלץ: געזונט, פּרנסה, קינדער. איך האָב דאָס גאָר ניט געמיינט. דאָס ווייס איך שוין פֿון לאַנג. אָבער איך פֿרעג דיך: „וואָס מאַכסטו״ אין תורה, עבודה און גמילות חסדים? אין מידות, און ווי איז דיין גייסטיקער צושטאַנד? דייך מענטשלעכע דערהויבנקייט?

און דעם דאָזיקן „וואָס מאַכסטו״? האָט משה, דער גואל און געזעץ־געבער, אַריינגעגעבן אונדזער גאַנצן ייִדישן פֿאָלק לדורות.

דער דאָזיקער גייסטיקער באַוווסטזיין פֿון דערהויבנקייט, פֿון מידות־טובות, דאָס אַרויספֿירן די ייִדן פֿון גלות און קנעכטשאַפֿט און דאָס אויס־וואָרצלען פֿון זיי דעם גלות און עבדות, דאָס איז טאַקע זיכער דער הויפּט־מאָטיוו פֿון דעם פּאַרזאַג, אַז יציאת־מצרים זאָל טאָגטעגלעך זיין פֿאַר אונדז אַ צייכן, אַן אות „על ידך״, אויף אַלע אונדזערע טוונגען און אַ „זכרון״, אַ פּערמאַנענטער אָנדענק „בין עיניך״, פֿאַר אונדזערע אויגן, און דעריבער הייבן זיך טאַקע אָן די עשרת־הדברות, די באַזע פֿון דער מענטשלעכער עטיק און מאָראַל מיטן „אנכי״, וואָס האָט באַוויזן אַרויסצוהייבן אַ גאַנץ פֿאָלק פֿון שפּלות און קנעכטשאַפֿט, ווי אַ סימבאָל פֿאַר אונדז ווי פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט, ווי מען קען זיך דערהייבן פֿון מאַטעריעלער פֿאַרקנעכטונג צו גייסטיקער פֿרייהייט.

פּסח, די אַקס פון אונדזער געשיכטע

אַרום פּסח דרייט זיך די אַקס פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע. אַזוי, אַז פּסח איז געוואָרן דער צענטראַלסטער פּונקט פון אונדזער פאָלק־עקסיסטענץ אַ יום־טוב וואָס האָט אָפּגעשטעמפּלט לדורות דעם גייסט פון אונדזער אומה.

עס איז אַזוי ווי די תורה האָט אונדז אָנגעצייכנט: „החדש הזה לכם ראש־חדשים“, דער דאָזיקער חודש ניסן, דער חודש פון פּסח, איז פאַר אייך דער ראש, דער וויכטיקסטער פון אַלע חדשים, דער מיילשטיין פון אונדזער לאַנגער געשיכטע.

ניסן איז ענלעך צום העברעישן וואָרט „ניצן“, וואָס וויל זאָגן אַ שפּראָץ, אַ בליט. ער איז דער חודש פון פרילינג, און ער איז ווירקלעך געוועזן דער פרילינג פון אונדזער פאָלק, פון זיין גייסט, פון זיין יוגנט, און כידוע, לייגט די יוגנט אַרויף איר חותם אויף אַ גאַנץ לעבן.

לויט ווי די יוגנט ווערט געפורעמט, אַזוי געשטאַלטיקט זי דאָס וויי־טערדיקע לעבן ביי אַ מענטשן. אַזוי אויך ביי אַ פאָלק. אַזוי אַז יענע יוגנט האָט אָנגעצייכנט דעם גאַנצן ווייטערדיקן גאַנג און גייסט פון אונדזער פאָלקס־לעבן. דער יום־טוב פּסח איז אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס „פּסח לדורות“, אַלס אייביקער סימבאָל פאַר אונדז אַלעמען.

די פּסח־סימבאָליק איז, לכן, פאַר אונדז שטענדיק ניי, שטענדיק אַקטועל.

אינטערעסאַנט איז ווי דער „חתם־סופר“ דערקלערט די שטעל פון דער הגדה, ווו דער רשעה פרעגט: — „מה העבודה הזאת לכם“, וואָס איז פאַר אייך אַלע יאָר די זעלביקע עבודה, דער זעלביקער סדר?

אָבער — דערקלערט עס דער „חתם־סופר“ — אין דעם טאָקע ליגט

די גרויסקייט פֿון אונדזער פֿאָלק, דער סוד און יסוד פֿון אונדזער עקסיס־טענץ. דאָס נישט אָפּנייגן פֿון דעם אַלטן סדר, דאָס נישט איבעראַנדערשן די אַמאָליקע פֿירונגען, נאָר דאָס ממשיך־זיין פֿון יאָר צו יאָר, פֿון דור צו דור, איז אונדזער גייסט, אין אונדזער אורשפּרינגלעכן שטייגער־אַרט.

דווקא דערפֿאַר, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן נישט געביטן אין מצרים זייערע יידישע נעמען, זייער לשון, זייער לבוש, האָבן זיי זוכה געווען אויס־געלייזט צו ווערן פֿון מצרים. דווקא דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער שפּראַך, ביי זייער פֿירונג, ביי זייערע יידישע נעמען, זיי האָבן נישט רעפֿאָרמירט, נישט געענדערט — האָט זיי געגעבן דעם זכות פֿון דערגרייכן די גאולה.

דאָס איז די גרויסע לערע לדורות פֿון דעם יציאת־מצרים־דור.

נאָך מער: מיר קענען אָפּלערנען פֿון אָט־יענעם קאַפּיטל אַ רייע פֿאַקטן, וואָס האָבן טאַקע אַוועקגעשטעלט דעם יום־טוב פּסח אַלס צענטער אין אונ־דזער געשיכטע.

ווען משה און אהרן קומען בעטן פּרעהן ער זאָל די יידן לאָזן גיין אין מדבר, זאָגן זיי אים בפֿירוש דעם מאָטיוו:

— „נזבחה לה׳ אלקינו" — מיר ווילן דינען אונדזער ג־ט.

מיט שטאָלץ, אָן פֿאַרבאַהאַלטנקייט, שטעלן זיי אַוועק דעם מאָטיוו פֿון זייער וועלן גיין אין מדבר, צו זייער ג־ט, אים צו דינען, מקריב־זיין צו אים קרבנות. דאָס איז אַן אַקט פֿון אומגעהייערן יידישן שטאָלץ און מסירת־נפֿש, בעמענדיק אין אַכט אַז זיי זענען ביי פּרעהן פֿיזיש אַזוי פֿאַרשקלאַפֿט און געבויגן, אַזוי געבראָכן און אונטערגעדריקט, קומען זיי דאָך צום קעניג, בעטן ער זאָל זיי געבן עפּעס אַ קאָנצעסיע, נייערט ער זאָל זיי דערלויבן פֿריי צו דינען זייער ג־ט.

און נאָך מער, בולטער קומט אַרויס זייער איינשטעלעניש, זייער קידוש־השם, וויסנדיק אַז זיי ווילן מקריב־זיין די בהמות, וואָס זענען ביי די מעכ־טיקע מצרים, זייערע הארן, פֿאַררעכנט פֿאַר געטער.

און ווי גרויס איז זייער מסירת־נפֿש פֿאַר זייער אמונה, ווען זיי גרייטן צו עטלעכע טעג פֿריִער די שעפּעלעך פֿאַרן קרבן־פּסח, און אין גאַנץ מצרים זענען זיי דאָך פֿאַרגעטערט. דאָך האַלטן זיי די יידן פֿיר טעג צייט גרייט, און ווי מען קען זיך פֿאָרשטעלן האָט מען דאָך געהערט זייער מעקען, וואָס

דאָס שטעלט דאָס לעבן פֿון די ייִדן זיכער אַוועק אין דער גרעסטער סכנה, פֿאַרן דערוועגן זיך פּוגע־זיין אין דעם אָפּגאָט פֿון זייערע הערשערס.

און נאָך גרעסער איז זייער מסירת־נפֿש ביים שעכטן אין מצרים די שעפּעלעך, וואָס דאָס איז דאָך אַן אָפֿענער אָנגריף אין דעם גלויבן פֿון די מצרים, ממש אַן אַטענטאַט אויף זייערע אָפּגעטער. אָבער ווען עס האַנדלט זיך וועגן זייער אמונה, שטעלן זיך די פֿאַרשקלאַפּטע ייִדן פֿאַר גאָר נישט אָפּ.

און דער קליקאַמקס פֿון זייער מסירת־נפֿש דערגרייכט דאַן, ווען נאָכן האַלטן געבונדן עטלעכע טעג די שאָף, און נאָכן מקריב זיין זיי, נעמען זיי ערשט דאָס בלוט פֿון די שעפּעלעך און שמירן אָן די מזוזות פֿון זייערע טירן, די גאַנצע וועלט זאָל דאָס זען.

מילא, ביי די ערשטע צוויי מסירת־נפֿש־אַקטן קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן ווי ווייט מעגלעך פֿאַרבאַהאַלטן און פֿאַרדעקט די שעפּעלעך אינעווייניק, אין די הייזער, ד״ה דאָס האַלטן גרייט די שאָף און דאָס מקריב זיין זיי, אָבער דאָס אָנשמירן דאָס בלוט אויף די ביישטידלעך פֿון די טירן, איז דאָך געווען די עפֿנטלעכסטע ייִדישע דעמאָנסטראַציע פֿון זייער גלויבן און דאָס גרעסטע מסירת־נפֿש און קידוש־השם־אַקט, ווייל עס האָט זיי דאָך געדראָט דאָס ערגסטע מצד די צאָרנדיקע מעכטיקע עגיפּטישע אונטערדריקערס.

אָבער דווקא די פֿיזיש פֿאַרשקלאַפּטע ייִדן אין מצרים האָבן לדורות געוויזן אַזאַ גרויסע לעקציע פֿון מוט, פֿון קרבנות־גרייטקייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אמונה, וועגן זייער גלויבן, וועגן דעם אויסגעטראָטענעם טראַדיציע־וועג פֿון זייערע אָבות.

ס׳איז דאָך מערקווירדיק, וואָס דווקא אין מצרים, דאָס קלאַסישע לאַנד פֿון די מ״ט שערי טומאה, האָבן ייִדן, פֿיזיש דערדריקטע, אויפֿגעהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט, זייער אייגענע גייסטיקע פּערזענלעכקייט, זייער נאַציאָנאַלן שטאַלץ און זיך נישט אונטערגעגעבן דער הערשדיקער קולטור, דער לאָקנדיקער סביבה, נייערט זיי האָבן ווייטער געשפּינט זייער אייגענעם שטייגער־לעבן.

און וואָס עס איז אויך מערקווירדיק איז דאָס, וואָס אין אַזעלכע קלעג־

לעכע באַדינגונגען, האָבן זיי אויך זייערע קינדער געגעבן אַ ייִדישן חינוך, זיי באַפּאַנצערט מיט די ייִדישע אידעאַלן.

פּיזיש זענען זיי געווען שקלאַפן, גייסטיק — פּרינצן.

איז דאָך שוין זעלבסטפאַרשטענדלעך, דער מנהג ביים סדר צו זיצן אונטערגעלענט אַזוי ווי די פּרינצן. און אַז יעדער טאַטע איז אַ מלך, יעדע ייִדישע מוטער — אַ מלכה, און אַלע ייִדישע קינדער — פּרינצן און פּרינצעסנס, ווייל גייסטיק זענען אונדזערע אורעלטערן אין מצרים געווען פּרינצן.

מערקווירדיק איז אויך די שילדערונג פון סיפּור מצרים. אַז ווען פּרעה מלך מצרים פּרעגט די ייִדישע פאָרשטייער: — „מי ומי הולכים", ווער וועלן עס זיין די וואָס וועלן גיין אין מדבר דינען דעם ייִדישן ג־ט? ענטפערן זיי:

— „בנעורינו ובזקנינו נלך" — מיט אונדזער יוגנט און מיט אונדזערע אַלטע וועלן מיר גיין.

דאָ איז פּרעה געוואָרן אויסער זיך פון גרויס כעס און ער האָט זיי פאַרטריבן.

אין דעם „בנעורינו ובזקנינו נלך" ליגט טאַקע די גאַנצע גרויסקייט פון יענע ייִדן. עס זעט זיך דערפון אַרויס אויף דעם קלאָרסטן אופן, אַז נישט נאָר האָבן זיי אַליין אין זיך געטראָגן די ייִדישע אידעאַלן, נאָר אין דעם גייסט האָבן זיי אויך געגעבן אַ ייִדישן חינוך זייערע קינדער, זייער יוגנט.

אדרבא: פריִער שטעלן זיי אַרויס „בנעורינו", מיט אונדזער יוגנט. די יוגנט איז געווען די ערשטע צו טראָגן דעם פּסח־אידעאַל, דעם גאולה־טרוים, די ייִדישקייט, און נאָך דעם קומט ערשט: „בזקנינו", די עלטערע.

גליקלעך איז דאָס פאָלק וואָס די יוגנט איז זיין אַוואַנגאַרד, וואָס די יוגנט איז די טרעגערן פון זיינע אידעאַלן. דאָס איז דאָך די שטרעבונג און דער טרוים פון אַלע אומות. אַזאַ פאָלק האָט דאָך פאַרזיכערט זיין מאָרגן, איז דאָך באַפּאַנצערט אויף זיין צוקונפט.

דערפאַר איז ביי דעם זאָג פּרעה געוואָרן אויסער זיך פון כעס. ווייל ער, וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן די גזירה, אַז אַלע ערשט געבוירענע ייִדישע ייִנגלעך זאָל מען אַריינוואַרפן אין טייך, כדי דאָס ייִדישע פאָלק זאָל אויף אַ פּיזישן אופן אונטערגיין, האָט נישט בלויז דאָס נישט דערגרייכט, נאָר אדרבא: ער זעט אַז נישט נאָר פּיזיש, נייערט דאָס וואָס עס איז פאַר

אים ערגער — גייסטיק איז די יידישע יוגנט מיט איר פֿאָלק. און דווקא זיי זענען עס די ערשטע צו גיין דינען זייער ג־ט, זיי טראָגן אין זיך די קער־נער פֿון זייער גלויבן און זייער קולטור.

ווען פּרעה האָט מיט זיין גזירה נישט דערגרייכט דעם פֿיזישן אונטער־גאַנג פֿון די יידישע שקלאַפֿן, האָט ער זיכער געגלייבט, אַז גייסטיק וועט די יידישע יוגנט זיך אַסימילירן. דאָס האָט זיך דאָך געלייגט אויפֿן שכל, נעמענדיק אין אַכט זייער שפּלדיקן מצב און זיי וועלן זיכער זיך וועלן אַרויסרייסן פֿון זייער יידישקייט־בונד און זיך אַסימילירן מיט די הערשנ־דיקע מעכטיקע עגיפּטערס.

אָבער דאָ האָט ער צו זיין גרויסער שטוינונג און גרימצאָרן דערהערט עפּעס אַזוינס וואָס האָט אים פֿאַרווירט:

„בנעורינו”, מיט אונדזער יוגנט בראש וועלן מיר גיין דינען אונ־דזער ג־ט!

און פּרעה האָט זיכער געמיינט, אַז נאָך יאָרן לאַנגער שקלאַפֿעריי וועט אויך די יידישע מענטאַליטעט, דער יידישער גייסט, די יידישע מחשבה פֿאַרשקלאַפֿט ווערן. אָבער דאָס איז גליקלעכערוויז אַזוי נישט געשען.

די יידן זענען אונטערגעדריקט געוואָרן, אָבער זיי זענען פֿאַר קיין פֿאַל נישט „פֿאַרשקלאַפֿט” געוואָרן. אין זייער אינערלעכקייט זענען זיי געווען פֿרייע מענטשן, און זיי האָבן דאָס באַוויזן ביי יציאת־מצרים.

דעריבער שטייט טאַקע מיט רעכט: „והוצאתי אתכם תחת סבלות מצרים” — איך וועל אייך אַרויסנעמען פֿון אונטער דער דערדריקטקייט פֿון מצרים, און עס שטייט נישט „תחת עבדות מצרים”, פֿון דער שקלאַפֿעריי פֿון מצרים, ווייל די יידן זענען נאָר געווען פֿיזיש דערדריקט אָבער פֿאַר קיין פֿאַל נישט גייסטיק פֿאַרשקלאַפֿט.

זיי האָבן נאָר סובל געווען (פֿון וואָרט „סבלנות”), דאָס הייסט, געליטן, אָבער זיי זענען בשום אופֿן נישט געווען אין זייער געדאַנק, אין זייער מענ־טאַליטעט, קיין עבדים, קיין קנעכט.

דאָס איז די גרויסע לערע פֿון אָט־יענער עפּאָפּייע פֿון יציאת־מצרים, וואָס איז לדור־דורות געוואָרן דיביישפּילפֿולע אַקס אין אונדזער לעבן, פֿון וואַנען מיר קענען און דאַרפֿן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער.

און דאָס איז טאַקע דער זינען פֿון: „בכל דוד ודור חייב האָדם לראות

את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים״, אַז אין יעדן דור דאַרף זיך דער ייִד־
באַטראַכטן ווי ער אַליין וואָלט באַפרייט געוואָרן פון מצרים. ער דאַרף פון
זיך אַראָפּטרייסלען די מצרישע שקלאַפעריי, די מצרישע פּרווון פון פיזיש
רעדוצירן אונדזער פאָלק, פון גייסטיק אַסימילירן אונדזער יוגנט, פון מאָ־
ראַליש פאַרקנעכטן אונדזער גייסט, נאָר, אדרבא: ער דאַרף אינעם ליכט
פון יענע באַדינגונגען, וואָס קיין ערגערע קענען נישט זיין, זיך אויסלערנען
ווי צו טראָגן הויך און פעסט, מיט שטאָלץ און מסירת־נפש די ייִדישע אי־
דעען, דעם ייִדישן גלויבן, די ייִדישע טראַדיציע, דעם ייִדישן נאָמען, דעם
ייִדישן לשון און די ייִדישע קולטור.

ל״ג בעומר

ל״ג בעומר, דער יום-טוב פון ייִדישער גבורה

אין דעם גרויסן קאַמף, וואָס איז פֿאָרגעקומען צווישן יהודה און רוים, וואָס איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿונעם לעגענדאַרן ייִדישן העלד בר־כוכבא און גייסטיק אונטערגעשטיצט דורך דעם גרויסן תנא רבי עקיבא, און אין וועלכן, ווי מען גלייבט, עס איז געפֿאַלן אַ גאַנצער האַלבער מיליאָן ייִדן, וואָס דאָס איז געווען אַ ריזיקער מענטשן־סכום און אַוודאי אין יענער צייט, ווען מען האָט אָפּערירט מיט טויזנטער מענטשן, אָבער נישט מיט קיין מיליאָנען, איז געקומען צום אויסדרוק אין דער פֿולער מאָס, די ייִדישע דערהויבנקייט, די ייִדישע גבורה, דער העלדנמוט און דער קאַמף פֿאַרן ייִדישן כבוד, ווי נאָך קיין מאָל נישט פֿריִער.

און די העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן אַלע פֿאָלקס־טיילן, סיי דער המון־עם ווי די גייסטיקע ייִדישע עליטע, וואָס האָט מקדש־השם געווען ברבים פֿאַר זייער תורה און אמונה.

אַלס רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרמעסט צווישן דער אין צאָל קליי־נער און אין גייסט גרויסער יהודה, און דער דאַן פֿילפֿאַכיק מעכטיקער וועלטמאַכט רוים, האָבן ביידע צדדים דערפֿאַרן פֿאָלגנדיקס:

יהודה האָט סוף־כל־סוף פֿאַרשטאַנען, אַז פֿיזיש וועט זי נישט קענען באַזיגן די שטאַרקע רוים, און רוים האָט פֿאַרשטאַנען, אַז גייסטיק וועט זי נישט מנצח זיין די קליינע יהודה.

עס איז געווען אַ נישט גלייכער פֿאַרמעסט צווישן פֿיזישע און גייס־טיקע כוחות, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז יעדער איינער פֿון די קעמפֿנ־דיקע צדדים האָט די איבערהאַנט אויף אַן אַנדערן געביט.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק פֿאַרן בר־כוכבא־אויפֿשטאַנד, נאָכן

חורבן בית־שני, איז אין רוים געפּייערט געוואָרן דער זיג איבער דער רעבעלירנדיקער יהודה, מיטן אויפשטעלן דעם טיטוס־טויער, אויף וועלכן מען האָט אויסגעקריצט די ווערטער: „יהודעא קאַפּטאַ", יהודה איז באַזיגט. אָבער דער זיג איז בלויז געווען אַ פיזישער, ווייל אין עטלעכע זעכציק יאָר אַרום האָט ווידער אויפגעהעלט דער אויפשטאַנד קעגן רוים, מיט מער קראַפט און גייסטיקער פּאָטענץ, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיינע שפורן אין אונדזער געשיכטע אויף אייביק.

ד״ר יוסף קלויזנער האָט וועגן דעם זייער טרעפלעך זיך אויסגעדריקט: די בר־כוכבא־העלדן זענען געפאַלן, אָבער זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ בלוט־טראָפּן, וואָס בליט און לעבט־אויף אין פאַרשיידענע העלדישע תקופות, און דער דאָזיקער בלוט־טראָפּן באַקומט זיין תיקון אין אונדזער לאַנד.

און אויב אין פיזישן זין האָבן ייִדן נישט שטענדיק באַבליט אָט דעם דאָזיקן בלוט־טראָפּן, נאָר עס האָבן געדאַרפט קומען געוויסע געשיכטעמאַכנדיקע מאָמענטן, האָט אָבער דער גייסטיקער כוח אויפגעלעבט און געווען וואַך אין אַלע צייטן, ביז היינט צו טאָג.

רבי עקיבאס ערשטער מוסטער פון שטאַרבן מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער און אין דעם ביישפּיל פון טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן זיך געלאָזט ברענען און בראָטן פאַר זייער אמונה, און וואָס האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה מיט אָט דעם דאָזיקן „שמע ישראל" אויף אַלע פייערן און שייטערהויפנס, וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען אין די שבעה מדורי־גהינום.

רוימס זיג איבער יהודה איז געבליבן בלויז אין אַ טויטן שטיין, אין טיטוסעס טויער. אָבער דער „תן לי יבנה וחכמיה" פון אַ ר׳ יוחנן בן־זכאי און דער „שמע ישראל" פון ר׳ עקיבא, זענען געבליבן ווי לעבעדיקע פייער־זיילן ביים ייִדישן פאָלק.

עס ווערט אין דער תורה דערציילט, אַז ווען משה רבנו איז אַראָפּ מיט די לוחות פונעם באַרג סיני, נאָכן זוימען זיך אויף אים פערציק טעג און ער האָט דערזען ווי די ייִדן האָבן זיך געמאַכט אַן עגל הזהב, האָט ער אַ שליידער געטאָן די לוחות, זיי צעבראָכן, צעשטויסן אויף פּיץ־פּיצלעך און זיי צעמאָלן, ווייל דער גרויסער פירער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט אין שטיין, נישט אינעם אויסקריצן די צען געבאָט אויף שטיינערנע לוחות,

ליגט דער כוח פֿון דער ייִדישער עטיק, נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף די זעלביקע אויסקריצן אויפֿן האַרצן פֿון דעם פֿאָלק. און דאָס האָט ער געטאָן, שוין נישט אין צען טעג נאָר אין גאַנצע 40 יאָר פֿון לערנען דאָס פֿאָלק אין מדבר.

רוימס פֿיזישע גבורה און מאַכט איז געבליבן פֿאַרשטיינט, אָבער יהודהס מעכטיקער גייסט איז געבליבן איינגעקריצט אויף אייביק אין די הערצער פֿון די ייִדישע זין און טעכטער.

און טרעפֿלעך דריקט זיך אויס רבי חנינא בן טרדיון, ווען ער שטייט אַן איינגעוויקלטער אין דער ברענענדיקער תורה און איז מקדש־השם ברבים: „הגוילין נשרפין והאותיות פורחות באויר" — די פּאַרמעטן ברע־נען, אָבער די אותיות שוועבן אין דער לופֿטן, ד"ה די מאַטעריע ווערט צעשטערט, אָבער דער גייסט בלייבט און שוועבט איבער רוים און צייט.

מיר האָבן, אגב, אַמאָל געלייענט אָדער ערגעץ געהערט, אַן אינטע־רעסאַנטע וויסנשאַפֿטלעכע טעאָריע:

אַז די קלאַנגען גייען קיין מאָל נישט פֿאַרלוירן אינעם קאָסמאָס, נאָר זאַמלען זיך אין די אייבערשטע לופֿט־ספֿערן, אַ שטייגער ווי פֿונעם דאַמף ווערן וואָלקנס. און אַז מען וועט אפֿשר אַ מאָל קענען דערפֿינדן אַזאַ אַפּאַ־ראַט, וואָס זאָל קענען אויפֿנעמען אַלע צונויפֿגעזאַמלטע קלאַנגען וואָס זע־נען אַרויסגעלאָזט געוואָרן במשך דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, ווי קולות, רעשן, מוזיק, געזאַנג, אאַז"וו וועט מען דאָך אויך קענען אויפֿ־כאַפּן די געטלעכע שטימע פֿון „אנכי", פֿון די עשרת־הדברות, ווען ג' האָט געגעבן די צען געבאָטן אויף דעם פֿלאַמיק־רויכערנדיקן סיני־באַרג.

צי דאָס איז בלויז אַ וויסנשאַפֿטלעכע היפּאָטעזע, צי עס וועט אַ מאָל זיין אַ ווירקלעכקייט, אָבער דאָס איז אונדז געקומען אויפֿן זינען טראַכטנ־דיק, אַז אויב די פֿיזישע קלאַנגען זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען, זענען אָבער די קלאַנגלאָזע גייסטיקע שטימעס איבערגעגאַנגען צו אונדז פֿון דור צו דור און הילכן־אָפּ מיט מעכטיקע ווידערקולות אין אונדזערע ייִדישע הערצער און נשמות, ווו עס זאַמלט זיך אויף דער העלדנמוט־רוף פֿון אַלע ייִדישע דורות, זינט דעם וויגעלע פֿון אונדזער עקסיסטענץ ביז היינט צו טאָג.

„סייפֿא וספֿרא ירדו לעולם" — די שווערד און דער ספֿר זענען אַראָפּ

אויף דער וועלט און געזיגט האָט דאָך דער ספֿר, די פּאַפּירענע בלעטער זענען דאָך שפּורבאַרער ווי דער קאַלטער מערדערישער שטאָל.

די שווערד קען, חלילה, פֿאַרניכטן די וועלט און דער ספֿר, די תּורה, איז „חיינו וארך ימינו", אונדזער לעבנסקוואַל און לעבנס־דויער.

עס זענען געבליבן אַ סך סימבאָלן פֿון ל"ג בעומר. איינער פֿון די סימ־באָלן איז דאָס אַרויסגיין מיט פֿייל און בויגן אין וואַלד אַריין און שיסן אויף דיביימער. דאָס זאָל זיין אַן אָנדענק פֿון בר־כּוכבאס קאַמף קעגן די רוימישע סאָלדאַטן. אָבער אויב פֿייל און בויגן סימבאָליזירן מיר בלויז איין מאָל אין יאָר ל"ג בעומר, איז דאָס לערנען תּורה, פֿאַר וועלכן רבי עקיבא האָט זיך מקריב געווען און אַזוי אויך די אַנדערע פֿון די עשׂרת הרוגי־מלכות, אויף אַ גאַנץ יאָר. די גייסטיקע קראַפֿט נעמט אַרום אונ־דזער פֿאָלק אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר.

אָדער די תּורה פֿון אַ רבי שמעון בן יוחאי, וואָס האָט דרייצן יאָר נאָך אַנאַנד זיך אויסבאַהאַלטן מיט זיין זון אין אַ הייל, כּדי צו לערנען תּורה, באַהויכט אונדז מיט אַ מעכטיק פֿייער, נאָך אַ גרעסערער ווי די הדלקה וואָס מען מאַכט טאַקע אויף זיין קבר אין מירון, ל"ג בעמור צו זיין יאַרצייט.

דאָס איז דער אמתער שטענדיקער ,זהר", ליכט, וואָס באַהעלט אונ־דזער לעבן.

און אינטערעסאַנט איז שוין ביז גאָר דעם חתם סופֿרס באַהויפּטונג, אַז אין ל"ג בעומר האָט אָנגעהויבן צו פֿאַלן דער מן אין מדבר, ווי דאָס זאָל אויך זיין אַ באַשטעטיקונג און אַ סימבאָל פֿון דעם הימלישן שפּייז, פֿון דעם מן וואָס סימבאָליזירט גייסטיקע דערהויבנקייט און נישט קיין חמצדיקע פֿיזיש־ מאַטעריאַליסטישע סימבאָלן.

און ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער טראַדיציאָנעלער מאָ־טיוו, אַז ל"ג בעומר האָט אויפֿגעערט די מגפֿה צווישן רבי עקיבאס תּלמידים, וואָס זענען געשטאָרבן צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט אָפּגע־געבן כּבֿוד איינער דעם אַנדערן. דאָס איז אַ ביישפּילפֿולע באַגרינדונג און אַ הויך־עטישער מענטשלעכער מאָטיוו, אַפֿילו פֿאַר אַ מגפֿה.

ל"ג בועמר איז דעריבער דער טאָג פֿון פֿיזישער און גייסטיקער גבֿורה, פֿון דער צונויפֿזאַמלונג פֿון די בעסטע און דערהויבנסטע מענטש־לעכע יידישע ווערטן, פֿון דער דורותדיקער אָקומולירונג פֿון גייסטיקע

מעכטיקע קלאַנגען, פֿון דעם „אָנכי" אויפֿן באַרג סיני ביזן „שמע ישראל" פֿון רבי עקיבא און דעם תורהדיקן אותיות־געשוועב פֿון רבי חנינא בן טרדיון.

איז שוין דעריבער פֿאַרשטענדלעך פֿאַר וואָס די „וויצא" פֿון ישראל האָט דווקא אָט־דעם דאָזיקן טאָג, ל״ג בעומר, אויסגעקליבן אַלס מוטער־טאָג און די ייִדישע יוגנט אין ישראל — אַלס יוגנט־טאָג.

ווייל סיי די ייִדישע מאַמע, וואָס איז דער גרעסטער דערציִונג־פֿאַק־טאָר פֿון דעם נייעם אויפֿוואַקסנדיקן דור און סיי די יוגנט, וואָס איז די טרעגערן און יורשטע פֿון די נאָבלסטע אידעאַלן און טוגנטן פֿון אונדזער אומה, שעפּט פֿון ל״ג בעומר דעם קוואַל פֿון ייִדישער גבורה, גייסטיקע און פֿיזישע, און ווערט מיט איר פֿאַרפֿאַנצערט אויף איר גאַנצן לעבנסוועג.

ווייל בר־כוכבאס מיט רבי עקיבאס גייסט, רבי חנינא בן טרדיונס באַ־נעמונג פֿון דעם אייביק דויערנדיקן כוח פֿון אונדזערע ייִדישע אותיות, רבי שמעון בר־יוחאיס תורהדיק ליכט, שטעלן פֿאַר דעם סינטעז פֿון די קלאַנגען פֿון אונדזער אומה, וואָס האָבן אויפֿגעציטערט הערצער און אויפֿ־געשפּילט די סטרונעס פֿון אונדזער פֿאָלקס־נשמה און אויף איר אויסגעצ־ניגונט דאָס אייגנאַרטיק אייביק ייִדיש דורותדיק געזאַנג.

און עס קומט אונדז דערביי אויפֿן זינען אַן אויפֿטוערישער איינפֿאַל פֿון אַ היינטצייטיקן ייִדישן גייסטיקן מנהיג, וואָס האָט געזאָגט: אַז אינעם נאָמען פֿון אונדזער פֿאָלק, ד״ה „ישראל", געפֿינען זיך די ראשי־תיבות פֿון די דריי אָבות און די פֿיר מוטערס פֿון ייִדישן פֿאָלק, נעמלעך: אין דעם ערשטן אות „י" — יצחק און יעקב; „ש" — שרה; „ר" — רבקה און רחל; „א" — אברהם; „ל" — לאה. און דעריבער פֿאַראייניקט ישראל די אַלע גוטע מידות פֿון אונדזערע אבות און אמהות. ל״ג בעומר איז אויך אַזאַ מין סומירונג און אַקומולאַציע פֿון די בעסטע טוגנטן און מידות, פֿון דער גייס־טיקער פּאָטענץ און גבורה פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס איז געבליבן ווי אַ וועגווייזער לייכט־טורעם אויף אַלע אייביקייטן.

ל״ג בעומר, דער סימבאָל פֿון ייִדישער אומבאַזיגבאַרקייט

ח. נ. ביאַליק שילדערט אין זיין מייסטערהאַפֿטער פּאָעמע וועגן די „מתי־המדבר", די טויטע ייִדן וואָס זענען אַרויס פֿון מצרים און האָבן געפֿונען זייער טויט אין די הייסע גליִענדיקע זאַמדן פֿון דעם פֿורכטיקן בדמר, ווי די קופּערנע מחנה פֿון די יוצא־מצרים דרעמלט אין דעם זאַמד איר מאַיעסטעטישן אייביקן שלאָף, און ווי פֿון מאָל צו מאָל באַווייזט זיך פֿאַר דער מאַיעסטעטישער מחנה אַ ווילדער מדבר־לייב, וואָס ציטערט־אויף דעם שטילן מדבר מיט זיין מעכטיקן געברום, ער וויל זיך אַ וואָרף־טאָן אויף דער שלאָפֿנדיקער מחנה, אָבער אין דער לעצטער מינוט ציט ער זיך צוריק אין אָנבליק פֿון דער זון קופּערנער אָפּגעברוינטער העלדן־מחנה, וואָס זעט אויס מאַכטיק אין איר דרימל.

אַזוי באַווייזט זיך אויך פֿון מאָל צו מאָל דער קעניג פֿון די עופֿות דער שטאַרקער אָדלער, וואָס וויל אַ פּיק טאָן מיט זיין מעכטיקן שנאָבל, אָבער אין דער לעצטער רגע ציט ער אָפּ, פֿאַרווירט פֿון דער פּראַכט פֿון די פֿון דער זון אָפּגעברענטע יוצאי־מצרים.

אַזוי געשעט אויך מיט דער צישנדיקער שלאַנג, וואָס שאַרט זיך שלוי און איז שוין גרייט אַריינצושפּריצן איר גיפֿט, נאָר אין דער לעצטער ווייַלע טרעט זי אַ דערשראָקענע אָפּ פֿאַר די טויטע פֿון מדבר, פֿאַרבליפֿט פֿון זייער קופּערנער גבורה.

סיי דער לייב ווי דער אָדלער, ווי די שלאַנג, האָבן נישט די קראַפֿט צו באַזיגן די פֿאַרשטיינערטע מחנה, וואָס איז 4.000 יאָר אַלט.

באַמערקט דערביי ד״ר קלויזנער וועגן ביאַליקס פּאָעמע, אַז דאָס סימבאַליזירט דער דיכטער דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס איז צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט ווי אַ לעבעדיקע מומיע, אַזוי ווי די „מתי מדבר", וואָס

עקסיסטירט שוין אַ צוויי טויזנט יאָר אַ דאַנק דעם כוח פֿון זיין יידישקייט, אין דעם שרעקלעכן גלותדיקן מדבר, און קיינע כוחות, ווי מעכטיק זיי זאָלן נישט זיין, אַזוי ווי דער לייב, ווי אויך קיין שום דרוק פֿון אויבן, אַזוי ווי פֿון דעם אָדלער, אָדער די פֿינצטערע פֿאַרשטעלטע לויערנדיקע גע־פֿאַרן, אַזוי ווי פֿון דער שלאַנג, זענען נישט אין שטאַנד זיי צו באַזיגן.

צווייטנס: אויב די עופֿות און חיות פֿון מדבר דערוועגן זיך נישט צוצו־רירן צו די טויטע פֿון מדבר, איז דאָס דער בעסטער סימן אַז זיי לעבן, אַז זיי זענען נישט טויט.

דערמאָנט זיך שוין דערביי דער טעם וואָס דער ראש־ישיבה „חכמי לובלין", הרב מאיר שאַפּיראָ ז"ל האָט אַמאָל אָנגעגעבן וועגן דעם ווי אַזוי האָט יוסף הצדיק געקענט באַשיידן דעם חלום פֿון דעם בעקער־מייסטער פֿון פּרעהן, אַז אין דריי טעג אַרום וועט אים דער קעניג אויפֿהענגען.

מען דערציילט — האָט רב שאַפּיראָ געזאָגט — אַז אויף אַן אויסשטע־לונג פֿון באַרימטע מאָלערס האָט מען געוויזן אַ וווּנדערבאַר בילד פֿון אַ גרויסן מאָלער, וואָס שטעלט פֿאָר אַ מענטשן וואָס האַלט אַ קויש מיט פּרוכטן. דאָס בילד איז געווען אַזוי מייסטערהאַפֿט געמאָלן, אַז עס האָט ממש אויסגעזען ווי לעבעדיק, אויף אַזוי ווייט, אַז פֿייגל האָבן געמיינט אַז דאָס זענען אמתע לעבעדיקע פּרוכטן און פֿלעגן קומען צו פֿליִען זיי צו עסן.

דאָס דאָזיקע בילד האָט אַרויסגערופֿן אַלעמענס באַגייסטערונג אויף אַזוי פֿיל, אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַ פּרעמיע פֿאַר דעם וואָס וועט דערין געפֿינען אַ חסרון.

איז געקומען אַ קלוגער מאַן און ער האָט געוווּנען די פּרעמיע, ווייל ער האָט אין דעם בילד אויסגעפֿונען אַ וועזנטלעכן פֿעלער און ער האָט דאָס באַגרינדעט אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן:

אמת איז, אַז די פּרוכטן זעען אויס ווי לעבעדיק, אָבער דאַקעגן איז דער מענטש וואָס האַלט דעם קויש מיט די פּרוכטן אין גאַנצן נישט גע־ראָטן. ווייל וואָלט אויך דער מענטש אויסגעזען לעבעדיק, וואָלטן דאָך די פֿייגל פֿאַר אים מורא געהאַט און וואָלטן נישט געקומען צו פֿליִען עסן די פּרוכטן. ווייל, כידוע, האָבן די פֿייגל מורא פֿאַר אַ לעבעדיקן מענטשן. און אויב זיי זענען יאָ געקומען צו פֿליִען, איז דאָס אַ סימן אַז דער מענטש האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען אַ טויטער מענטש.

אַזוי איז אויך געווען דער חלום פֿון פּרעהס בעקער־מייסטער: ער האָט אין זיין חלום געזען, ווי ער טראָגט געפּלאָכטענע קערב מיט ברויט, און די פֿייגל קומען און פּיקן פֿון דעם ברויט. האָט יוסף פֿאַרשטאַנען, אַז דער בעקער־מייסטער, ד״ה דער טרעגער פֿון די קערב איז אַ טויטער מענטש, ווייל, אין קעגנטייל, פֿאַר אַ לעבעדיקן מענטשן וואָלטן די פֿייגל נישט דערוועגט צו קומען פּיקן פֿון זיינע ברויטקערב.

אַזוי איז אויך געווען מיט אונדזער פֿאָלק: מיר זענען טאַקע געווען אַ לעבעדיקע מומיע צווישן די פֿעלקער, אָבער קיין שום אויסערלעכע קראַפֿט האָט אונדז נישט געקענט באַזיגן, אַ דאַנק אונדזער אומגעבראָכענעם גייסט; אַ דאַנק אונדזער פֿעסט־פֿעלזדיקן ווילן פֿון צי׳ען ווייטער די עקסיסטענץ אַלס פֿאָלק. און אַ דאַנק אָט דעם ווילן און גייסט האָבן מיר איבערגעלעבט אַלע געפֿאַרן פֿון דעם שרעקלעכן מדבר פֿון אונדזער געשיכטע.

און אָט־דער גייסט איז אַמבולטסטן געקומען צום אויסדרוק אין ל״ג בעומר, אין דעם יום־טוב וואָס דערמאָנט אונדז אומפֿאַרגלייכלעכע פֿיזישע און גייסטיקע גבורה פֿון אונדזער אומה קעגן דער ברוטאַלער מאַכט פֿון די רוימישע אונטערדריקערס .

עס איז דאָ געקומען צו דעם צוזאַמענגוס פֿון גייסטיקער פֿעסטקייט און פֿיזישן כוח, און ביידע צום דינסט פֿונעם ייִדישן כבוד, פֿאַרן ייִדישן נאָמען, פֿאַר דער ייִדישער אמונה און ייִדישער טראַדיציע.

פֿון איין זייט די לעגענדאַרע העלדישקייט פֿון אַ בר־כוכבא, וואָס האָט באַוויזן צו באַזיגן די מעכטיקע רוימישע אַרמייען, און במשך פֿון דריי יאָר צייט הערשן אַלס קעניג פֿון יהודה. אויך איז מערקווירדיק דער העלדישער אומבייגזאַמער און ביישפּילפּולער קאַמף פֿון בר־כוכבאס אַרמיי און דעם גאַנצן ישוב פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון לאַנד, אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט ביזן לעצטן אָטעמצוג, ביזן לעצטן בלוטטראָפּן, אין וועלכן עס זענען געפֿאַלן אַ האַלבער מיליאָן ייִדן (אַ פֿאַנטאַסטישע צאָל געפֿאַלענע פֿאַר יענע צייטן). און געקעמפֿט האָבן דאָ אַלע פֿאָלקסשיכטן, אַריינגערעכנט די ישיבה־לייט, די טויזנטער תלמידים פֿונעם גרויסן תנא רבי עקיבא, וואָס האָט זיכער אונטערגעשטיצט דעם פֿרייהייט־קאַמף.

און פֿון דער צווייטער זייט איז געקומען אויך צום אויסדרוק דער אומ־

פאַרגלייכלעכער העלדנמוט און מסירת־נפש פון די בעסטע זין פון יידישן פאָלק, פון דער גייסטיקער עליטע פון אונדזער אומה, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דער יידישער תורה אויך ביזן לעצטן אָטעמצוג און פאַר אַלעמען מקדש געווען פאַרן יידישן גלויבן.

אָט ווי רבי עקיבא, וואָס איז געווען דער ערשטער צו שטאַרבן מיט אַ „שמע ישראל" אויף די ליפן, ווי אַ רבי שמעון בר־יוחאי, וואָס איז מיט זיין זון אַנטלאָפן פון די רוימער און 13 יאָר געלעגן באַהאַלטן אין אַ הייל און געלערנט די ליכטיקע סודות פון דער תורה; און ווי די אַנדערע גרויסע תנאים, וואָס האָבן זיך געלאָזט ברענען און טויטן און געוויזן אַ ביישפיל ווי צו לעבן און ווי צו שטאַרבן פאַר זייער תורה, זייער גלויבן.

בר־כוכבאס קאַמף האָט זיך טאַקע פאַרענדיקט טראַגיש, אָבער ער האָט געלאָזט אַן אומאָפּמעקלעכן שפּור אין אונדזער געשיכטע, אַ מאַיעסטעטישן קלאַנג פון גבורה. יענע גבורים זענען אויך געווען אַ מין „מתי־המדבר", פאַר וועלכע דער אויסערלעכער שונא בלייבט שטיין פאַרווירט און פאַרבליפט פאַר זייער מאַיעסטעטישקייט, פאַר זייער גבורה־פראַכט.

ל״ג בעומר איז דעריבער געבליבן ווי אַן אייביקער סימבאָל פון אומזיגבאַרן גייסט, וואָס לעבט־אויף פון תקופה צו תקופה און צינדט אָן מיט זיין הערלעכן ביישפּיל די הערצער פון דער יוגנט בכל דור ודור.

אַ גבורה, וואָס פאַרכאַפט אַלע טיילן און שיכטן; אַ צונויפגעגאָסענע גבורה, פון גייסטיקן און פיזישן כוח, וואָס אַנטשפּרעכט די שטרעבונגען און אידעאַלן פון דעם גאַנצן פאָלק.

איז דאָך נישט שוין קיין וווּנדער, וואָס ל״ג בעומר איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי דער יוגנט־טאָג אין ישראל, ווי דער מוטער־טאָג פון דער „ווי־צאָ", ווייל סיי די יוגנט, סיי די מוטערס, דאָס הייסט די הויפּט־זיילן פון דער יידישער משפחה, זענען פאַראייניקט אין זייער מאַניפעסטאַציע פאַרן כבוד, פאַרן גייסט פון אונדזער אומה, און דאָס איז דאָך די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער גאַנצקייט, פאַר דער פּראַכט, פאַר דער אומבאַזיגבאַרקייט פון אונדזער נאַציע.

אינטערעסאַנט איז די מיינונג פון דעם „חתם סופר" ז״ל, לויט וועלכן אין ל״ג בעומר זאָל האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן דער מן אין מדבר.

אַזוי, אַז די דאַטע פאַלט זיך צונויף מיט יציאת־מצרים, מיט די „יוצאי

מצרים״, מיט די „מתי המדבר״ און עס טרעפֿן זיך צונויף אויף דעם העל־דישקייט־לייטער פֿון אונדזער אומה, צוויי העלדישע פּרעכטיקע מאַיעסטעטישע מחנות קעמפֿערס, איינע וואָס האָט צעריסן די קייטן פֿון שקלאַפֿעריי פֿון מצרים און זיך געלאָזט אויפֿן וועג פֿון דער אויסגעטרוימטער גאולה, צו זייער פֿאַרשפּראָכן לאַנד, און האָט אין זיין גאולה־גאַנג געטראָפֿן זיין קבר אין די הייסע גליִיקע מדבר־זאַמדן; און די צווייטע מחנה, וואָס האָט צעריסן די קייטן פֿון דער רוימישער אונטערדריקונג און געווען זעלבסט־שטענדיק אַ דריי יאָר צייט, און וואָס האָט געפֿונען זיין טויט אין דעם קאַמף פֿאַר זיין אויסגעטרוימטן לאַנד און געפֿונען זיין קבר אין דער הייליקער ערד פֿון ישראל.

ביידע מחנות האָט פֿאַראייניקט איין אידעאַל פֿון גייסטיקער און פֿיזישער פֿרייהייט. ביידע האָבן זייער ציל נישט דערגרייכט, אָבער דערפֿאַר האָבן זיי איבערגעלאָזט אין אונדזער געשיכטע דעם אָנדענק פֿון „מתי־המדבר״, פֿאַר וועמען די גרעסטע שונאים בלייבן שטיין פֿאַרגאַפֿט אין אָנבליק פֿון זייער אומבאַזיגבאַרן גייסט, פֿון זייער העלדישן פֿלאַם, פֿון זייער גבורה־פּראַכט, און וואָס האָבן איבערגעענטפֿערט אונדזער פֿאָלק פֿאַר זיין ווייטערדיקן מדברדיקן גלות, דעם קערן פֿון דער אייביקייט. אַזאַ אייביקייט, וואָס ווערט טאַקע אָפֿט מאָל פֿאַרשאָטן פֿון די גלותדיקע זאַמדן, אָבער וואָס אין דער אמתן שטאַרבט זי קיין מאָל נישט, נאָר שאָקלט זיך אָפּ פֿון אָט־די הייס־גליִיקע זאַמדן, און וואָס ווערט ווידער פֿאַרוואַנדלט אין דער קופּערנער אייזערנער גבורים־מחנה, שטאַרקער פֿון די לייבן, פֿון די אָדלערס און פֿון די שלאַנגען וואָס הויערן און לויערן אויף זיי.

שבועות

שבועות, דער יום-טוב פון ייִדישן גייסט

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס לויט דער תורה האָבן אַלע ייִדישע ימים טובים זייערע באַשטימטע דאַטעס אין אונדזער לוח. למשל, ביי פסח ווערט אָנגעגעבן אין וועלכן טאָג ער פאַלט אויס, ד״ה 14 טעג אין ניסן, ביי נאַכט. דאָס גלייכן סוכות, ראש־השנה, יום־כיפור א״אַ. נאָר ביי שבועות ווערט נישט אָנגעגעבן די דאַטע. עס ווערט נאָר געזאָגט, אַז זיבן וואָכן זאָל מען ציילן נאָך פסח, דאָס הייסט, אַז שבועות איז שטענדיק געבונדן מיט פסח. און דער נאָמען אַליין פון דעם יום־טוב שבועות מיינט וואָכן, פון וואָרט שבוע.

און אייגנטלעך איז טאַקע שבועות די דערגענצונג צו פסח.

ווייל אָן שבועות וואָלט פסח קיין זין נישט געהאַט, און אָן דער גייס־טיקער פרייהייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיניי, אָן דעם „זמן מתן תורתנו״ וואָלט די פיזישע פרייהייט קיין שום האַפט נישט געהאַט.

זאָגט דאָך טאַקע בפירוש אַזוי וווּנדערבאַר טרעפלעך אונדזער תורה, נאָכן באַקומען די תורה אויפן הר סיני: „היום נהיית לעם״, היינט ביסטו געוואָרן אַ פאָלק.

ווייל אין פסח איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר אונדזער אומה און אין שבועות — פאַר אונדזער אמונה און קולטור.

און אחד־העם האָט עס זייער טרעפלעך פאָרמולירט ביים רעדן וועגן דער גרויסקייט פון משה רבנו:

— מיט יציאת מצרים האָבן די האַרן די האַרן אויפגעהערט צו זיין האַרן („פרעה וחילו טבע בים״ — פרעה און זיין חייל זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים־סוף), אָבער די שקלאַפן (די ייִדן) האָבן נישט אויפגעהערט צו זיין

שקלאַפֿן און משה האָט זיי ערשט געדאַרפֿט אויספֿורעמען אַלס פֿאָלק.

און ביז גאָר אינטערעסאַנט איז, ווי עס באַצייכנט משהן דער דיכטער היינריך היינע:

„— אין מיין יוגנט — שרייבט ער — האָב איך משהן נישט ליב גע־האַט, ווייל דער גריכישער גייסט האָט מיך באַהערשט און איך האָב נישט געקענט מוחל זיין דעם ייִדישן געזעצגעבער זיין שנאה צו אַלע סאָרטן אָפּ־בילדער (קונסט).

אָבער איך האָב נישט געוווסט, אַז משה אַליין איז געווען אַ גרויסער קינסטלער... ער האָט נישט אויפֿגעבויט, אַזוי ווי די מצרים, קיין אָנדענק־סטאַטועס פֿון האָלץ און שטיין... ער האָט גענומען אַ קליינעם אָרעמען שבט און פֿון אים אויסגעפֿורעמט זיין פֿאָלק, אַ פֿאָלק אַ גרויס, אַן אייביקס און אַ הייליקס, אַ געטלעך פֿאָלק, וואָס וועט דינען פֿאַר אַ מוסטער פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ער האָט באַשאַפֿן דאָס ייִדישע פֿאָלק!

דער זון פֿון עמרם און יוכבד האָט געמאַכט אַזאַ מין סטאַטוע, וואָס וועט איבערלעבן אַלע הילצערנע און שטיינערנע אָפּבילדער...“

דערין ליגט טאַקע דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן אונדזער ייִדישן גייסט און דעם גריכישן אָדער נישט־ייִדישן גייסט: בעת די נישט־ייִדן האָבן געלייגט זייער טראָפּ אויף עסטעטיק, אויף אויסערלעכע פֿאָר־מען, האָבן מיר, ייִדן, געלייגט אונדזער טראָפּ אויף עטיק, אויף דער אי־נערלעכקייט. און בעת די עסטעטיק, די אויסערלעכע פֿאָרמען בייטן זיך נאָך אַנאַנד און פֿאַרגייען, איז אונדזער אינערלעכער גייסט פֿעסט־פֿעלדזיק, אומפֿאַרענדערלעך צעמענטירט און אייביק־דויערנדיק.

עס איז די באַקאַנטע אַלטע ייִדישע פֿאַרמעטענע בריק, וואָס איז פֿיל מעכטיקער פֿון די אַלע נישט־ייִדישע אייזערנע בריקן.

אין שבועות איז, אַלזאָ, געלייגט געוואָרן דער יסוד פֿאַר דעם דאָזיקן אומבייגזאַמען מעכטיקן ייִדישן גייסט, און עס איז דער יום־טוב, וואָס האָט, ווי געזאָגט, דערגענצט אונדזער פֿרייהייט־יום־טוב פּסח.

הרב עמיאל ז״ל האָט דאָס וווּנדערבאַר פֿאָרמולירט:

פּסח איז דער „חג האָביב“, דער פֿרילינג־יום־טוב, ד״ה פֿון די בלומען.
שבועות איז דער „חג הקציר“, דער יום־טוב פֿון שניט, פֿון די פֿרוכטן.
פּסח איז דעריבער דאָס מיטל; שבועות — דער ציל.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס אין פּסח איז פאָרגעקומען דער שניט פון גערשטן און אין שבועות — דער שניט פון ווייץ.

ווייץ שטייט העכער פון גערשטן, איז דורכגעזיפּטער. ווייל ביים אַרויס־גייען פון מצרים האָבן מיר בלויז דערגרייכט נאָך נישט קיין גאַנצע, ריינע, פולקאָמע פרייהייט; שבועות איז שוין די פרייהייט געוואָרן פולער, דורכ־געזיפּטער, געלייטערטער.

איז טאַקע ביז גאָר מערקווירדיק, וואָס איינער פון די טעמים פאַר וואָס מען עסט מילכיקס אין שבועות איז דאָס וואָס דאָס פאָלק איז דאַן, ביי מתן־תורה, ווי ערשט נאָר וואָס געבוירן געוואָרן, און אַן ערשט גע־בוירענעם גיט מען דאָך מילך צו זייגן...

און דאָס גלייכן, איז איינער פון די טעמים פון דעם מנהג פון גרינס אויף שבועות, דאָס וואָס גרינס סימבאָליזירט דעם פרילינג, ד״ה די יוגנט פון אונדזער פאָלק, וואָס איז ביים באַקומען די תורה ווי טאַקע ערשט גע־בוירן געוואָרן און געשטעלט זיינע ערשטע טריט אויף דער וועלט, און דאָס איז טאַקע געווען זיין העכסט פרילינגדיקע יוגנט־צייט.

און ווי זאָגט דאָס טאַקע דער נביא ירמיה, אַז ג־ט זאָגט צום ייִדישן פאָלק: „זכרתי לך חסד נעוריך, אהבת־כלולותיך״, איך געדענק דעם גנאָד פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט, „לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה״, ווען דו ביסט נאָך מיר געגאַנגען אין מדבר, אין אַן אומגע־זייט לאַנד.

אַלע ייִדישע ימים טובים טראָגן סיי אַ נאַטור, אָדער אַגריקולטור־כאַראַקטער, סיי אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן געשיכטלעכן קולטור־כאַראַקטער. למשל, פּסח איז דער „חג האָביב״, דער פרילינג־יום־טוב, וואָס איז געבונדן מיט דער נאַטור און אַגריקולטור און גלייכצייטיק — דער „זמן חרותנו״, דער פרייהייט־יום־טוב, ד״ה געבונדן מיט אונדזער געשיכטע, מיט אונדזער פרייהייט אַלס נאַציע. סוכות איז דער „חג האסיף״, דער יום־טוב פון איינ־זאַמלען די תבואה און גלייכצייטיק דער חג הסוכות, דער יום־טוב, וואָס דערמאָנט אונדז אונדזער געשיכטע, די צייט וואָס מיר האָבן געוואַנדערט אין מדבר. און שבועות איז דער „חג הקציר״, דער יום־טוב פון שניט (פון דער נאַטור), דער „חג הבכורים״, דער יום־טוב פון די ערשט־צייטיקע

פּרוכטן (פֿון אַגריקולטור) און איז גלייכצייטיק דער „זמן מתן תורתנו", דער יום־טוב פֿון באַקומען די תורה.

איז דעריבער מערקווירדיק וואָס מיר מאַכן די ברכה: „מקדש ישראל והזמנים", ער (ג') הייליקט דאָס פֿאָלק ישראל און די צייטן, ד"ה די געשיכטע. ווייל — האָט אַמאָל אַ גדול געזאָגט — די נאַטור קענען מיר נישט ענדערן, זי איז אייביק אומפֿאַרענדערלעך, געבונדן צו די שטענדיקע נאַטור־געזעצן אָבער דערפֿאַר פֿון דער געשיכטע זענען מיר אירע שעפֿער.

אונדזערע ימים טובים נעמען אַרום סיי רוים, סיי נאַטור, סיי צייט, סיי געשיכטע.

דעריבער האָט אַ צווייטער גרויסער ייִד אײַנגעטייטשט:

— פֿאַר וואָס הייסט נישט שבועות „זמן קבלת תורהתנו", דער יום־טוב פֿון באַקומען די תורה, נאָר גאָר „זמן מתן תורהתנו", דער טאָג ווען עס איז אונדז געגעבן געוואָרן די תורה?

—— דאָס איז דערפֿאַר, ווייל מתן תורה, דאָס געבן אונדז די תורה איז פֿאָרגעקומען בלויז איין מאָל אין אונדזער געשיכטע, אויפֿן באַרג סיני. דערפֿאַר אָבער קבלת תורה, דאָס באַקומען די תורה, דאָס נעמען אויף זיך דעם עול־התורה, קענען מיר אַלע טאָג.

דעריבער שטייט טאַקע, אַז ביים באַרג סיני זענען נישט נאָר געשטאַנען די דעמאָלטיקע ששים רבוא ייִדן מיט זייערע פֿרויען און קינדער, נאָר אַלע דורות, וואָס דאַרפֿן געבוירן ווערן ביז אַלע אייביקייטן. דאַן איז שוין פֿאַרשטענדלעך, וואָס ביים נעמען די תורה האָבן די ייִדן געגעבן אַלס גאַראַנטיע זייערע קינדער, ד"ה די אויפֿוואַקסנדיקע דורות.

און ס'איז דאָך ביז גאָר מערקווירדיק, וואָס די נייגונג צו קבלת־התורה, די גייסטיקע פּרעדיספּאָזיציע צו די עטישע ווערטן פֿון די עשרת־הדברות און פֿון אונדזער תורה ליגט טאַקע אין אונדז אַליין.

און דאָס באַווייזט דאָך אַמבולטסטן דער אַלט־אַבאַקאַנטער מדרש, אַז דער אייבערשטער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין תורה און זי אָנגעבאָטן אַלע פֿעלקער און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעמען, ווייל גלייך ווי זיי האָבן געפֿרעגט וואָס אין איר שטייט געשריבן, האָבן זיי זי אָפּגעוואָרפֿן היות זי איז געווען אין קעגנזאַץ צו זייער לעבנס־אויפֿפֿאַסונג און נאַטור. און נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט זי גלייך מקבל געווען און אַפֿילו אין

גרויס איילעניש אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געזאָגט, גלייך ווי מען האָט זי זיי אָנגעבאָטן: „נעשה ונשמע״. זיי האָבן זיך געאײַלט צו זאָגן פּריער דעם „נעשה״ פאַר דעם „נשמע״, ווייל זיי האָבן בחוש דערשפּירט, אַז אָט די תורה איז די פּאַסיקסטע צו זייער לעבנסאַרט, זייער לעבנס־אויפפאַסונג און זייערע לעבנס־באַדינגונגען, און אַנטשפּרעכט גענצלעך זייער נאַטור.

און דעריבער איז די תורה געוואָרן נישט בלויז אַ פאָלקס־קנין, נאָר דאָס אייגנטום פון יעדן יידישן יחיד באַזונדער.

איז דאָך שוין דאָן מער ווי פאַרשטענדלעך, וואָס די עשרת־הדברות זענען נישט געגעבן געוואָרן בלשון רבים, נאָר טאַקע בלשון יחיד: „לא תגנוב״, זאָלסט נישט גנבענען (און נישט „לא תגנובו״, איר זאָלט נישט גנבענען).

די עשרת־הדברות, די תורה, רעדט צו יעדן יידיש האַרץ באַזונדער, צו יעדן יידן, וואָס איז אַ טייל פון יידישן גייסט וואָס באַהערשט אים און איז זיין לעבנס־אינהאַלט.

און אויך איז מערקווירדיק דער פאַקט וואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן דווקא אין מדבר, אין קיינעמס לאַנד, ווי אונדזערע חכמים האָבן דאָס געזאָגט, ווייל תורה איז נישט אָפּהענגיק אין לאַנד, אין רוים, נאָר אין יעטוועדן אָרט און אין יעטוועדער צייט קען מען זי מקיים זיין.

און ווירקלעך האָבן מיר דאָס געזען אין אונדזער געשיכטע, ווי אומעטום האָט די תורה געהאַט אַ באַדן וווּ צו גדייען. אַזוי זיינען שוין אין מדבר געגעבן געוואָרן די צען געבאָט, דאָרטן זיינען שוין געלערנט געוואָרן די געזעצן פון דער תורה, אַפילו די וואָס האָבן צו טאָן דירעקט מיט ארץ ישראל און איר אַגריקולטור, ווי למשל שמיטה, יובל, שכחה, פאה, לקט אאַז״וו.

אַזוי זעען מיר אויך ווי דער תלמוד וואָס איז דווקא אַממערסטן געלערנט געוואָרן ביי יידן איז דער „תלמוד בבלי״ און נישט דער ירושלמי.

אַזוי זעען מיר ווי אין פוילן האָט מען געלערנט מער תורה ווי אין ארץ ישראל און אין בבל. אַזוי זעען מיר ווי די גרויסע ריזיקע שאַפונגען ווי טאַקע דער תלמוד בבלי, דער שלחן ערוך, די פוסקים, זיינען דווקא געשאַפן געוואָרן אין גלות, און די גרעסטע גדולים, ווי דער רמב״ם, רש״י, די פוסקים, ראשונים ואחרונים, זיינען געבוירן געוואָרן אין גלות.

אַפילו דער יום־טוב שמחת־תורה איז געשאַפֿן געוואָרן דורך די ייִדן אין גלות, די חסידישע באַוועגונג אַאַ״וו.

אַזוי אַז דער ייִדישער גייסט האָט אַרומגענומען דאָס ייִדישע פֿאָלק ווו עס זאָל זיך נישט האָבן געפֿונען, זינט דעם מאָמענט ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפֿן באַרג סיני, אין מדבר, אין קיינעמס לאַנד, ביז היינט צו טאָג, אין אַלע צייטן און אין די אומענדלעכע צעזיטקייטן און צעשפּרייט־קייטן פֿון אונדזער פֿאָלק איבער אַלע קאָנטינענטן, איבער אַלע לענדער און שטעט בכל תפֿוצות ישראל.

דער ייִדישער גייסט האָט געפֿונען זיין באָדן, זיין טעריטאָריע, אין אַלע „ירושלימס״, צי איז דאָס געווען אין ירושלים, עיר־הקודש, צי איז דאָס געווען אין „ירושלים דליטא״, צי איז דאָס געווען אין „ירושלים דאַר־גנטינה״, צי איז דאָס געווען אין בבל, אין מיינץ, וואָרמס, צי אין שפּייערן, צי אין שפּאַניע, צי אין פּוילן, צי אין דער ליטע, צי אין שאַנכיי, אָדער גאָר אין ניו־יאָרק, און אומעטום ווו עס קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון אַן עדה ייִדן, אַהינצו איז דערגאַנגען און זיך געצויגן דער ייִדישער גייסט, די ייִדישע גייסטיקע טעריטאָריע, און זיי באַלעבט און גענערט מיט זיינע זאַפֿטן, מיט זיין אומבייגזאַמקייט און דויערהאַפֿטיקייט.

און די תורה איז טאַקע געוואָרן אונדזער לעבנס־ליכט: „תורה — אורה״ —, ווי עס זאָגט זיך, תורה איז ליכט און אונדזער וועגווייזער, ווי עס טייטשט זיך אויך תורה פֿון וואָרט לערנען און מדריך־זיין.

און עס איז טאַקע פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז שבועות קומט פֿון וואָרט „שבועה״, ווייל ייִדן האָבן זיך געגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן אייביק מקיים זיין די תורה, און דאָס דערווייזט אונדז ווירקלעך אונדזער גאַנצער גאַנג אין דער געשיכטע, אַז שבועות איז טאַקע פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם געשווירענעם יום־טוב פֿון ייִדישן גייסט, וואָס האָט געלייגט דעם שטעמפּל אויף דער פֿיזיאָנאָמיע פֿון אונדזער פֿאָלק און אויסגעטראָטן זיין גאַנג אויף אַלע אייביקייטן.

שבועות, דער יום-טוב פון מתן תורה

דערציילט דאָך אונדז דער באַקאַנטער מדרש, אַז דער אייבערשטער האָט ביים וועלן צווינגען די ייִדן אָנצונעמען די תורה, אויסגעבויגן איבער זיי דעם באַרג, אַזוי ווי אַ פֿאַס, און צו זיי אַזוי געזאָגט:

— אם תקבלו את התורה מוטב, ואם לא שם תהא קבורתכם. אויב איר נעמט אָן די תורה איז גוט, אויב נישט, זאָל דאָרטן (אונטערן באַרג) זיין אייער קבר.

האָט אַ גדול בישראל עס זייער פֿיין אויסגעטייטשט:

דער מענטש לאָזט יעדן מאָמענט, יעדע שעה און טאָג איבער „שם", דאָ און דאָרט, שטיקער פֿון זיין לעבן. איז אויב ער האָט שכל און נעמט אויף זיך די תורה אויף זיין קורצן לעבנס-וועג, איז אים „מוטב", גוט, אלא אויב נישט, איז אַנשטאָט צו פֿאַרברענגען די שעהען און טעג פֿון זיין לעבן אין תורה און העכערע גייסט-ענינים, איז „שם תהא קבורתכם", באַגראָבט ער זיינע טעג „דאָרטן", דאָ און דאָרט, ביי מינדערוויכטיקע און ווערטלאָזע זאַכן, פֿאַרשווענדט ער און פֿאַרטאַכלעוועט זיין לעבנס-אָפּשניט.

אַ צווייטער האָט צוגעגליכן דאָס מענטשלעך לעבן צו אַ לאַבירינט, און האָט געגעבן פֿאָלגנדיקן משל:

אויב אַ מענטש גייט אַריין אין אַ פֿינצטערן לאַבירינט, און ער וויל וויסן דעם וועג אויף צוריק, אַרויסצוגיין, כדי ער זאָל נישט פֿאַרבלאָנ־דזשען אין אים, און געפֿינען דעם אַרויסגאַנג, דאַרף ער מיטנעמען מיט זיך אַ פֿאָדעם און אים ציען זיין גאַנצן וועג אינערהאַלב דעם לאַבירינט. און האַלטנדיק דעם פֿאָדעם, קען ער לייכט געפֿינען דעם וועג צוריק צום אַרויסגאַנג.

אַזוי איז אויך מיט דער תורה: די תורה איז דער ליכטיקער פאָדעם אינעם מענטשלעכן פינצטערן לעבנס־לאַבירינט, בכדי ער זאָל נישט בלאָנ־דזשען און געפינען אין אים זיין ריכטיקן לעבנס־וועג.

און ווי האָט עס אַ גוטער ייִד טאַקע געטייטשט:

„זאת התורה לכל נגע הצרעת״, די דאָזיקע תורה איז די בעסטע רפואה צו אַלערליי אָנשיקענישן און פלאָגן, ווי עס זאָגן טאַקע אונדזערע חכמים: „הש בראשו — יעסק בתורה״, ווער עס פילט קאָפּווייטיק, זאָל עוסק זיין אין תורה.

און די תורה איז נישט נאָר אַ פאָלקס־קנין און נישט נאָר אַ טעאָרע־טישער ענין, נאָר אַ לעבנס־פירונג, אַ לעבנס־סיסטעם.

מען דערציילט אַז אסרו־חג, נאָך שבועות, האָט איין מאָל דער רבי ר׳ שמחה־בונם — פון פשיסכע, צונויפגערופן די ייִדישע יונגעלייט פון זיינע חסידים, און צו זיי געזאָגט:

— די תורה דערציילט אונדז, אַז נאָך קבלת־התורה, האָט דער איי־בערשטער געזאָגט צו משהן: „לך אמר להם: שובו לכם לאהליכם״, גיי זאָג זיי (די ייִדן): קערט זיך אום אין אייערע געצעלטן.

יאָ, זיי האָבן מקבל געווען די תורה. איך וואָלט אָבער שוין וועלן זען, ווי אַזוי עס וועט זיין נאָכן „שובו לכם לאהליכם״, ווי אַזוי זיי וועלן זיך אויפפירן אין דער היים...

איז דאָך שוין כאַראַקטעריסטיש דער מדרש, אַז הקב״ה האָט אָנגע־באָטן אַלע פעלקער די תורה און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעמען, אויסער די ייִדן, ווייל די תורה איז בלויז געווען צוגעפּאַסט צו דער לעבנס־אויפפאַסונג פון די ייִדן, צו זייער אַרט־דענקען, אַרט־פילן און אַרט־פירן זיך. דעריבער האָבן זיי זי אָנגענומען מיט אַ פייערלעכן „נעשה ונשמע״.

און עס וועט דעריבער זיין ביז גאָר אינטערעסאַנט צו ברענגען פאַר די לייענער, דעם איינטייטש פון דעם ראַדזינער רבין ר׳ גרשון־העניך ז״ל:

די חז״ל זאָגן, אַז איידער דער רבונו של עולם האָט די בני־ישראל געגעבן די תורה, האָט ער פריִער זי אָנגעבאָטן די בני־עשו און די בני־ישמעאל, וואָס האָבן דעם אייבערשטן געפרעגט:

— „תורה, מה כתיב בה״?, וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה? די ערשטע, האָט ג׳ געענטפערט: לא תרצח, זאָלסט נישט מאָרדן;

די צווייטע — לא תגנב, זאָלסט נישט גנבענען. האָבן די בני עשו און די בני־ישמעאל צוריקגעוויזן ג־טס תורה, צוליב די געזעצן וואָס זיינען אין קעגנזאַץ פֿון דער פֿירונג פֿון זייערע אורעלטערן וואָס האָבן געלעבט פֿון רציחה און גניבה, און וואָס איז צו זיי איבערגעגאַנגען בירושה.

און ווען די ייִדן האָבן געפֿרעגט דעם אייבערשטן: „תורה, מה כתיב בה?״, וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה?, האָט ער זיי נישט געענטפֿערט: „לא תרצח״, „לא תגנב״, נאָר „אנכי״.

ס׳איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז ווען דער רבונו של עולם וואָלט די בני־עשו און די בני־ישמעאל געענטפֿערט מיט „אנכי״, וואָלטן זיין אויך, גלייך ווי די ייִדן, געוועזן אָנגענומען זיין תורה באהבה.

אָבער — האָט דער ראַדזינער רבי איינגעטייטשט — עס איז דער מנהג פֿון דער וועלט, אַז ווען אַ רב אָדער אַ רבי מאַכט חתונה זיין טאָכטער צו אַ חתן וועמעס אורעלטערן זיינען געווען גנבים אָדער רוצחים, זאָל ער וואָרענען דעם חתן: — איך גיב דיר מיין טאָכטער פֿאַר אַ פֿרוי, בתנאי, זאָלסט נישט נאָכטאָן די די מעשים פֿון דיינע אורעלטערן, וואָס אַזאַ וואָרענונג איז אין גאַנצן איבעריק ווען דעם חתנס אָבות־אַבותיו זיינען געווען ערלעכע ייִדן, צדיקים.

און צווייטנס, — האָט דער ראַדזינער רבי צוגעגעבן — אַזוי ווי די אַלע פֿעלקער האָבן אָנגעהויבן שרייבן און לייענען פֿון לינקס צו רעכטס, האָט דערפֿאַר דער אייבערשטער אויף דער פֿראַגע פֿון די בני־עשו און בני־ישמעאל: — וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה, געענטפֿערט זיי לויטן סדר ווי זיי שרייבן און לייענען, פֿון לינקס צו רעכטס. זענען דעריבער די ערשטע געבאָטן פֿון די עשרת־הדברות אַרויסגעקומען: „לא תרצח״, „לא תגנב״ אאַז״וו. די ייִדן אָבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן און לייענען פֿון רעכטס צו לינקס, האָט דער אייבערשטער דעריבער גערעדט צו זיי פֿון רעכטס צו לינקס. איז דעריבער דער ערשטער דיבור געווען: „אָנכי״...

און האַלטנדיק שוין וועגן די עשרת־הדברות, איבערהויפּט וועגן „לא תרצח״, למשל, קען מען דאָך פֿרעגן: פֿאַר וואָס האָט מען די ייִדן געגעבן דעם דאָזיקן געבאָט, ווען מיר ווייסן, אַז אויך פֿאַר מתן־תורה זענען ביי די איבעריקע פֿעלקער געווען די זיבן מצוות פֿון די בני־נח (שבע מצוות בני־נח), וואָס צווישן זיי איז געווען דער געבאָט פֿון נישט מאָרדן?

אָבער דער אונטערשייד פֿון דעם „לא תרצח" פֿון די איבעריקע פֿעל־קער און דעם געטלעכן געבאָט פֿון די עשרת־הדברות וואָס זענען געגעבן געוואָרן די ייִדן, איז פֿאָלגענדיקער:

די אַנדערע פֿעלקער האָבן דעם „לא תרצח" צוגעפּאַסט לויט זייער איינזען. אַט, למשל, האָבן די פֿעלקער, צום ביישפּיל, די נאַציס, ימח שמם, באַגרינדעט זייער פֿעלקער־אויסמאָרדונג, צוליב ראַסיסטישע טעמים, צוליבן ווילן שאַפֿן אַ העכערע ראַסע, אָדער צוליב עוטאַנאַסיע, רחמנות־געפֿילן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין דערמאָרדן קריפּלען אָדער אַנדערע קראַנ־קע. בעת ביי אונדז, ייִדן, זענען די צען געבאָט געטלעך, אַן אַקסיאָמע, וואָס מיר, מענטשן, האָבן נישט קיין רעכט צו ענדערן, אונטער קיינע אומשטענדן און צוליב אירגענד וועלכע איז טעמים, נאָר נאָכן „נעשה ונשמע", דאַרפֿן מיר זיי מקיים זיין אָן שום קאָנדיציעס...

איז אויב די תורה איז נישט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר די אַנדערע פֿעל־קער — האָט אַן אַנדערער גדול געפֿרעגט — צו וואָס האָט מען זיי גע־דאַרפֿט זי אָנבאָטן, און וואָס וואָלט טאַקע געווען, ווען די גויִים נעמען יאָ אָן די תורה, וואָלטן דאָך די ייִדן נישט געהאַט אַזאַ טייערע מתנה?

— אָבער בעיקר — האָט ער געענטפֿערט — האָט מען טאַקע דער־מיט געמיינט די ייִדן, און דאָס וואָס מען האָט די תורה פֿריִער אָרומגעטראָגן צו אַנדערע אומות, האָט מען דערמיט אויסן געווען, אַז אויב אַפֿילו די גויִים וועלן אָננעמען די תורה, וועלן די ייִדן זי שוין מוזן האַלטן און מקיים זיין, ווייל דעם גוי מוז מען שוין פֿאָלגן...

די תורה איז, ווי געזאָגט, אַ געטלעכער ענין, וואָס האָט דערהויבן אונ־דזער פֿאָלק צו געטלעכע הויכן.

ווי האָט דער קאָצקער געטייטשט:

„האזינו השמים" — פֿאַרנעמט הימליש!

אין אָט דעם־אַ הימלישן צוגאַנג, מיט אָט דעם הימלישן פֿאַרנעמען, אויפֿנעמען און אָננעמען די תורה, ליגט דער גרונט־אונטערשייד פֿון אונ־דזער הימלישער תורה און די אַנדערע תורות.

„תורה — זו היא אורה", תורה איז געגליכן צו ליכט, אָבער עס זענען פֿאַראַן אַ סך מינים ליכט, פֿון בעסערער קוואַליטעט און פֿון ערגערער, אויך דער פֿלאַם פֿון דעם ליכט קען דעריבער זיין העלער אָדער טונקעלער.

אונדזער תורה איז אָט דער העלער ליכטיקער פּלאַם וואָס באַלייכט דעם לעבנס־וועג ווי דער פֿאָדעם וואָס קען דינען צו געפֿינען דעם אַרויס־גאַנג פֿונעם פֿינצטערן לעבנס־לאַבירינט.

פֿאַראַן אַ סך מיני תורות, אָבער בלויז אונדזערע איז, ווי געזאָגט, די בעסטע רפֿואה צו די אַלע לעבנס־אַנשיקענישן.

מען דערציילט טאָקע, אַז חסידים האָבן אַמאָל מיט ווייטיק דערציילט דעם ריזשינער רבין, אַז זיין הייליקער מלוה־מלכה־ניגון „באָם־באָם", זינגען שוין די הפֿקר־יונגען אין די וויין־שענקען.

האָט דער ריזשינער געענטפֿערט:

„עס ווענדט זיך ווו דער „באָם" שטייט איין. אונדזער „באָם" איז נישט זייער „באָם". אונדזערער איז פֿון „צדיקים ילכו בם" (באָם) און זייערער איז פֿון „רשעים יכשלו בם" (באָם)...

אַזוי איז אויך מיט אונדזער תורה:

אַוודאי האָבן די אַנדערע פֿעלקער געהאַט די שבע מצוות בני־נח, זיי האָבן אויך זייער תורה, אָבער מיטן יום־טוב שבועות, מיטן יום־טוב פֿון מתן־תורה, האָבן מיר אַריינגעקראָגן אונדזער הימליש־ליכטיקע תורה, און האָבן אָנגעפֿאַנגען צו זינגען אונדזער אייגענעם „באָם", דער „באָם" פֿון „צדיקים ילכו בם".

שבועות, דער יום־טוב פון מעמד הר־סיני

דער מעמד פון הר־סיני איז דער אויסערגעוויינטלעכסטער אַקט אין אונדזער געשיכטע און אפשר אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטש־הייט, וואָס האָט געלייגט דעם חותם אויף אונדזער פאָלק אויף אייביק.

דער מעמר הר־סיני איז נישט קיין געאָגראַפישער פאַקט, נאָר בעיקר אַ גייסטיקער. אינטערעסאַנט איז דאָך דאָס, וואָס די קדושה פון דעם באַרג סיני איז נאָר געווען איין מאָל גילטיק אין דער געשיכטע, בשעת די ייִדן זענען געשטאַנען אונטערן באַרג און באַקומען דאָרטן די תורה, בעת דער באַרג האָט געפלאַקערט און געררויכערט און געלאָזט הערן דאָס געטלעך וואָרט, די צען געבאָט, וואָס זענען געוואָרן די באַזע פון דער עטיק און מאָראַל פון דער גאַנצער וועלט.

בלויז דאַן, אין יענעם גרויסן מאָמענט פון אונדזער געשיכטע, ווען „היום נהיית לעם״, ווען מיר זענען גייסטיק געוואָרן אַ פאָלק, ווען דער מעמד הר־סיני האָט אונדז פאַרוואַנדלט לדורות אין דעם ייִדישן פאָלק, אין דעם עם־הספר, האָבן ייִדן נישט געטאָרט באַטרעטן דעם באַרג. אָבער קוים האָט זיך געענדיקט אָט יענער ווונדערלעכער אַקט פון מעמד הר־סיני, האָט דער באַרג פאַרלוירן זיין קדושה, און מען קען ביז היינט צו טאָג אַרויף אויף אים און טאָן דאָרט וואָס מען וויל.

אָט האָבן, למשל, אונדזערע בראַווע ייִדישע סאָלדאַטן ביי דער סיני־אַקציע אין 1956, אַרויף אויפן באַרג סיני, ביזן העכסטן שפיץ, און דאָרט אַריינגעשטעלט די ייִדישע פאָן.

אָבער דערפאַר איז דער באַרג, זינט יענעם מעמד הר־סיני, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגלעכן הר סיני. און דאָרט ווו אַ ייִד לערנט תורה, דאָרט

איז דער באַרג סיני, דאָרט איז די קדושה. דאָרט וווּ עס איז דאָ אַ שיל, דאָרט איז אַ מקום קדוש, דאָרט איז אַ מקדש מעט.

פֿון אַ געאָגראַפֿישן באַגריף איז דער הר־סיני פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגלעכן גייסטיקן באַגריף.

און דאָס איז טאַקע די כאַראַקטעריסטיק פֿון דער ייִדישער גייסטיקער אויפֿפֿאַסונג:

נישט דאָס פּלאַץ הייליקט דעם מענטשן, נייערט דער מענטש הייליקט דאָס פּלאַץ, די טאַט הייליקט דאָס פּלאַץ.

ווי זאָגט דאָס משה העס אין זיין בוך „רוים און ירושלים״:

— „נישט דער ירדן האָט געהייליקט די נביאים, נאָר די נביאים האָבן געהייליקט דעם ירדן״.

אָדער ביים מקדש־חוניו, אין מצרים, האָט מען טאַקע געפּסקנט, אַז דער כהן גדול מעג אין מצרים ברענגען קרבנות אויף יענעם מזבח, ווייל נישט דאָס פּלאַץ הייליקט דעם כהן גדול, נאָר דער כהן גדול הייליקט דאָס פּלאַץ.

אַזוי איז אויך במשך דעם לאַנגן גלות, ירושלים איז נישט געווען בלויז אַ געאָגראַפֿישער באַגריף נאָר אַ גייסטיקער. אַזוי זענען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַרשיידענע „ירושלימס״, ווי אַ „ירושלים דליטא״, אַ „ירושלים דאַרגנטינה״, און אומעטום, וווּ עס האָט זיך אַרויסגעהערט דאָס קול פֿון תורה, איז דאָרט געווען אַ שטיק ירושלים, אַ ירושלים של מעלה, וואָס איז העכער פֿון אַלע געאָגראַפֿישע באַגריפֿן.

נאָך מער: אַ דאַנק טאַקע אָט דעם גייסטיקן באַגריף, האָבן מיר אויך אויפֿגעהאַלטן דעם געאָגראַפֿישן באַגריף פֿון ירושלים, געטראָגן אין זיך דעם ציוניזם, און דעם אידעאַל פֿון דעם צוריקקער קיין ארץ ישראל.

וווּ מען האָט געדאַוונט מיטן פּנים צו ירושלים, איז ביי ייִדן געווען דער „מזרח״, דער אָריענט.

איז דעריבער טאַקע גאַנץ כאַראַקטעריסטיש דער זאָג פֿון אונדזערע חכמים, אַז אַלע דורות זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני און מקבל געווען די תורה.

אַזוי איז טאַקע דער באַגריף פֿון מעמד הר־סיני געוואָרן אַ באַוועגלעכער, האָט אַרומגענומען אַלע דורות ביז אַלע אייביקייטן. אַזוי, אַז אַלץ וואָס

ווערט געשאַפֿן, איז תורה מסיני, ציט פֿון דאָרטן זיין יניקה, האָט דאָרטן דעם אורשפּרונג.

און אָט די געשריבענע און נישט־געשריבענע קאָנסטיטוציע פֿון דעם מעמד הר־סיני האָט ייִדן אָפּגעהיטן און אויפֿגעהיטן דורך אַלע דורות און קאָנטינענטן, אונטער אַלע אומשטענדן, און געצויגן אומאיבערגעריסן אָט דעם גאָלדענעם פֿאָדעם, זינט יענעם מאָמענט זינט מיר זענען געוואָרן אַ פֿאָלק, זינט יענעם „היום נהיית לעם".

זינט דאַן ציט זיך דער גאַנצער גייסטיקער שנור פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס איז דער קען־צייכן צווישן די איבעריקע פֿעלקער פֿון דער וועלט.

ביי אחד העם איז פֿאַראַן אַן עסיי וועגן נאַציאָנאַלן „איך" פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז געגליכן צו דעם פּערזענלעכן אינדיווידועלן „איך" פֿון יעדן מענטשן.

בטבע בייט זיך דעם מענטשנס אויסזען ביז נישט צו דערקענען. עס איז דאָך פֿיזיש נישט דער זעלבער מענטש דער מאַן פֿון 80 יאָר, ווי ער איז דאָס געווען ביי 8 יאָר, צי ביי 20 יאָר. זיין פֿיזיש געשטאַלט מאַכט־דורך אומוואַנדלונגען זינט זיין געבורט ביז זיין טויט, דורכן לעבנס־פּראָצעס פֿון וואַקסן, ווערן גרויס, ווערן אַלט, גרוי, וכדומה.

— אָבער ווי דערקענט מען דאָך, אַז ס'איז דער זעלבער מענטש? — דורך זיין „איך".

איר וועט דעם זעלבן מענטשן הערן זאָגן: „ווען איך בין אַלט געווען אַכט יאָר, ווען איך בין אַלט געווען צוואַנציק יאָר אאַז"וו. אַזוי, אַז דעם מענטשן דערקענט מען דורך זיין „איך", אַז ער איז עס דער זעלבער, טראָץ דעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אַזוי פֿיל אומוואַנדלונגען און ענדערונגען.

אַזוי איז אויך מיט אַ פֿאָלק: אַ פֿאָלק האָט אויך אַ קינדהייט, ענדערט זיך פּערמאַנענט, איז פּושט צורה ולובש צורה, אָבער דאָס וואָס מאַכט אים אַלס דאָס זעלבע פֿאָלק, וואָס אידענטיפֿיצירט אים אַלס דאָס זעלבע פֿאָלק, טראָץ דעם וואָס עס זענען שוין פֿאַריבער טויזנטער יאָרן זינט זיין געבורט און אויפֿקום, איז זיין נאַציאָנאַלער „איך", וואָס ער פֿאַרלייקנט נישט, וואָס ער האָט שטענדיק מיט זיך, וואָס ער טראָגט עס אין זיין געדעכעניש און געמיט.

דער מעמד הר־סיני איז אונדזער נאַציאָנאַלער „איך" אויף אייביק,

וואָס צ״ט זיך זינט יענעם קדושהדיקן מאָמענט פון די עשרת־הדברות ביז היינט צו טאָג.

פון דעם מאָמענט אָן וואָס מיר האָבן באַקומען די תורה, האָבן מיר באַקומען אונדזער נאַציאָנאַלן פאָלקס־„איך״, זענען מיר טאַקע געוואָרן אַ פאָלק, אַן עם, אַ געמיינדע מיט געטלעכע מידות און מיט מענטשלעכע טוגנטן.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די לוחות זענען געטיילט אין צווייען: דער ערשטער לוח זענען דאָס געבאָטן לגבי דעם אייבערשטן, און גלייך אַנטקעגן, אויף איין הייך, שטייען די געבאָטן אין באַצוג צו מענטשן.

אונדזער תורה איז טאַקע צו דער זעלבער צייט געטלעך און מענטשלעך, און די באַקומענע מצוות זענען סיי נוגע בין אָדם למקום ווי בין אָדם לחברו. און ווי האָט מען דאָס טרעפלעך אויסגעטייטשט:

אויף צו זיין אַ גאַנצער גוטער ייִד איז מען נאָך נישט יוצא מיטן ערשטן לוח, וואָס איז נוגע דעם אייבערשטן, צי מיטן צווייטן לוח וואָס איז נוגע מענטשן, נאָר מען מוז מקיים זיין ביידע טיילן. אין קעגנטייל, איז מען מקיים בלויז אַ האַלבע אָדער אַ צעשפּאָלטענע תורה, און מען איז אַ צע־שפּאָלטענער ייִד און מענטש.

דאָ ווערט שוין פאַרשטענדלעך, וואָס די עשרת־הדברות הייבן זיך אָן פון דעם „אנכי״ און ענדיקן זיך ביים „לא תחמד״, ווייל דער וואָס וויל זיין פרום און גוט, מוז אויך דערפילן די מענטשלעכע פליכטן צו זיין חבר, און פון דער צווייטער זייט: אויף נישט עובר צו זיין אויפן „לא תחמד״, מוז מען שטענדיק אין זינען האָבן דעם „אנכי״; אַז דאָס איז אַ געטלעכער געבאָט, אַ געטלעכע תורה „שלא תהיה מוחלפת״, וואָס וועט זיך קיין מאָל נישט ענדערן, וואָס איז נישט קיין פּראָדוקט פון עפּעס אַ מענטשלעכער אויסטראַכטעניש, וואָס איז מסוגל שטענדיק רעפאָרמירט צו ווערן, געטוישט און געענדערט ווערן, נאָר ס׳איז אַ תורה וואָס הייבט זיך אָן פון „אנכי ה׳ אלקיך״.

און אָט דעם נאַציאָנאַלן „איך״ וואָס הייבט זיך אָן מיט דעם געטלעכן „איך״, מיטן „אנכי״, האָבן מיר באַקומען ביים מעמד הר־סיני, און מיר האָבן אים מקיים געווען אין אַלע צייטן, אין אַלע באַדינגונגען, אונטער אַלע אומשטענדן.

און ס׳איז מערקווירדיק, אַז דאָס וואָס ביי אַלע פֿעלקער קען מען נישט פועלן דורך דעקרעטן, אַרמייען, צוואַנג, מורא פֿאַר דער מלוכה און קאָנס־טיטוציע, האָט מען ביי ייִדן געפֿועלט מיטן בלויזן מעמד הר־סיני.

ס׳איז דאָך באַקאַנט יענע תלמודישע אַגדה וועגן רוימישן קיסר אַדרי־אַנוס, וואָס האָט געזאָגט צו ר׳ יהושע בן־חנניה, אַז ער, דער קיסר, איז גרעסער ווי משה רבנו, באַשר ער לעבט און משה איז שוין געשטאָרבן, און איז טויט.

האָט אים דער תנא געענטפֿערט: — ווייסטו וואָס, גיב דו אַרויס אַ באַפֿעל אַז מען זאָל דריי טעג נאָכאַנאַנד נישט טאָרן אָנצינדן קיין פֿייער איבער גאַנץ רוים.

האָט דער קיסר אַזוי געטאָן.

האָט מען געזען פֿון די קוימענס פֿון די רוימער אַרויסשפּאַרן רויך. עפֿנטלעך, האָבן זיי טאַקע מורא געהאַט פֿאַר דער שטראָף פֿון עובר זיין אויפֿן קיסרס באַפֿעל, אָבער ביי זיך, אינעווייניק אין שטוב, אַז קיינער זאָל נישט זען, האָבן זיי נישט געקאָנט אויספֿירן אָט דעם באַפֿעל און האָבן פֿאַרבאָרגנערהייט אָנגעצונדן פֿייער. און דאָס איז טאַקע געווען דער רויך וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פֿון זייער קוימען.

דאַן האָט דער ייִדישער תנא זיך אָנגערופֿן מיט נצחון צו דעם מעכ־טיקן קיסר:

— גיב אַ קוק: דו ביסט אַזאַ מעכטיקער קעניג, און אַז דו האָסט אַרויס־געגעבן דיינע אונטערטאַנערס אַ באַפֿעל פֿון נישט אָנצינדן פֿייער בלויז דריי טעג צייט, האָבן זיי דיך נישט געפֿאָלגט.

בעת ביי אונדז, האָט משה רבנו, וואָס איז שוין לאַנג טויט, אָנגעזאָגט די ייִדן אַז:

„לא תבערו אש בכל מושבותיכם", איר זאָלט שבת נישט אָנצינדן קיין פֿייער אין אַלע אייערע וווינערטער, איז כאָטש ער איז שוין פֿון לאַנג טויט, און מיר האָבן נישט קיין מורא פֿאַר קיין שום מאַכט, פֿאַר קיין שום פּאָליציי, איז דאָך, ווען עס קומט שבת, נישט דריי טעג אַליין, נאָר שבת־איין, שבת־אויס, יאָרן לאַנג, דורות לאַנג, אָן שום צוואַנג, היטן מיר אָפּ שבת כדת וכדין. איז זאָג זשע מיר: — ווער איז גרעסער, דו, דער לעבעדיקער רוי־מישער קיסר, צי דער טויטער משה רבנו?

דאָס זעלביקע דערציילט מען וועגן גרויסן אוהב־ישראל, ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער ז״ל:

איין מאָל, ערב־פּסח, פֿאַר דער שקיעה, איז ער אַריין צו אַ גוי און אים געפֿרעגט צי ער האָט געשמוגלט זיידנס צו פֿאַרקויפֿן. האָט אים יענער געענטפֿערט:

— וויפֿל איר ווילט נאָר, רבי.

איז ער גלייך אַריין צו אַ פּשוטן יידן און אים געפֿרעגט, צי ער האָט נישט קיין שטיקל חמץ.

איז דער ייִד געבליבן אַ פֿאַרציטערטער: ברויט ערב־פּסח? ווען ער האָט שוין אויסגערוימט דעם גאַנצן חמץ פֿון שטוב?

האָט ר׳ לוי־יצחק טאַקע געזאָגט, אויף זיין שטייגער:

— גיב נאָר אַ קוק, רבונו של עולם, וואָס פֿאַר אַ טייער פֿאָלק דו האָסט. זע דעם אונטערשייד פֿון דיינע אונטערטאַנערס ביז צו דעם צאַרס אונטער־טאַנערס:

בעת דער צאַר האָט אַזוי פֿיל גרענעץ־סאָלדאַטן און וועכטערס, אַזוי פֿיל פּאָליציי און שטראָף־געזעצן, קענסטו דאָך קריגן אומגעזעצלעכע גע־שמוגלטע סחורה וויפֿל דו ווילסט. אָבער ביי דיינע אונטערטאַנערס, די ייִדן, ווי באַלד דו האָסט אַריינגעשטעלט אין דער תורה בלויז איין פּסוק פֿון: „לא תראה לך כל שאר״, עס זאָל ביי דיר נישט געזען ווערן קיין שום חמץ, איז אָן סאָלדאַטן, אָן וועכטערס, אָן פּאָליציי, היטן זיי אָפּ דיין געזעץ מיט אַלע פּינטעלעך.

און דאָס איז די פּעולה פֿון יענעם מעמד הר־סיני, וואָס האָט אונדז אויף אייביק אַריינגעגעבן אָט דעם נאַציאָנאַלן „איך״, און האָט אונדז אַזוי אויסגעפֿורעמט, אַז אָן שום צוואַנג און דרוק, נאָר מיטן איינציקן באַוווסטזיין אין האַרצן אַז די תורה איז אַ תורת־אלקים, אַ תורת־אמת, אַ תורה וואָס הייבט זיך אָן פֿון דעם „אנכי״ און ענדיקט זיך מיט די מידות בין אָדם לחברו, ציִען מיר שטענדיק דעם באַוועגלעכן מערמל הר־סיני, וואָס איז איבער צייט און איבער רוים, נאָר וואָס איז אייביק.

ראש-השנה

ראש השנה, דער יום-טוב פון תשובה און באַנייונג

ראש־השנה קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק די ייִדישע אויפֿפֿאַסונג, די ייִדישע אייגנאַרטיקייט, און דער וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן אונדזער ניי־יאָר און דעם ניי־יאָר פֿון דער גאַנצער וועלט.

בעת ביי דער וועלט איז דער ניי־יאָר אַ דאַטום פֿון בלויזער פֿרייד, איז ביי אונדז ראש־השנה אַ יום־טוב פֿון תשובה, פֿון חשבון־הנפֿש, פֿון גייסטיקער באַנייאונג, פֿון נאָכדענקען וועגן אָפּגעטוענע מעשים, פֿון חרטה האָבן אויף באַגאַנגענע פֿעלערן, און פֿון נעמען אויף זיך די התחייבות אויף דעם נייעם יאָר צו אײדלען און פֿאַרבעסערן זיך.

און טרעפֿלעך ווערט דער טאָג אָנגערופֿן „יום־הזכרון”, אַ טאָג פֿון דערמאָנען און געדענקען, פֿון לעבן מיט אַ חשבון און פֿון דורכפֿירן אַ גענויעם באַלאַנס פֿון דעם אָפּגעלעבטן צייט־אָפּשניט, כדי אין דער צוקונפֿט צו קענען פֿאַרבעסערן און פּערפֿעקציאָנירן דעם לעבנס־גאַנג.

און אין תשובה ליגט די גרויסקייט פֿון ייִדישן פֿאָלק. דער באַטייט אַליין פֿון תשובה, אומקערן זיך צום גוטן, וועקט שטענדיק דעם ייִדן, יאָר־יערלעך, צוריקצוקערן זיך צו גוטע מידות, איידלען זיין נשמה און געפֿילן לגבי זיך און לגבי דעם מיטמענטשן, און ווי אַ באַגלייטנדיקער עמוד־הענן וואָס פֿירט דעם ייִדן אויף זיין לעבנס־דרך, און ווי דער עמוד־האש וואָס באַלייכט און באַזעלט אים אין זיינע אַלטעגלעכע מעשים.

תשובה טאָן באַשטייט פֿון צוויי טיילן: ערשטנס, דאָס אָנערקענען די אייגענע שולד, וואָס דאָס איז פֿון די העכסטע מענטשלעכע מדרגות, און צוויי, דאָס זיך מתחייב זיין אויף ווייטער מער נישט צו זינדיקן, מער נישט צו ווידערהאָלן די זעלבע פֿעלערן.

די ערשטע מדרגה פֿירט במילא שוין צום צווייטן שטאַפּל. דאָס אָנער־

קענען די אייגנשולד ווערט דעריבער באַטראַכט ווי דער נייטיקער פֿאַרבאַ־דינג צו דער פֿאַרבעסערונג פֿון דעם מענטשנס פֿאַרשטייענדיקער פּירונג.

ווייל אַ סך מאָל, אויב נישט די מערסטע מאָל, וואָרצלען די מענטש־לעכע פֿעלערן לגבי דעם מיטמענטשן און לגבי זיך אַליין אין דעם אייגנ־שטאָלץ, אין דעם נישט וועלן צולאָזן צום געדאַנק אַז נישט בלויז די אַנ־דערע, נאָר אויך מיר טוען נישט גוט, און אַז אויך מיר מוזן פֿאַרריכטן אונ־דזער צוגאַנג, אונדזער באַציִונג אד״גל. און די ייִדישע תשובה איז דערי־בער דער קוואַל פֿון זעלבסטדערקענונג און אָנערקענונג פֿון די אייגענע פֿאַרקריפּלטע געדאַנקען און טוונגען.

ווי זאָגט דאָס טרעפֿלעך די תלמודישע סענטענץ: „טול קיסם מבין שניך — טול קורה מבין עיניך״. נעמלעך: איינער זאָגט דעם אַנדערן: נעם צו דאָס שפּענדל פֿון צווישן די ציין. ענטפֿערט אים דער צווייטער: — נעם צו דעם באַלקן פֿון צווישן דיינע אויגן...

אַזוי זענען מיר שוין, בני־אָדם. מיר דערזעען דאָס מינדסטע שפּענדל אין יענעמס ציין און מיר פֿאַרזעען דעם גרעסטן באַלקן צווישן אונדזערע אייגענע אויגן...

איז טאַקע איינער פֿון די טעמים פֿון שופֿר בלאָזן אַ רוף צו פֿאַרלאָזן אונדזער שטאָלץ.

פֿאַראַן אַ וווּנדערבאַרער מדרש וואָס פֿרעגט:

— פֿאַר וואָס האָט מען דעם מענטשן, וואָס איז די קרוין־שאַפֿונג פֿון דעם וועלט־באַשאַף, דווקא באַשאַפֿן דעם לעצטן, אין דעם זעקסטן טאָג, שוין נאָך אַלע אַנדערע באַשעפֿענישן, נאָך אַלע חיות, עופֿות און ווערעמ־לעך? — על פּי לאָגיק, וואָלט מען דעם מענטשן, וועמען מען האָט איבער־געגעבן צו געוועלטיקן איבער אַלע אַנדערע חיות, געדאַרפֿט באַשאַפֿן דעם ערשטן און נישט דעם לעצטן.

ענטפֿערט דער זעלבער מדרש, אַז דער טעם דערפֿון איז, אַז אויב דער מענטש האַלט זיך גרויס, זאָגט מען אים:

גרויס זיך נישט, בן־אָדם, ווייל „אַפֿילו יתוש קדמך במעשי־בראשית״, אַפֿילו אַ מאָסקיט האָט מען באַשאַפֿן פֿריִער פֿאַר דיר...

ביים גרויסן שפּאַנישן פֿאַבל־שרייבער סאַמאַניעגאָ, איז טאַקע פֿאַראַן אַן ענלעכע פֿאַבל וועגן אַ פֿילאָסאָף וואָס איז געשטאַנען אויף דעם שפּיץ

פֿון אַ הויכן באַרג, און באַוווּנדערנדיק די פּרעכטיקייט פֿון דער לאַנדשאַפֿט וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטער זיינע פֿיס, האָט ער מיט באַגייסטערונג אויסגערופֿן: — אַלץ וואָס ליגט אונטער מיינע פֿיס איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר מיר, דעם מענטשן!

דאָ האָט זיך פּלוצעם אַוועקגעשטעלט אַ פֿליגעלע אויף זיין שטערן און האָט אויסגערופֿן, אויך מיט גרויס באַגייסטערונג:

— אַלץ וואָס ליגט אונטער מיינע פֿיס, איז באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַר מיר!...

תשובה רופֿט דעם ייִדן צו פֿאַרלאָזן זיין שטאָלץ, צו אַוועקוואַרפֿן זיין איינגעגלויבטע מיינונג, אַז אַלץ וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן דווקא פֿאַר מיר, באַר טאָקע גלייבן אַז אויך פֿאַר אַנדערע, פֿאַר אַלע מענטשן איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן.

מען דערציילט, אַז אַ רבי האָט אַ מאָל געזען ווי אַ פּראָסטער ייִד האָט ביים דאַווענען, ביים ענדיקן יעדן זאַץ אין סידור, ווען עס קומען די צוויי פּינטעלעך, איין פּינטעלע איבערן אַנדערן, וואָס איז דער סימן פֿון ענדע זאַץ, פֿון סוף פּסוק, געמיינט אַז דאָס זענען צוויי קליינע ייִדעלעך, און גע־זאָגט ה, ג־ט. האָט אים דערביי דער רבי פֿאַרריכט, זאָגנדיק:

— נייך, מיין ליבער ייִד, דאָרט וווּ איין ייִד שטייט העכער פֿון דעם אַנדערן, דאָרט איז נישטאָ ג־ט. בלויז דאָרטן, וווּ איין ייִד איז גלייך מיטן אַנדערן, דאָרט איז ג־ט...

און ווי אַ מערקווירדיקע אילוסטראַציע קען דאָך דינען דער עפּיזאָד וואָס מען דערציילט וועגן די צוויי באַרימטע גאונים, ר׳ עקיבא אייגער און ר׳ יעקב מליסא, וואָס זענען ביידע געפֿאָרן קיין וואַרשע אויף איין וואָגן.

ווען די וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך דערוווּסט וואָס פֿאַרא גדולי־הדור עס קומען אָן קיין וואַרשע, זענען זיי אַרויס אין מאַסן מקבל־פּנים זיין פֿאַרן אַריינפֿאָר פֿון שטאָט, די חשובע געסט. זיי האָבן אויסגעשפּאַנט די פֿערד און זיך אַליין איינגעשפּאַנט, כדי צו האָבן די גרויסע זכיה און כבוד אַריינ־צוברענגען די געהויבענע געסט קיין וואַרשע.

ווען ר׳ עקיבא אייגער האָט דאָס דערזען, האָט ער געמיינט אַז דעם דאָזיקן גרויסן כבוד טוען אָן די וואַרשעווער ייִדן זיין חבר ר׳ יעקב פֿון ליסא. איז ער אַראָפּ פֿון וואָגן און זיך אויך איינגעשפּאַנט. און ר׳ יעקב מליסא ווידער האָט געמיינט אַז דאָס טוט מען לכבוד זיין גרויסן חבר ר׳

עקיבא איגער, איז ער אויך אַראָפּ פֿון וואָגן און זיך איינגעשפּאַנט. דער סוף איז געווען אַז דער וואָגן איז אָנגעקומען קיין ווארשע ליידיק...

עס ליגט אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד די גאַנצע תורה פֿון עניוות און פֿון פֿאַרבייגיין און פֿאַרנייגן דעם אייגנשטאָלץ. דאָס מיינען אַז דעם וואָגן שפּאַנט מען איין נישט צוליב מיר, נאָר צוליב דעם אַנדערן...

דאָס איז אין העכסטן זין פֿון דער יידישער תשובה... פֿון עניוות קומט מען במילא צו אהבת הבריות, צו ליב האָבן מענטשן בכלל, און צו אהבת ישראל, צו ליב האָבן יידן בפֿרט...

דאַן האָט מען ליב אַפֿילו נישט קיין געהויבענעם יידן, אַ מאָל אַפֿילו אַ זינדיקן ייד...

ווי האָט אַ מאָל דער גרויסער אוהב־ישראל, ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער, געזאָגט אויף אַ רייכן יידן, אַ שיינעם בעל־הבית, ווען ער האָט געהערט אַז מען מורמלט אויף אים, אַז זיין רייכטום איז נישט געקומען פֿון קיין ערלעכע קוואַלן, פֿון שמוגל, וכדומה:

— „וויפֿל שווינדלערייען דאַרף נעבעך אַ ייד באַגיין, אויף צו בלייבן אַ שטיקל אָרנטלעכער מענטש...״

תשובה מאַכט וויכער דעם מענטשן, אײדלט אים. ביים פֿאַרלאָזן דעם אייגנשטאָלץ, ביים ווערן עניוותדיקער, ביים דערפֿילן די אייגענע נישטיקייט, דערבאַרעמט זיך דער ייד אויפֿן מיטמענטשן, במילא פֿאַרשטייט ער אים בעסער, און ווייסט, אַז אויב יענער באַגייט אַ מאָל אַן עוולה, אָדער אַ פֿעלער, איז דאָס צוליב דער זעלבער מענטשלעכער נישטיקייט ווי זיינע.

ער ווייסט דאַן, אַז „אין צדיק בארץ אשר לא יחטא״, אַז עס איז נישט פֿאַראַ אויף דער וועלט קיין מענטש, אַפֿילו קיין צדיק, וואָס זאָל נישט זינדיקן, אָבער די גרויסקייט פֿונעם צדיק באַשטייט נישט דערין וואָס ער זינדיק נישט קיין מאָל, נאָר אין דעם וואָס ער אָנערקענט זיין שולד און פֿאַרבעסערט, אויפֿן סמך פֿון דער דאָזיקער אָנערקענונג, זיין וויטערדיקע אויפֿפֿירונג.

אַפֿילו דוד המלך, דער קעניג פֿון פֿאָלק, האָט זיך נישט געוואָקלט צו זאָגן פֿאַר נתן הנביא: „חטאתי לה״, איך האָב געזינדיקט.

עס איז טאַקע אמת, ווי עס שטייט אין חומש בראשית: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״, אַז דעם מענטשנס יצר איז שלעכט, פֿון זיין פֿריסטער

יוגנט אָן, אָבער דאָך ליגט עס אין זיין ברירה אויסצואיידלען דעם דאָזיקן יצר, אים דערהייבן און פֿאַרוואַנדלען אין אַ יצר טוב. דאָס איז דער בעסטער פּרוּווּשטיין פֿון דעם מענטשנס ווילן און גרויסקייט.

דעריבער האָט ברוריה, די געלערנטע און קלוגע פֿרוי פֿון רבי מאיר, זיך אויסגעדריקט: — „יתמו החטאים ולא החוטאים״, זאָלן פֿאַרניכטעט ווערן די זינד און נישט די זינדיקע. ווייל מיטן באַזייטיקן די זינד, פֿאַרשווינדן במילא די זינדיקע.

און מיר זאָגן טאַקע ימים נוראים: — „וכל הרשעה כעשן תכלה״, אַז אַל דאָס שלעכטס זאָל פֿאַרשווינדן ווי דער רויך!

ווייל באמת איז פֿאַראַן שטענדיק אין דעם מענטשן, אַפֿילו אין דעם שלעכטן, אַ פּונק, אַ ניצוץ פֿון גוטס. מען דאַרף בלויז אָט־דעם גוטן פּונק צעבלאָזן, און דערמיט פֿאַרטרייבן זיין שלעכטס, וועט ער ווערן אַ גוטער מענטש, אַפֿילו אַ צדיק.

אין יעדער שלעכטער זאַך — האָט אַ רבי אַמאָל איינגעטייטשט — איז פֿאַראַן אַ פּונק פֿון גוטס, ווייל ווען נישט וואָלט עס נישט געקענט עקסיס־טירן. אָבער אויב עס איז דאָ אַזאַ שלעכטס, אַ רשעה, וואָס פֿאַרמאָגט נישט אַפֿילו קיין איין פּונק גוטס, איז דאַן „כעשן תכלה״, זאָל עס אַוועק מיטן רויך!...

און אַ צווייטער גדול האָט געזאָגט, אַז דער גוטער פּונק אין אַ ייִדן איז פֿאַראַן אַפֿילו ווען ער זינדיקט. אין זיין חטא איז שוין פֿאַראַן די תשובה...

און ר׳ זישע האָט געזאָגט, אַז אַפֿילו ווען אַ ייִד זינדיקט שאַפֿט ער אַ שלעכטן מלאך אַ קאַליקע:

ווייל, כידוע, לויט אונדזער פֿאָלקס־טראַדיציע, אַז אַ ייִד טוט אַ גוטע זאַך, אַ מצווה, שאַפֿט ער אַ גוטן מלאך. דאַקעגן, ווען ער טוט אַ שלעכטע זאַך, אַן עבירה, שאַפֿט ער אַ שלעכטן מלאך. אָבער — האָט ר׳ זישע פֿאַר־געזעצט — ווען אַ ייִד זינדיקט, האָט ער גלייך, אין זעלבן מאָמענט וואָס ער זינדיקט, שוין חרטה, גיט ער אַ קרעכץ, און דער דאָזיקער חרטה־קרעכץ רייסט אַראָפּ ביים שלעכטן מלאך וואָס ער האָט מיט זיין זינד באַ־שאַפֿן, אַ פֿוס, אָדער אַ האַנט, צי גאָר אַן אַנדער אבר. אַזוי אַז ער באַשאַפֿט אַ שלעכטן מלאך אַ קאַליקע...

דער ייִד האָט דעריבער שטענדיק, פּערמאַנענט, אַפֿילו אין דעם מאָ־

מענט וואָס ער זינדיקט, די ברירה תשובה צו טאָן און צו פֿאַרריכטן זיינע מעשים.

האָט אונדז דעריבער אַ גדול בישראל געלערנט נישט צו פֿיל צו טראַכטן אין אונדזערע עבירות, נאָר אָנשטאָט דעם צו טאָן תשובה, צו טאָן גוטס.

— אַז מען טראַכט אין די עבירות, בלייבט מען אין זיי — אַז מען זינקט אין דער בלאָטע, בלייבט מען פֿאַרבלאָטיקט...

בעטן מיר טאַקע און מיר שטרעבן אַז „ותשליך במצולות ים כל חטאתם״, זאָלסט אַריינוואַרפֿן אין די טיפֿענישן פֿון ים אַלע זייערע זינד.

אַפֿילו דער אייבערשטער אַליין סטימולירט דעם ייִדן ער זאָל שטענדיק תשובה טאָן:

ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן וואַרט ג־ט אויפֿן מענטשן, אַפֿילו אויפֿן רשע ער זאָל תשובה טאָן, ווייל ער וויל נישט „במות הרשה, כי אם בשוב רשע מדרכו, וחיה״, דער רשע זאָל שטאַרבן, נאָר ער זאָל זיך אומקערן פֿון זיין שלעכטן וועג, און זאָל לעבן.

דאָס איז, ווי מיר זעען, נישט נאָר די מענטשלעכע שטרעבונג נאָר אַפֿילו די געטלעכע אַספּיראַציע. דאָס איז אויך דער מאָטיוו פֿון דעם אייבערשטנס מידת הרחמים. דעריבער שטייט געשריבן אַז: „כל השערים ננעלים חוץ משערי רחמים״, דאָס הייסט, אַלע הימלישע טויערן זענען פֿאַרשלאָסן חוץ די טויערן פֿון רחמים, צו וועלכע דער ייִד קען זיך שטענדיק ווענדן מיט זיינע תשובה־געפֿילן און מעשים און וועט דאָרטן געפֿינען אַן אָנשפּאַר.

אַהינצו קען דעריבער יעדער ייִד, אָרעם צי רייך, געלערנט אָדער אומוויסנד, דערגיין אָן שום פֿאַרמיטלונג אָדער פֿאַרמיטלער.

דערמיט שיידט זיך אונטער אונדזער רעליגיע, למשל, פֿון דער קריסט־לעכער, ווו מען גייט זיך מתוודה זיין צום גלח, ווי דער פֿאַרמיטלער פֿון ג־ט. ביי אונדז קען יעדער ייִד דאָס טאָן דירעקט.

אַפֿילו אַ ייִד וואָס דאַוונט און פֿאַרשטייט נישט וואָס ער זאָגט — האָט ר׳ ישראל בעל שם טוב געלערנט — איז אויך זיין תפֿילה דערגרייכבאַר צו כביכולס אויערן. ווייל ער איז געגליכן צו אַ קליין קינד, וואָס הייבט ערשט אָן צו פּלאַפּלען די ערשטע אומפֿאַרשטענדלעכע זילבן, וואָס קיינער

פֿאַרשטייט זיי נישט, בלויז זיין טאַטע ווייסט וואָס ער מיינט. אַזוי איז מיט אַ ייִדן וואָס פֿאַרשטייט אַליין נישט וואָס ער דאַוונט, אָבער דער טאַטע פֿון הימל פֿאַרשטייט אים.

אַנדערש איז ביי אַנדערע פֿעלקער. מען דערציילט, למשל, פֿון קאַ־מישע פֿאַלן פֿון ודוי אין דער מיטלאַלטערלעכער צייט:

אַ קריסטלעכער גנב קומט זיך מתודה זיין פֿאַרן גלח אויף זיינע גניבות. דער גלח, נאָכן אויסהערן זיין ודוי איז אים מכפּר, ער פֿאַרגיט אים פֿאַר זיינע זינד, און דער גנב גייט צופֿרידן אַוועק. אָבער נאָך זיין אַוועקגיין כאַפּט זיך דער גלח, אַז עס פֿעלט אים זיין גאָלדענער זייגער, וואָס דער גנב האָט ביי אים צוגעגנבעט בעת זיין ודוי אויף גניבה...

ביי אונדז, ייִדן, להבדיל, דריקט זיך אויס די תשובה אין באַלדיקער פֿאַרבעסערונג, נישט בלויז אין אויסדריקן אַ ווונטש, אין זיך מתוודה זיין און ווייטער זינדיקן, נאָר אין „אחטא ואשוב", אין „איך האָב געזינדיקט נאָר איך טו תשובה, איך קער זיך גלייך אום אויפֿן גלייכן וועג". און נישט ווי לצנים זאָגן פֿאַרקערט: „אשוב ואחטא", איך וועל זיך אומקערן צו זינדיקן...

תשובה דריקט זיך נישט אויס ביי אונדז בלויז טעאָרעטיש, בלויז אין וואָרט, נאָר בעיקר אין טאַט, וואָס דאַרף דעקן און באַשטעטיקן דאָס וואָרט.

„ותשובה ותפֿילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה" — תשובה, תפֿילה און צדקה פֿאַרטרייבן די שלעכטע גזרה. תשובה איז פֿאַסטן; תפֿילה איז געבעט און צדקה איז געלט.

דאָס פֿאַסטן איז אויך אַ סאָציאַלער מאָמענט. בלויז ווען דער מענטש פֿאַסט, איז הונגעריק, שוואַך, געפֿאַלן ביי זיך, קען ער מיטפֿילן און פֿאַר־שטיין דעם מיטמענטשן, דעם אָרעמאַן.

דעריבער, איידער מען גייט צו כל־נדרי, צום פֿאָרכטיקסטן טאָג ביי ייִדן, צו בעטן מחילה און פֿאַרגעבונג אויף די אייגענע זינד און אויספֿועלן פֿאַר זיך אַ גוט יאָר, דאַרף מען געבן אין די קערות פֿאַר אַנדערע, פֿאַרן מיטמענטשן וואָס ליידט און איז נויטבאַדערפֿטיק, דאַרף מען זיך מרחם זיין אויף אַנדערע, כדי אויסצופֿועלן רחמים פֿאַר זיך.

דאָס איז דער אמתער זין פֿון תשובה, פֿון זעלבסטאָנערקענען די איי־גענע שולד, פֿון פֿאַרלאָזן דעם אייגנשטאָלץ, און דאָן פֿון פֿאַרשטיין און

ריכטיק דערשאַצן דעם מיטמענטשן און טאָן צו אים דאָס זעלבע גוטס וואָס מען וויל פֿאַר זיך.

ווייל „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא״ — אַ ייִד, אַפֿילו אויב ער זינדיקט, איז ער אַ ייִד, קען זיך שטענדיק פֿאַרבעסערן, קען תמיד אין אים גובר זיין זיין גוטער ניצוץ און אים פֿאַרוואַנדלען פֿון אַ רשע אין אַ צדיק.

לויט דער ייִדישער אויפֿפֿאַסונג, ווערט אפֿשר אַ סך מאָל דער ייִד נכשל, ער שטרויכלט, אָבער דאָס איז אויך נישט זיין שולד, נאָר דעם יצר־הרעס וואָס לויערט אויף אים און וויל אים אַריינציִען אין זיין נעץ.

ר׳ נחמן בראַצלאַווער האָט פֿאַרגליכן דעם יצר־הרע צו איינעם וואָס גייט אום מיט אַ פֿאַרמאַכטער האַנט און פֿרעגט: — וואָס האָב איך?

אַלע מענטשן מיינען, אַז ער האָט אין דער דאָזיקער פֿאַרמאַכטער האַנט דאָס וואָס זיי גלוסט זיך אָדער זיי פֿעלט צו האָבן, לויפֿן זיי אים נאָך. אָבער ווען ער עפֿנט ענדלעך זיין האַנט, זעען זיי אַז ער האָט דאָרט גאָרנישט...

און דער בעש״ט האָט אַזוי פֿאַרגעשטעלט די נישטיקייט פֿון יצר־הרע:

עס איז אפֿשר גוט וואָס אָדם און חוה זענען באַגאַנגען אַן עבירה מיטן עסן פֿון פֿאַרבאָטענעם עץ־הדעת, ווייל ווען זיי האָבן שוין געגעסן פֿון אים, האָבן זיי דערזען אַז זיי זענען נאַקעט...

דער ייִד דאַרף דעריבער פּערמאַנענט צעטליִען אין זיך זיין גוטן ניצוץ, כדי צו באַזיגן די נישטיקייט פֿון דעם לאָקנדיקן יצר־הרע.

דערצו דאַרף דער ייִד זיין אַ הולך, דאָס הייסט, מקיים זיין דעם „לך לך״, דאָס גיין, דאָס שטייגן פֿון מדרגה צו מדרגה.

ער דאַרף זיך נאָכאַנאַנד באַנייען.

פֿאַר וואָס — האָט אַ גדול געפֿרעגט — ציילן ייִדן די מאָנאַטן, די יאָרן, לויט דער לבנה?

— ווייל די לבנה באַנייט זיך כסדר. — אַזוי דאַרפֿן ייִדן כסדר זיך באַנייען.

די לבנה האָט נאָך אַן אייגנאַרטיקייט: אַז ווען זי באַנייט זיך, זעט מען נישט אירע פֿלעקן. אַזוי זענען אויך ייִדן: ווען זיי באַנייען זיך, זעט מען אויך נישט זייערע פֿלעקן... ביים תשובה טאָן, דאָס הייסט, ביים באַנייען זיך, זעט מען נישט זייערע פֿלעקן, זייערע עבירות...

אַזוי זאָגן טאַקע ייִדן אויפֿן אייבערשטן: „מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית", ער באַנייט אַלע טאָג, שטענדיק, דעם וועלט־באַשאַף. אַזוי אויך ייִדן דאַרפֿן אָנפֿאַנגען פֿון דאָס נײַ זייער שיין דערהויבן לעבן, ריין פֿון פֿלעקן.

ווייל „כי נר ה נשמת האדם", דעם מענטשנס נשמה איז ג־טס ליכט. אַזוי ווי דער פֿלאַם אין דעם ליכט, אַזוי איז די נשמה אינעם מענטשנס גוף. זי באַנייט און באַלייכט אים. דער מענטש דאַרף נאָר אָנצינדן אָט דאָס ליכט אין זיך.

מען דערציילט וועגן שמואל הנגיד, וואָס איז געווען וויזיר אין אַראַ־בישן שפּאַניע, אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד:

ער איז אַ מאָל געגאַנגען אויף דער גאַס צוזאַמען מיטן כאַליף. איז אים אָן אַראַבער אַנטקעגנגעקומען און אָנגעהויבן צו זידלען און שילטן. ווען דער כאַליף האָט דאָס דערזען, האָט ער באַפֿוילן ר׳ שמואלן נעמען דעם מענטשן און אים אַלס שטראָף פֿאַר זיין לעסטערונג, אויסשניידן די צונג.

ר׳ שמואל האָט דעם מענטשן עטלעכע מאָל באַזוכט אין תּפֿיסה און מיט גוטע רייד און איידלקייט אויפֿגעוויזן זיין גרויסן פֿעלער און אים איבערצייגט צו טאָן תשובה און פֿאַרריכטן זיין פֿעלער. דער אַראַבער איז געוואָרן גערירט, וואָס אָנשטאָט צו באַשטראָפֿן אים פֿאַר זיין גרויסער זינד קעגן וויזיר, האָט אים דער לעצטער גאָר באַהאַנדלט אַזוי פֿיין און איידל, און ער האָט באמת געקראָגן גרויס חרטה און געוואָרן אַ רעכטפֿאַרטיקער מאַן.

גייענדיק אין אַ צייט אַרום ווידער מיטן כאַליף אויף דער זעלבער גאַס, קומט אַנטקעגן ר׳ שמואלן דער זעלבער אַראַבער און הייבט אים אָן בענטשן און נעמט אים אויף מיט די פֿיינסטע און געקליבנסטע ווערטער.

דער כאַליף אָבער איז געוואָרן אין כעת אויף ר׳ שמואלן, הלמאי ער האָט נישט דערפֿילט זיין געבאָט און אים נישט אויסגעשניטן זיין בייזע צונג. דערויף האָט ר׳ שמואל געענטפֿערט:

— גנעדיקער כאַליף: איך האָב ווירקלעך דערפֿילט דיין פֿאַראָרדענונג: איך האָב אים אויסגעשניטן זיין בייזע צונג און אויף איר פּלאַץ אַריינ־געטאָן אַ גוטע צונג...

מרדכי הערבסט

דער דאָזיקער ווונדערבאַרער עפּיזאָד פּאַסט זיך אַריין אַזוי טרעפֿלעך אין דער ייִדישער אויפֿפֿאַסונג פֿון תשובה אין באַנייונג, מיט וואָס עס צייכנט זיך אויס אונדזער ניי־יאָר, ראש־השנה.

נעמלעך: די שטענדיקע שטרעבונג צו תשובה, די פּערמאַנענטע באַנייונג פֿון אונדזערע מידות און מעשים, כדי צו לעבן וואָס ריינער, ערלע־כער און דערהויבענער ווי מענטשן און ווי ייִדן.

ראש־השנה, דער יום־טוב פון מענטשלעכער דערהייבונג

„ראש" וויל זאָגן אָנפאַנג און עס וויל אויך זאָגן: קאָפּ.

האָט טאַקע אַ גדול אַמאָל געזאָגט: אַז אַזוי ווי ווען דער קאָפּ פון דעם מענטשן, אין וועלכן עס קאָנצענטרירט זיך דער נערוון־סיסטעם, וואָס ריכ־טעט די גאַנצע אַקטיוויטעט פון זיין גוף, איז גוט, גייט דער גאַנצער קער־פער גוט, און אויב חלילה דער קאָפּ איז נישט גוט, דאַן איז דער גאַנצער גוף נישט גוט. אַזוי איז אויך מיט ראש־השנה, מיטן קאָפּ פון יאָר: אויב ראש־השנה איז גוט, איז דאָס גאַנצע יאָר ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איז דעריבער ראש־השנה דער פאַסיקסטער מאָמענט, דער קאָפּ, דער נערוון־סיסטעם פון דעם גאַנצן קומענדיקן יאָר, צו ריכטן אונדזער לעבן, אונדזערע מעשים און כוונות.

איז אָט דער דאָזיקער יום־טוב פאַר אונדז אַ צוגעפּאַסטע געלעגנהייט צו מאַכן אַ חשבון־הנפש, צו מפשפש זיין אונדזערע טאַטן, צו וועגן און מעסטן אונדזערע כוונות, תשובה צו טאָן אויף די באַגאַנגענע פעלערן, כדי צו פאַרבעסערן די צוקונפטיקע מעשים.

האָט טאַקע אַ צווייטער גדול שוין געפרעגט: — פאַר וואָס האָט מען די ייִדן געגעבן די עשרת ימי תשובה, האָט מען באַשטימט בלויז צען טעג פון תשובה? אייגנטלעך דאַרף מען דאָך אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר תשובה טאָן.

— אָבער ווען עס וואָלט אַזוי געווען, ווען מען וואָלט אַ גאַנץ יאָר געהאַט צייט תשובה צו טאָן, וואָלט מען אָפּגעלייגט פון איין טאָג צום אַנדערן. אָבער אַצינד, אַז מיר האָבן בלויז צען טעג, די עשרת ימי תשובה, דאַרף מען טאַקע תשובה טאָן אָן שום פאַרזוימונג און צייט פאַרלוסט...

איז דעריבער ראש־השנה נישט בלויז דער יום־טוב פון דעם אוני־ווערס, פון בריאת־העולם, נייערט אויך פון בריאת־היחיד, פון דאָס ניי

באַשאַפֿן ווערן פֿון יעדן מענטשן באַזונדער. ווערט טאַקע, לויט דער ייִדי־שער אויפֿפֿאַסונג, אין ראש־השנה באַשטימט, געשריבן און געחתמעט, נישט נאָר דער גורל פֿון דער וועלט, נאָר דער פּערזענלעכער גורל פֿון יעדן איינעם פֿון אונדז, וואָס איז אַן עולם קטן, אַ קליינע וועלט פֿאַר זיך.

מיר האָבן שוין אַמאָל אָנגעוויזן, אַז להיפוך צו דער טראַדיציע פֿון אַנדערע פֿעלקער, וואָס דריקט זיך אויס אין פֿאָלקס־מאַניפֿעסטאַציעס, דע־מאָנסטראַציעס אָדער פֿייערונגען, אָבער וואָס בינדן נישט און באַווירקן נישט שטענדיק יעדן יחיד באַזונדער, זענען די עשרת הדברות ביי אונדז געגעבן געוואָרן בלשון יחיד, און אַלע אונדזערע מנהגים און טראַדיציעס זענען פֿאַרפֿליכטנדיק פֿאַר יעדן ייִדן באַזונדער.

און ראש־השנה קומט טאַקע אַמבולטסטן צום אויסדרוק אָט די יחידיש־קייט וואָס איז די בעסטע באַזע פֿאַר דער פֿאָלקישקייט פֿון אונדזער לעבנס־שטייגער, ווייל נאָר דאַן, ווען יעדער יחיד באַזונדער איז „חייב לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים“, דאַרף זיך באַטראַכטן אַז ער איז אַליין אַרויס פֿון מצרים, און אַז ער איז אַליין געשטאַנען ביים באַרג סיני, דאַן איז דער גאַנצער פֿאָלקס־בנין סאָליד און צעמענטירט פֿון דעם יסוד ביז די העכסטע שטאָפּלען, אויף פֿעסטע און אומצעברעכבאַרע זיילן.

און דאָס קומט טאַקע צום אויסדרוק ראש־השנה. דאָס איז נישט נאָר אַ יום־הדין פֿאַרן אוניווערס, פֿאַר דער וועלט, וואָס איז, לויט אונדזער אויפֿפֿאַסונג, באַשאַפֿן געוואָרן אין תשרי, און ווערט טאַקע אין דעם חודש געמשפּעט, נאָר דאָס איז דער יום־הדין פֿאַר יעדן איינעם פֿון אונדז באַזונ־דער, און יעדער איינער דאַרף אַליין מפשפש זיין, אונטערזוכן זיינע אייגענע מעשים און זיך אַליין אויסבעטן אַ גוט יאָר.

דעריבער קלאַפּט יעדער איינער „על חטא“ אויף זיין אייגן האַרץ און נישט אויף קיין פֿרעמדס, בעט דעם „אל תשליכנו“ און ווייסט, אַז תשובה און תפֿילה און צדקה קענען מעביר זיין את רוע הגזרה, אָפּרופֿן די שלעכטע הימלישע גזירות.

דער ייִד ווייסט, אַז כדי אויסצופּועלן אין די הימלישע הויכקייטן אַ „גוט קוויטל“, מוז ער זיך קודם־כל לייטערן, דאַרף ער תשובה טאָן, בעטן מיטן גאַנצן האַרצן, און טאָן צדקה, גוטס צום מיטמענטשן.

און אינטערעסאַנט איז, וואָס ביי תשובה, וואָס קומט דורך „צום“,

פֿאַסטן, האָט די תורה אָנגעזאָגט: „ועיניתם את נפֿשותיכם", איר זאָלט פּייניקן אייער זעל, און נישט בלויז אייער גוף. דאָס פֿאַסטן אַליין איז, אַלזאָ, אויך נישט קיין ענין פֿון קערפּערלעכער פּייניקונג, נאָר פֿון גייס־טיקער לייטערונג.

ווייל כאָטש „אָדם יסודו מעפֿר וסופֿו לעפֿר", אַ מענטש איז פֿון ערד און קערט זיך דאָך צוריק צו דער ערד, איז פֿון דער צווייטער זייט „ותחסרהו כמעט כאלקים", קען ער, אויב ער וויל נאָר, זיך דורך לייטע־רונג דערהייבן צו די העכסטע שטאַפּלען פֿון מענטשלעכע מידות און טו־גונטן.

ווייל דער מענטש איז דאָך באַשאַפֿן געוואָרן בצלם אלקים, אין ג־טס פֿאָרעם. זאָגן דאָך אונדזערע חכמים: — ווי קען מען זאָגן, אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן געוואָרן אין ג־טס פֿאָרעם, אַז לויט אונדזער אמונה האָט דאָך דער רבונו של עולם אין גאַנצן קיין פֿאָרעם נישט? — נאָר דאָס מיינט מען: אין זיין גייסטיקער פֿאָרעם, דאָס הייסט, אין זיינע מידות: אַזוי ווי דער אייבערשטער איז אַן אל רחום וחנון, אַ באַרעמהאַרציקער און לייט־זעליקער ג־ט, אַזוי דאַרף דאָס דער מענטש אויך זיין. אַזוי ווי ער איז זיך מרחם אויפֿן מענטשן, וואָס איז זינדיק און פֿיל נידעריקער פֿון אים, אַזוי דאַרף אַוודאי און אַוודאי איין מענטש האָבן רחמנות אויפֿן אַנדערן, וואָס איז זיין גלייכן.

איז טאַקע אַן אומבאַדינגטע קאָנדיציע, אַז דער חזן, דער שליח־ציבור, דאַרף זיין אַ מעורב עם הבריות, וואָס זאָל זיין אָנגענומען ביי קהל און זאָל מיט זיין ווילן און איינשטימיקייט פֿאַרברענגען זיינע תפֿילות פֿאַרן איי־בערשטן. אין קעגנטייל, איז דאָס קהל נישט מחוייב צו ענטפֿערן „אָמן" נאָך זיינע ברכות.

ווייל ווי געזאָגט, זענען אַלע מצוות אַ רעזולטאַט פֿון דעם אייבערשטנס ליבשאַפֿט צו יידן, און זייענדיק באַשאַפֿן „בצלמו כדמותו", אין זיין געט־לעכער גייסטיקער מידות־פֿאָרעם, דאַרף זיי דער ייד נאָכטאָן.

ווייל דער עיקר פֿון אַלע יידישע מצוות איז דאָך טאַקע דער „בין אָדם לחברו", די פֿאַרהעלטענישן צווישן איין מענטש מיט דעם אַנדערן, זיינע מידות לגבי דעם מיטמענטשן, זיין צדקה, זיין הילף פֿאַרן אַנדערן. דער „ואהבת לרעך כמוך", איז דאָך דער גרויסער כלל אין אונדזער תורה, און

דער „דו זאָלסט נישט טאָן דיין חבר וואָס דו ווילסט נישט מען זאָל דיר טאָן". איז דאָך די אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך אונדזער פֿאָלקישע און יידיש־טראַדיציאָנעלע געזעצגעבונג.

איז דאָך דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס מיר קענען ביי פּרצעס „אויב נישט נאָך העכער" געפֿינען אַ בעמיראָוועד רבין, וואָס זאָל אין די סליחותדיקע פֿאַרטאָג־שעהען זאָגן סליחות ביים הייצן דעם אויוון פֿון אַ קראַנקער הילפֿלאָזער פֿרוי, און זיינע סליחות זאָלן אַרויפֿגיין „אויב נישט נאָך העכער".

און דעריבער קענען מיר אין דער פֿאָלקס־געדעכעניש ווי אין דער ליטעראַטור פֿאַרצייכענען דעם עפּיזאָד פֿונעם באַרדיטשעווער רבין, וואָס ווען דער גאַנצער עולם אין שול וואַרט אויף אים צו „כל נדרי", פֿאַרוויגט ער גאָר אין זיינע אָרעמס אַ וויינענדיק קינד, וואָס ער האָט צופֿעליק אָנגע־טראָפֿן גייענדיק אין שול אַריין.

ווייל ביי יידן איז דער ׳נעשה׳ שטענדיק געווען געבונדן מיטן „נשמע", דאָס טאָן איז געווען אַ דירעקטער פּועל־יוצא פֿונעם פּרעדיקן, און דער „נאה מקיים" — די דערגענצונג צום „נאה דורש", און דערין איז באַ־שטאַנען די מענטשלעכע און יידישע דערהויבונג.

נאָכמער: דער ייד בעט טאַקע, אַז דער רבונו של עולם זאָל מקיים זיין זיין אייגענע תורה וואָס איז אַן אהבת־ישראלדיקע.

ביי אים איז דער איבערשטער „כבקרת רועה עדרו", ווי אַ טרייער פּאַסטעך פֿון זיין פֿאָלק, וואָס פּאַסט־אויף אויף יעדן יידן באַזונדער, און איז טאַקע ווי אַ טרייער פּאַסטעך „וואָס איז מעביר צאנו תחת שבטו", דעריבער בעט ער אים אין דעם „יום הרת עולם", ווען יעדע באַשעפֿע־ניש שטייט צום משפּט, ער זאָל אים משפּטן מיט מידת־הרחמים, „כרחם אָב על בנים", אַזוי ווי אַ טאַטע דערבאַרעמט זיך אויף זיינע קינדער.

און וווּנדערבאַר און מערקווירדיק איז דאָס וואָס ר׳ לוי־יצחק באַרדי־טשעווער בעט זיך ביי ג־ט:

— רבונו של עולם: אויב ביי אַ יידן פֿאַלן אַראָפּ זיינע תפֿילין, הייבט ער זיי אויף און קושט זיי. און וואָס שטייט געשריבן אויף דעם יידנס תפֿילין? — „שדי", אַלמעכטיקער. און אויף דיינע תפֿילין, ג־טעניו, שטייט דאָך געשריבן: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", ווער נאָך איז ווי דיין

פֿאָלק ישראל, איין איינציקאַרטיק פֿאָלק אויף דער וועלט. איז ווען דיינע תּפֿילין, דאָס הייסט, עמך ישראל, דיין פֿאָלק ישראל, זענען געפֿאַלן, דאַרפֿסטו זיי אויך אויפֿהייבן (דערהייבן צו זיך) און זיי קושן...

און נאָך דערציילט מען, אין זעלבן גייסט: אַז איין מאָל, אין אַ ראש־השנה וואָס איז אויסגעפֿאַלן אום שבת, האָט ר׳ לוי־יצחק זיך אַוועקגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן צום רבונו של עולם:

— אויב דו שרייבסט היינט אָן אַ גוט יאָר פֿאַר דיין פֿאָלק ישראל, מעגסטו שרייבן אום שבת, ווייל „פּקוח נפֿש דוחה שבת״, דאָס ראַטעווען דאָס לעבן שטייט העכער פֿונעם שבת. אין קעגנטייל, אויב דו שרייבסט נישט אָן אַ גוט יאָר, צו ראַטעווען די ייִדן, טאָרסטו, לויט דיין אייגענעם געבאָט, שבת נישט שרייבן...

ראש־השנה איז, ווי שוין געזאָגט, דער קאָפּ פֿון אַ גאַנץ יאָר, דער מאָמענט ווען מיר קענען זיך אָננעמען מיט דערהייבונג און הויכע מענטשלעכע מידות אויף אַ גאַנץ יאָר, סיי לגבי דער אייגענער פֿירונג, די אייגענע מעשים און כוונות, און סיי אין די פֿאַרהעלטענישן פֿון בין אָדם לחברו, פֿון איין ייִד לגבי דעם אַנדערן.

כידוע, האָט מען ביי דער מצוה פֿון ציצית געבאָטן אַריינצופֿלעכטן אין אונדזער טלית אַ „פּתיל תכלת״, אַ הימל־בלויען פֿאָדעם. און דאָס האָט סימבאָליזירט, אַז ווען דער ייִד שטייט אויף אין דער פֿרי און טוט זיך אָן זיין טלית (אַמאָל איז דער טלית געווען דער אייבערבגד פֿונעם ייִדן, אַזוי ווי מען זעט עס, למשל, היינט ביי די אַראַבער, און מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ רעליגיעזער סימבאָל), און לאָזט זיך אַרויס צו זיין אַלטעגלעכער וואָכעדיקער אַרבעט, צו זיין געיעג נאָך פּרנסה און צו זיינע פֿיל מענטשלעכע דאגות און פּראָבלעמען, זאָל ער גלייך דערזען אַ בלויען פֿאָדעם, וואָס זאָל אים דערמאָנען אַז אַחוץ זיין טעגלעכקייט און וואָכעדיקייט, וואָס עס סימבאָליזירט זיין אייבערבגד, זאָל אים דער הימל־בלויער פֿאָדעם אויך דערמאָנען אַז עס איז פֿאַראַן אַ העכערע זאַך ווי זיין וואָכעדיקע פֿאַרשמיידיקייט, עפּעס דערהויבענער און הימלישער.

אַזוי האָט טאַקע געטייטשט דער קאָצקער רבי:

„האזינו השמים״, פֿאַרנעמט הימליש.

ראש־השנה איז עס טאָקע דער „פּתיל־תכלת״, וואָס ברענגט אַריין הימלישע דערהייבונג פֿאַרן גאַנצן נאָכקומענדיקן וואָכעדיקן יאָר.

אין דעם זין ווערט טאָקע דערציילט וועגן ר׳ נחמן בראַצלאַווער דער פֿאָלגנדיקער עפּיזאָד:

— אין אַ מאַרק־טאָג אין בראַצלאַוו, איז ר׳ נחמן געשטאַנען נעבן זיין פֿענצטער וואָס קוקט אַרויס צום מאַרק־פּלאַץ, און האָט געזען ווי חייקל, אַ פּראָסטער ייִד, לויפֿט אין מאַרק אַריין האַנדלען. האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין פֿענצטער און מיט אַ ווונק אים אַריינגערופֿן אין שטוב.

אַז חייקל איז אַריין, פֿרעגט אים דער רבי:

— חייקל, חייקל, האָסט היינט געקוקט אויפֿן הימל?

— ניין — האָט חייקל גלייך געענטפֿערט.

זאָגט צו אים ר׳ נחמן:

— חייקל, חייקל, קום נאָר אַהער, שטעל זיך נעבן מיר, קוק אַרויס דורכן פֿענצטער און זאָג מיר: — וואָס זעסטו אין דרויסן?

— איך זע דאָרט וואָגנס, אַ סך פֿערד, מענטשן לויפֿן אַהין און אַהער.

זאָגט אים דער רבי:

— חייקל, חייקל, אויך אין פֿופֿציק יאָר אַרום וועט דאָ זיין אַ יריד. נאָר דאָס וועט זיין גאָר אַן אַנדער יריד. אַלץ וואָס דו זעסט היינט דאָ, וועט שוין דאָ נישט זיין אויף דער וועלט. עס וועלן זיין אַנדערע וואָגנס און פֿערד. אַנדערע מענטשן און סחורות. נישט איך וועל שוין זיין און נישט דו. דע־ריבער פֿרעג איך דיך:

— וואָס ביסטו אַזוי צערעשט און פֿאַרטאָן, וואָס דו האָסט נישט קיין צייט אַפֿילו אַ קוק צו טאָן אויפֿן הימל. אוי, חייקל, חייקל, זע, וואָס קומט דיר אַרויס פֿון דיין גאַנצער שפּע אויף דער וועלט, אַז דו האָסט נישט אַפֿילו קיין מינוט צייט אַ קוק צו טאָן אויפֿן הימל?

ראש־השנה איז, אַלזאָ, דער יום־טוב פֿון יאָר, וואָס צווינגט אונדז אַ ווײַלע אַ קוק צו טאָן אויפֿן הימל, צו לייטערן זיך און דערהייבן אין אונדזער מענטשלעכקייט און ייִדישקייט.

ראש־השנה, דער יום־טוב פון דערמאָנונג און האָפענונג

מיר האָבן אַמאָל ערגעץ געלייענט אַן אַרבעט פון דעם פאַרשטאָרבע־נעם נשיא פון מדינת ישראל, יצחק בן־צבי ז״ל, וועגן אונדזערע ימים טובים, און עס איז אונדז פאַרבליבן אין זכרון זיין דעפיניציע וועגן ראש־השנה.

— דער יום־טוב — האָט ער געשריבן — רופט זיך „יום־הזכרון״ און אויך „ראש־השנה״ יום־הזכרון הייסט: אַ טאָג פון דערמאָנונג, וואָס דער־מאָנט אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט; בעת ראש־השנה וויל זאָגן: דער אָנ־פאַנג פון אַ ניי יאָר, וואָס פילט אונדז אָן מיט האָפענונג אויף דער צוקונפט.

אַזוי אַרום, אַז ראש־השנה איז דער סינטעז פון דער פאַרגאַנגענהייט מיט דער צוקונפט. און ווירקלעך האָבן מיר אין דעם טאָג חרטה אויף אונ־דזער פאַרגאַנגענהייט, מיר טוען תשובה אויף די באַגאַנגענע פעלערן אין דעם עבר, און מיר שפאַנען אַריין געלייטערטע, מיט גרויס האָפענונג אויף אונדזער צוקונפט, אין דעם נייעם יאָר וואָס פאַנגט זיך אָן.

אַריינבליקנדיק אין אונדזערע אָפּגעטוענע פעלערן, און זייענדיק דורכ־געדרונגען מיט אמתע הייסע תשובה־געפילן, דערזעען מיר ערשט די ניש־טיקייט פון די עבירות און זייער קליינלעכקייט, אין אַנבליק פון דעם שיינעם ריינעם לעבן, וואָס מען זאָגט זיך צו און מען זעט פאַר וויטער צו פירן.

ווי האָבן אונדזערע חכמים שוין געזאָגט:

„אין אָדם חוטא אלא כי אם נכנסה בו רוח שטות״, אַ מענטש זינדיקט נישט סיידן עס גייט אין אים אַריין אַ שגעון.

דערמאָנען מיר זיך שוין אין שייכות דערמיט, וואָס מיר האָבן געהערט אַ מאָל:

— פֿאַר וואָס, אַז אַ ייִד פֿלעגט זינדיקן, פֿלעגט ער ברענגען אַ בהמה פֿאַר אַ קרבן, אַלס אויסדרוק פֿון חרטה?

— אייגנטלעך, אַז ער האָט געזינדיקט, וואָלט מען דאָך אים געדאַרפֿט מקריב זיין און נישט די בהמה?

נאָר אַ ייִד — ווי מיר האָבן שוין אויבן געבראַכט — זינדיקט נישט, נאָר בלויז דאַן ווען עס גייט אין אים אַריין אַ רוח־שטות, אַ שגעון. ווייסט ער דאָך נישט אין יענעם מאָמענט וואָס ער טוט. ער איז דאַן ווי אַ בהמה, וואָס האָט נישט קיין באַוווסטזיין פֿון זיין שלעכטער טאַט. אָבער נאָך דעם ווי דער שגעון גייט פֿאַריבער, האָט ער חרטה, ווערט ער צוריק אַ מענטש און אויס בהמה.

— איז ווען זאָל מען מקריב זיין, דעם איצטיקן מענטשן אָדער די בהמה וואָס ער איז געווען בעתן טאָן די עבירה? ברענגט מען דעריבער אַלס קרבן אַ בהמה...

ווייל, אייגנטלעך איז דער ייִד נישט אַזוי זינדיק. מען זאָל אָוועקלייגן אויפֿן וואָגשאָל זיינע גוטע מידות און זיינע עבירהלעך, וועלן זיכער די ערשטע איבערוועגן.

ברענגט דאָך טאַקע דער מדרש, אַז די גמטריאות פֿון „השטן״ באַטרעפֿט 364, אַזוי ווי די טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר ווינציקער איין טאָג.

— פֿאַר וואָס מיט אַ טאָג ווינציקער? — זאָגט דער מדרש: אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר האָט דער שטן אַ רעכט משטין צו זיין אויף ייִדן, אַ חוץ איין טאָג — יום־כיפּור.

זאָגט דער אייבערשטער צום שטן: — אין דעם טאָג טאָרסטו זיי נישט טשעפּען. דאָך, גיי און זע וואָס זיי טוען יום־כיפּור.

אַזוי ווי דער שטן קומט צו די ייִדן, זעט ער זיי פֿאַסטנדיק און דאַווענדיק, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער און איינגעהילט אַזוי ווי די מלאכי השרת. קערט ער זיך תיכף צוריק מיט גרויס בושה און חרפּה. פֿרעגט אים דער אייבערשטער:

— נו, ווי אַזוי האָסטו געטראָפֿן מיינע קינדער?

ענטפֿערט דער שטן: — זיי זענען דאָך ווי די מלאכים און איך קען זיי נישט טשעפּען. בינדט אים תיכף דער אייבערשטער אין קייטן און ער זאָגט אָן די ייִדן:

„סלחתי״, איך בין אייך מוחל.

און מען קען אָביעקטיוו זאָגן אויף די ייִדן, אַז טראָץ זייערע פֿעלערן ועגען זיי אַ דערהויבן פֿאָלק מיט מידות טובות, און דער כלל אַלס גאַנצער גייט שטענדיק אַרויס נשמה־גאַנץ פֿון אַלע לויערנדיקע מענטשלעכע שוואַכ־קייטן, איבערהויפּט מערקט זיך דאָס, ווען מען פֿאַרגלייכט אונדזערע ייִדן מיט אַנדערע פֿעלקער, אונדזערע ימים טובים און פֿייערונגען פֿון איין זייט, מיט די פֿון דער וועלט פֿון דער צווייטער זייט.

אַזוי דערציילט מען טאַקע וועגן דעם גרויסן אוהב ישראל, ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, וואָס האָט איין מאָל ראש־השנה פֿאַרן זאָגן די הויכע שמונה עשרה, אַ זאָג געטאָן אויף אַ קול צום אייבערשטן:

— וואָס ווילסטו פֿון די ייִדן?

„דבר״ — צו וועמען רעדסטו? אל בני ישראל!

— „אמור״ — צו וועמען זאָגסטו? — אַל בני ישראל!

— „צו״ — וועמען געביטסו? — אל בני ישראל!

— „כה תברכו״ — וועמען הייסטו בענטשן? — את בני ישראל!

איבער דעם פֿרעג איך דיך — רבונו של עולם — וואָס ווילסטו פֿון די ייִדן? דעריבער זאָג איך דיר טאַקע מיט אַ ניגון:

— „ברוך אתה ה...״

און ג־טס קינדער, די ייִדן, פֿייערן טאַקע דעם אָנפֿאַנג פֿון ייִדישן נייעם יאר מיט תפֿילות ותחנונים, מיט תשובה און חרטה אויף די באַגאַנגענע טעותים, און מיט געבעט אויף דער צוקונפֿט.

טאַקע נאָר ווי דער שטן אַליין ימ״חש״ האָט זיי, להבדיל, כאַראַקטע־ריזירט:

— „איך קען זיי נישט טשעפּען, ווייל זיי זענען ווי מלאכים״.

וועלן מיר שוין נאָך אַ מאָל ברענגען דעם באַרדיטשעווערס אַ זאָג, וואָס ער האָט איין מאָל אַרויסגעבראַכט פֿאַרן אייבערשטן, ערב יום־כיפּור, פֿאַר מנחה:

— רבונו של עולם! האָסט אונדז געגעבן דעם צענטן טאָג אין תשרי צו דאַוונען, פֿאַסטן, אַ טאָג פֿון מחילה און כפּרה; דעם ניינטן טאָג אין תשרי האָסטו אונדז געגעבן צו עסן, טרינקען, און זיין פֿריילעך. איצט זע, דיין פֿאָלק ישראל, אַלע ווי איינער זענען זיי פֿאַרזאַמלט אין שיל. נישט

איינער פֿון זיי ליגט איצט אין שטוב פֿון צו פֿיל איבערעסן זיך. מיט ערנ־סטע פּנימער, צעשראָקענע הערצער, אויגן פֿול מיט טרערן, פֿאַרזונקען אין אייגענע מחשבות, מאַכן זיי היינט דעם דין וחשבון פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר לעבן, גרייטן זיך מיט אימה און פחד פֿאַרן מאָרגנדיקן יום איום ונורא. פֿרעג איך דיך, בורא עולם, האַר פֿון דער וועלט: — איז נאָך פֿאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ אומה ווי דאָס פֿאָלק ישראל?

אוןווירקלעך שטייט טאַקע די כנסת ישראל אום ראש־השנה אין תפֿי־לות ותחנונים, מיט פֿאַרשטיקטן געוויין, און בעט פֿאַרגעבונג אויף די זינד, און אַ גוט אָנקומענדיק ניי יאָר.

און דער שר האומה נעמט צונויף זייער געבעט און זאָגט „סלחתי״ — איך פֿאַרגיב.

און מיר זענען בטוח אין זיין סליחה ומחילה.

האָט אַמאָל אַ רבי געזאָגט:

מיר זאָגן דאָך די ברכה: „ומעביר אשמותינו בכל שנה ושנה״ — ער פֿאַרגיט יעדעס יאָר אונדזער שולד. און דאָס איז זיכער, ווייל אויב נישט, מאַכן מיר דאָך אַ ברכה לבטלה, און דאָס וועט דאָך דער אייבערשטער זי־כער נישט דערלאָזן...

און אין דעם דאָזיקן טאָג פֿון דערמאָנונג און האָפֿענונג שטייען אַלע ייִדן געלייטערטע און אויסגעבעסערטע, אהבת־ישראלדיקער, צוזאַמענגענו־מען.

און אַז ייִדן זענען צוזאַמען ווערט געגרויסט ג־טס נאָמען.

צוויי „ייִדן״ שטעלן דאָך צונויף ג־טס נאָמען. היינט אַזוי פֿיל ייִדן צו־זאַמען קיין ע״ה.

אין דעם מאָמענט דערשפּירט יעדער ייִד אַ שטאָלץ צו געהערן צו אַזאַ אומה, וואָס פֿייערט אויף אַ געלייטערטן אופֿן זיינע ימים־טובים, וואָס הייבט אָן אַזוי דערהויבן זיין ניי־יאָר, אַ ניי לעבן, און אין אָט דער רגע איז יעדער ייִד גרייט צו ברענגען דעם גרעסטן קרבן פֿאַר זיין געהויבענער אמונה.

זאָגט אונדז דאָך דער תלמוד:

„אמר ר׳ אבו: למה תוקעין בשופר של איל? — אמר הקדוש ברוך הוא: תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכר לכם עקדת־יצחק בן אברהם, ומעלה אני עליכם כאלו עקדתם עצמכם לפני״.

דאָס הייסט — האָט ר׳ אבו געזאָגט — צו וואָס בלאָזט מען אין אַ שופר פון אַ ווידער? — ווייל דער אייבערשטער האָט געזאָגט: — בלאָזט פאַר מיר אין אַ שופר פון אַ ווידער, כדי איך זאָל זיך דערמאָנען אין עקידת־יצחק, און איך באַטראַכט אייך אַזוי ווי איר אַליין וואָלט פאַר מיר געגאַנגען אויף דער עקידה!...

און דעריבער זענען „כל השערים ננעלים חוץ משערי־רחמים״ — אַלע הימלישע טויערן זענען פאַרמאַכט, חוץ די טויערן פון רחמים, כדי עס זאָל דאָרטן אַרויף דאָס געבעט פון דער יידישער איינגעזאַמלטער עדה.

אָדער ווי עס שטייט: „שערי דמעות לא ננעלו״, די טויערן פון טרערן אין הימל ווערן קיין מאָל נישט פאַרשלאָסן. און עס ציִען זיך דעריבער אַהינצו הייסע געבעט־טרערן פון דעם פאָלק ישראל אום ראש־השנה — וואַרעמע, האַרציקע, נשמהדיקע טרערן.

מען האָט אַמאָל, אין שייכות דערמיט, געפרעגט דעם רבין ר׳ שמחה־בונם פון פשיסכע:

— „אַז די טויערן פון טרערן אין הימל ווערן קיין מאָל נישט פאַר־שלאָסן, צו וואָס דאַרף מען זיי אין גאַנצן האָבן?

— מען דאַרף זיי האָבן — האָט דער רבי געענטפערט — צו פאַר־שליסן, אַז אין הימל זאָלן זיך נישט אַרויפכאַפּן קיין פאַלשע טרערן און אויסמישן זיך מיט די האַרציקע אמתדיקע טרערן...״

און די האַרציקע אמתדיקע יידישע טרערן שפּאַלטן די הימלען פון ראש־חודש אלול אָן, פון סליחות־צייט ביז הושענה רבה.

און מיר בעטן היינט מער ווי שטענדיק, אַז: „וכל הרשעה כלה כעשן תכלה״, אַז אַל דאָס בייז און שלעכטס זאָל פאַרשווינדן מיטן רויך, און „וכי תעביר ממשלת זדון מן הארץ״, און אַז דער אייבערשטער זאָל אַראָפּ־נעמען פון דער ערד די הערשאַפט פון שלעכטס, „ותמלך אתה, ה אלקינו, מהרה״ און אַז דער אייבערשטער, די געטלעכע גערעכטיקייט און גוטס־קייט זאָל באַהערשן די וועלט.

„הללוהו בתוף ומחול״ — האָט דער פּרעמישלאַנער געטייטשט: לויבט, בעט צו ג־ט ביים סוף פון יאָר, גאַנץ חודש אלול — ומחול וועט ג־ט אייך מוחל זיין אַלע אייערע עבירות.

ווייל — האָט דער חידושי הרי״ם געזאָגט — „סומך ה׳ לכל הנופלים״,

אַ ייִד באַגייט אַן עבירה, הערלפּט דער איבערשטער אים אויפצושטעלן, ער זאָל אין גאַנצן נישט אומפאַלן. ווייל ג־ט וויל נישט אַפילו „במות הרשע״, אַז דער רשע זאָל שטאַרבן, „כי אם בשוב רשע מדרכו וחיה״, נאָר ער זאָל זיך אָפּקערן פון זיין שלעכטן וועג און לעבן״.

ווייל: „נר ה׳ נשמת אָדם״, דעם מענטשנס נשמה איז דאָך אַ געטלעך ליכט, און טראָץ אַלע צאַנקערייען און לעבנס־ווינטן וואָס בלאָזן פון פאַר־שיידענע ריכטונגען, דאַרף עס ברענען העל און לויטער.

און אָט דאָס לויטער ייִדיש ליכט, דאָס דערהויבן געטלעך נשמה־ליכט, העלט־אויף אין הארץ פון יעדן ייִדן ראש־השנה, אין דעם טאָג, ווען אונ־דזער פאַרגאַנגענהייט ווערט דערמאָנט און געלייטערט און ווערט צונויפ־געגאָסן מיט דער האָפענונג פון אַ ניי שיין לעבן.

— „החיים נתונים בין הזכרונות והתקוה״ — האָט אַ היגער העברעי־שער שרייבער פאָרמולירט: דאָס לעבן געפינט זיך צווישן די זכרונות און דער האָפענונג.

אָדער ווי האָט דאָס רבי אברהם אבן עזרא פאָרמולירט:

„העבר אין; העתיד עדיין, וההוה כהרף־עין״. — די פאַרגאַנגענהייט איז שוין נישטאָ; די צוקונפט איז נאָך נישטאָ, און די קעגנוואַרט איז אָט־אָ (כהרף־עין: ווי אַן אויגנבליק).

איז לאָמיר אום ראש־השנה דערהייבן און באַלייכטן סיי דעם עבר, דעם הוה און דעם עתיד, און פון דער דערמאָנונג פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט אַריינשפּאַנען מיט האָפענונג צו אונדזער צוקונפט, צו אַ ריין, שיין און גע־הויבן ייִדיש לעבן!

סוכות

סוכות, דער יום־טוב פון אחדות־ישראל

סוכות איז דער יום־טוב פֿון ייִדישער אייניקייט, פֿון אַחדות ישראל.

פֿון איין זייט סימבאָליזירט דער יום־טוב דעם עבר, ווען ייִדן האָבן געלעבט אַ געזונט לעבן אויף אייגענער ערד, און דעם חג האסיף, ווען זיי פֿלעגן איינזאַמלען די פּרוכטן אין די שייערן, ווען דאָס האַרץ איז געווען איבערגעפֿולט מיט פֿרייד פֿאַר דער גרויסער שפֿע, און דער ייִד איז געווען „אך שמח‟, פֿול מיט שמחה, פֿלעגט ער זיך אַריינקלייבן אין די גערטנער־סוכות, אין מיטן אַ ים פֿון שמעקנדיקע בלומען און גרינסן, און פֿון דער צווייטער זייט סימבאָליזירט די סוכה דאָס הייִנטיקע גלות־לעבן, וואָס איז געגליכן צו דער שוואַכער סוכה, צו דער דירת־ארעי, פֿון דער צייטווייליקער וווינונג אויף אונדזערע מקומות.

אַזוי ווי די סוכה, וואָס האַלט זיך קוים ביי אַ רעגן און שטאַרקן ווינט אָבער וואָס בלייבט דאָך גאַנץ, אַזוי איז אויך אונדזער גלות־לעבן. פֿון אַלע זייטן לויערן געפֿאַרן, דראָען איינצוּוואַרפֿן די ייִדישע סוכה, דאָס ייִדיש לעבן. אָבער ווי זינגט דאָס דער דיכטער אברהם רייזען:

פֿון דעם ליכט דעם קאַלטן,
וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטן,
מיין ליכטעלע לעשן זיך וויל;
דאָך מאַך איך מיר קידוש,
און זעט נאָר אַ חידוש,
דאָס ליכטעלע ברענט זיך רויק און שטיל.

דאָס ייִדיש ליכט ברענט דאָך און העלט־אויף טראָץ די קאַלטע בייזע ווינטן וואָס בלאָזן אַריין דורך די שפּאַלטן פֿון דער סוכה.

יאָ, די יידישע סוכה, דאָס יידישע לעבן, האָט לײדער שפּאַלטן, אָבער דאָך ברענט אין איר דאָס יידיש ליכט, און דאָס איז דאָך זיכער דער היס־טאָרישער װוּנדער, דער גרויסער חידוש פֿון אונדזער עקסיסטענץ אין גלות.

װײַל כּל־זמן דער ייד שיצט זיך אין דער יידישער סוכה, און דאָס װאָרט סוכה קומט דאָך פֿון װאָרט שוץ, כּל־זמן ער גייט אַרײַן און װוינט אין דער יידישער לעבנס־סוכה, פֿילט ער זיך געשטאַרקט און געשיצט פֿון אַלע דרויסנ־דיקע געפֿאַרן, װאָס בלאָזן און פֿאַרטראָגן װײַט מיט זייערע קאַלטע שטו־רעם־װינטן.

איז דאָך שוין טאַקע נאַטירלעך דער דין, אַז די סוכה דאַרף האָבן מער שאָטן װי זון, כּדי זיך צו קענען שיצן פֿון דער ברענענדיקער זון. און ס׳איז אויך סימבאָליש: אונדזער לעבן אין גלות איז טאַקע געגליכן צו אַ סוכה; עס פֿאַרמאָגט טאַקע, לײדער, מער שאָטן װי ליכט, אָבער דאָך, װי עס איז דער דין ביים סכך, מוזן זיך אַרויסזען דורך אים דער הימל און די שטערן; געפֿינען זיך אין אים אַ סך רערן און ערטער װוּ אונדזער בליק װענדט זיך צום הימל.

אַ שאָטנדיק, אַ ניטש־ליכטיק לעבן, אָבער דאָך קוקן מיר דורך דעם אַריבער צו די ליכטיקע הימלען. מיר דערהייבן זיך צו הימלישע הייכן אין אונדזער גייסט און אין אונדזער נשמה.

די סוכה באַטײַט אויך פֿאָלקס־אַחדות, פֿאָלקס־גאַנצקייט.

אַ סוכה איז בטבע קליין, קלענער װי אַ הויז, און אַז עס קומען דאָרטן אַרײַן די בני־בית אָדער אַנדערע יידן, מוז מען זיך צונויפֿרוקן, זײַן נאָענט איינער פֿון דעם אַנדערן, װערן נענטער, זיך האַלטן נאָענט.

און דאַן װערט מען אויך פֿרײַנדלעכער, דאַן װעקט זיך אויך יידישע אהבת ישׂראל; דאַן פֿאַלן אויך אָפּ די מחיצות צװישן ייד און ייד, צו װעלכן שטאַנד זיי זאָלן נישט געהערן, צו װעלכער גייסטיקער אָדער סאָציאַלער פּאָזיציע זיי זאָלן נישט באַלאַנגען.

װי האָט דאָס דער װילנער גאון געטײַטשט:

„אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל״, דאָס ערשטע װאָס מען האָט פֿון זיי פֿאַרלאַנגט איז „אל כל ישראל״, זיי זאָלן זיך האַלטן צוזאַמען און לעבן אין אַחדות״.

אָדער װי אַן אַנדערער גדול האָט זיך אויסגעדריקט: „ששים רבוא יידן

שאַפֿן קאָפּ אויף קאָפּ אַ לייטער ביזן הימל. יעדער ייִד איז אַ טייל פֿון דעם לייטער, אָבער בלויז מיטן קאָלעקטיוו קען מען דערגרייכן דעם הימל"...

אַז עס איז דאָ אַחדות, אייניקייט, איז דאָ שוץ, ווי דאָס וואָרט סוכה באַטייט, איז דאָ זיכערקייט. דאַן שטייט די פֿאָלקס־סוכה אַ גאַנצע, מעגן קומען כלערליי רעגנס און ווינטן, מעגן לויערן כל המינים געפֿאַרן.

בלויז דער קאָלעקטיוו, בלויז די אייניקייט פֿון אַלע סאָרטן ייִדן, מיט זייערע פֿאַרשיידענע מעלות און חסרונות, קען גאַראַנטירן און אונטערהאַלטן די סוכת דוד הנופֿלת, זי זאָל זיך האַלטן און נישט חס ושלום פֿאַלן.

איז שוין מער ווי כאַראַקטעריסטיש יענער אַריינטייטש פֿון די אַרבע מינים, וואָס סימבאָליזירן די פֿאַרשיידענע סאָרטן ייִדן: אַזעלכע וואָס פֿאַרמאָגן תורה אָבער נישט קיין מעשים טובים, אָדער מעשים טובים אָבער נישט קיין תורה; גאָר אַנדערע וואָס פֿאַרמאָגן גאָר נישט. נעמט מען זיי אין אַן אַגודה אַחת, אין איין בונד, און מען מאַכט איבער זיי אַלע צוזאַמען אַ ברכה...

דאַן, אין אַזאַ אַחדות־גייסט, איז שוין מער ווי נאַטירלעך דער מנהג פֿון אושפּיזין, נישט נאָר פֿון די קבליסטישע אושפּיזין, נאָר טאַקע פֿון אמתע אורחים, אַן אונטערשייד פֿון וועמען עס האַנדלט זיך.

וועגן ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, דעם גרויסן אוהב ישראל, דערציילט מען טאַקע, אַז ער פֿלעגט זיך פֿירן איינצולאַדן צו זיך אין סוכה אַריין אורחים אַלס אושפּיזין, ס׳רוב פֿון פּראָסטע מגושמדיקע ייִדן.

האָט מען אים איין מאָל געפֿרעגט וועגן דעם טעם און כוונה פֿון זיין פֿירונג. האָט ר׳ לוי־יצחק אַזוי געענטפֿערט:

— „לעתיד לבוא", ווען משיח וועט קומען, וועלן די אָבות העום, די צדיקים, חסידים פֿון יעדן דור זיצן אין דער סוכה של לויתן, וועל איך לוי־יצחק, זיך אַריינכאַפּן אין סוכה און זיך אַוועקזעצן צווישן זיי. וועט קומען אַ מלאך און זיך פֿרעגן:

— האָ, ווי קומסטו, לוי־יצחק, אַזאַ איש מגושם ווי דו, צו זיצן אין סוכה של לויתן צוזאַמען מיט די אָבות און צדיקי העולם?

וועל איך ענטפֿערן:

— אַוודאי קומט מיר צו זיצן אין דער סוכה של לויתן, ווייל אויך אין מיין סוכה זענען געזעסן פּראָסטע, מגושמדיקע ייִדן".

און דער וועג פֿון אַחדות פֿירט דורך אהבת ישראל, דורך שלום ורעות.

און דאָס צו דערגרייכן באַדאַרף מען פֿאַרמאָגן די אייגנשאַפֿט נישט בלויז צו זען יענעמס חסרונות, נאָר ווי האָט יענער ייִד געבעטן ביים איי־בערשטן: ער זאָל אים געבן די ברכה צו קענען פֿאַרזען די שלעכטע זאַכן פֿון די ייִדן, ווייל נאָר דאַן ווען מען קען האָבן די ברכה פֿון קענען פֿאַר־קוקן דעם צווייטנס חסרון און במילא דערבליקן יענעמס אַ מעלה, קען דאָס פֿירן צו אמתער אחדות און אהבת ישראל; צו פֿאַרמיידן זינלאָזע און אומ־זיסטע צאַנקערייען און מחלוקותן, וואָס האָבן קיין האַפֿט נישט און וואָס פֿאַרמיאוסן דעם מענטשן וואָס פֿאַרנעמט זיך דערמיט.

ווי האָט דער רמב״ם געשריבן צו זיין זון: ער זאָל זיך שטענדיק באַ־מיִען צו דערווייטערן פֿון אַ קריג, פֿון מחלוקות, ווייל קריג פֿאַרמיאוסט דעם מענטשן. דאַקעגן שלום דערהייבט און באַשיינט אים.

דאָס איז געמיינט פּריוואַט און דאָס גלייכן געזעלשאַפֿטלעך, ווען מען קומט זיך צונויף אין אַ ציבור, ווען מען איז פֿריי פֿון פּערזענלעכער אַרבעט און מען פֿאַרברענגט מיט מענטשן.

האָט שוין דאָס אַ רבי וווּנדערבאַר געטייטשט:

„לא תבערו אש בכל מושבותיכם״, איר זאָלט נישט אָנצינדן קיין פֿייער אין אַלע אייערע וווינערטער״ (אין שבת), ווייל אַ גאַנצע וואָך איז דער ייִד פֿאַרנומען, אָבער שבת, ווען ער איז פֿריי און קומט אין שיל אַריין, דאַרף ער זיין זייער געהיט נישט צו אָנצינדן דאָס פֿייער פֿון קריג, פֿון מחלוקת...

ווייל נאָר אין אייניקייט, אין ייִדישער אחדות, ליגט אונדזער פֿאָלקס־קראַפֿט, אונדזער שוץ.

ייִדן זענען געגליכן צום „חול־הים״, צום זאַמד פֿונעם ברעג ים — האָט אַ גדול אַמאָל געזאָגט — וואָס מוז זיך האַלטן אייניק, ווייל זאַמד האָט די אייגנשאַפֿט וואָס בלויז ווען איין קערנדל זאַמד האַלט זיך אייניק מיט די אַנדערע, ווערן זיי נישט פֿאַרשווענקט דורך די כוואַליעס, אַ זאַך וואָס יע־דעס קערנדל באַזונדער ווערט אַריינגעשליידערט און פֿאַרשלונגען אין ברויזנדיקן ים. אַזוי אויך ייִדן: בלויז אין אייניקייט ליגט זייער כוח, יעדער ייִד אַן און פֿאַר זיך קען פֿאַרשלונגען ווערן דורך דעם ים פֿון געפֿאַרן, וואָס לויערן אויף אים.

די סוכה איז אויך דער פּרוּוושטיין פון יידישן אויסדויער, פון יידישן אָפּהיטן די מצוות.

זאָגט שוין דער מדרש, אַז לעתיד לבא, וועלן די פעלקער קומען צום איבערשטן מיט אַ טענה, פאַר וואָס ער האָט דווקא אויסגעקליבן דאָס יידיש פאָלק צו געבן זיי די תורה. גיט זיי הקב״ה די מצווה פון סוכה אַלס פּרוּוו־שטיין. ער זאָגט זיי: איין קליינע מצווה איז פאַראַן אין דער תורה: גייט און זייט זי מקיים — דאָס איז „סוכה“.

גייען די גוים אַוועק און יעדער איינער וויל אויסהאַלטן דעם פּרוּוו. ער בויט זיך אויף אַ סוכה און קלייבט זיך אין איר אַריין. אָבער קוים גייט אַרויס די זון פון איר פוטערפאַס און הייבט אָן צו גליִען און ברענען, אַזוי אַנטלויפן באַלד די סוכה־זיצערס.

אַנדערש איז דאָך מיט די יידן. זיי האָבן דווקא דעם יידישן געדולד, זענען אָנגעגורט מיטן יידישן אויסדויער און זענען מקיים די מצוות־סוכה על כל דקדוקיה ופרטיה.

איז דאָך שוין כאַראַקטעריסטיש דער טעם פון מאַכן אַ סוכה נישט אין ניסן, ווען די יידן זענען אַרויס פון מצרים, מיט וועלכער עפּאָפּייע עס איז פאַרבונדן די סוכה־מצווה (בסוכות תשבו שבעת ימים... כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים״), נאָר דווקא אין תשרי, וואָס פאַלט אויס אין ישראל האַרבסט־צייט. ווייל וואָלט מען געבאָטן צו מאַכן סוכות אין ניסן, פאַרן אָנפאַנג זומער, ווען עס ווערט וואַרעם און מענטשן מאַכן זיך במילא סוכות אויף צו רוען אונטער זייער שאָטן, וואָלט מען נישט געוווסט, צי זיי וואָלטן דאָס געמאַכט צוליב דער מצווה פון סוכה אָדער צוליב אייגענער באַקוועמלעכקייט. דערפאַר האָט זיי דער איבער־שטער געבאָטן צו מאַכן סוכות אין האַרבסט, אין תשרי, בעת דער רעגן־צייט, ווען מענטשן גייען געוויינטלעך אַרויס פון די סוכות, און זיצן אין די הייזער, און דערמיט וויזן די יידן אַרויס, אַז זייער כוונה פון מאַכן די סוכות איז בלויז צוליבן מקיים זיין דעם איבערשטנס מצוות...

דאָס איז בפירוש אַ מוסטער פון יידישער סבלנות, פון יידישן אויס־דויער.

סוכות איז טאַקע דער בעסטער אויסדרוק פון אָט דעם אומדערשי־טערלעכן יידישן אויסדויער, וואָס ווערט נאָך שטאַרקער דורך יידישער

אַחדות, דורך אהבת ישראל, דורך דערנענטערונג פֿון די פֿאַרשיידענע פֿאָלקסטיילן, וואָס זוכן שוץ אין דער פֿאָלקס־סוכה, ווו זיי קומען זיך צונויף, רוקן זיך צונויף, דערנענטערן זיך, און האַלטן אַזוי אַרום אויס אַלע שטור־רדעמס, אַלע ווינטן וואָס רייסן זיך אַריין דורך די שפּאַלטן פֿון זייער פֿאָלקס־סוכה. און דאַן זעט מען דאָך, אַז „פֿון דעם ווינט דעם קאַלטן, וואָס בלאָזט דורך די שפּאַלטן, מיין ליכטעלע לעשן זיך וויל; דאָך מאַך איך מיר קידוש" דאָך, מיט דער אייניקייט קען מען מקדש זיין, קען מען הייליקן דעם פֿאָלקס־גייסט און דאַן קען גאָר קומען דער גרויסער היסטאָרישער חידוש, אַז דאָס ליכטעלע, דאָס ייִדיש העל גייסט־ליכט, „ברענט רויִק און שטיל"...

שמחת - תורה

שמחת-תורה, דער יום-טוב פון דער יידישער קולטור

כאַראַקטעריסטיש ביז גאָר איז דאָס, וואָס די תשרי־ימים טובים פאַר־ענדיקן זיך מיטן גרויסן קולטור־יום־טוב, וואָס יידן האָבן דווקא געשאַפן אין גלות, מיט שמחת־תורה, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק די פרייד פון אונדזער אומה, דער עם הספר און זיין גרויסן שטאָלץ צו זיין דער וואָס באַזיצט אָט אַזאַ מין איינציקאַרטיקן אוצר אויף דער וועלט, וואָס דאָס איז אונדזער תורה, וואָס איז דער קוואַל פון עטיק, הויכע מידות און טוגנטן און וואָס איז געוואָרן דער מקור פון דעם יידישן אויסדויער און אויפהאַלט במשך דער לאַנגער געשיכטע ביז היינט צו טאָג.

וויפל שטורעמס, וויפל נסיונות איז שוין אונדזער פאָלק אויסגעשטאַנען און דאָך איז עס פאַרבליבן גאַנץ און פעסט־פעלדזיק אַ דאַנק זיין הויכער קולטור וואָס עס האָט געשעפּט פון דער תורה.

און אויך די תורה איז געבליבן גאַנץ. ווי האָט ר׳ שמחה־בונם פון פשיסכע געטייטשט:

„תורת ה׳ תמימה״. ג־טס תורה איז גאַנץ. און ער האָט דאָס דער־קלערט:

— אַלץ איז חרוב געוואָרן ביים חורבן בית־המקדש חוץ די תורה.

און ווירקלעך זענען ביים חורבן־הארץ אונטערגעגאַנגען דאָס מלכות און די כהונה, אָבער די תורה איז פאַרבליבן.

און אַ צווייטער גדול האָט געטייטשט:

„תורת ה׳ תמימה״, ג־טס תורה איז גאַנץ. וויפל שטיקער מען רייסט פון איר, און דאָך בלייבט זי גאַנץ...

און אין דעם זינען האָט אַ דריטער רבי זיך אויסגעדריקט:

— אַלע תורות ווערן דערעסן, חוץ אונדזער תורה.

ברענגט טאַקע זייער טרעפֿלעך ש. ז. שרגאי אין זיינס אַן אָפּהאַנדלונג וועגן שמחת־תורה, פֿאָלגנדיקס:

„נאָך אַ שיר וואָס מען זינגט ביי חסידים שמחת־תורה איז: „ונתן לנו את התורה״. דער רבונו של עולם האָט אונדז געגעבן די תורה און חסידים זינגען: ווי וואָלט אונדז געווען, ווען מיר וואָלטן זיך אַליין געגעבן אַ תורה. ווער ווייסט וויפֿל תורות מיר וואָלטן געהאַט און וויפֿל געטער מיר וואָלטן געשאַפֿן. איצט דאַנקען מיר דיר, רבונו של עולם, האָבן מיר איין תורה און איין ג־ט, איין פֿאָלק און איין לאַנד. און אַלע צוזאַמען פֿרייען זיך מיט דיר, ג־טעניו, וואָס דו האָסט אונדז דיין תורה געגעבן. זינגט זשע יידעלעך, זינגט: „ונתן לנו את התורה״.

איז ווי געזאָגט, פֿאַרענדיקט דער ייד די תשרי־פֿייערונגען מיט דעם העכסטן קולטור־יום־טוב, מיטן פֿרייען זיך מיט דער תורה.

פֿלעגן טאַקע חסידים פֿרעגן:

— פֿאַר וואָס פֿייערט מען שמחת־תורה אין סוכות און נישט אין שבו־עות, ווען מען האָט מקבל געווען די תורה? אָבער — האָבן זיי אַליין פֿאַר־ענטפֿערט די קשיה:

— ווען מען האָט שבועות מקבל געווען די תורה, האָט מען נאָך נישט געוווּסט דעם טעם פֿון דער תורה און צי מען וועט זי קענען מקיים זיין. אָבער אַז עס זענען פֿאַריבער אַ פֿינף חדשים און זיי האָבן פֿאַרזוכט דעם טעם, זיי האָבן געזען, אַז זיי קענען אויסהאַלטן און נאָך הנאה האָבן פֿון איר, פֿון אַזעלכע יומים טובים ווי ראש־השנה, יום־כּפור און סוכות, האָבן זיי ערשט דערפֿילט ווי אַזוי מען קען מקיים זיין די מצווה פֿון „ושמחת בחגך״, פֿרייען זיך מיטן יום־טוב, און טאַקע מיט דער תורה, וואָס האָט געהייסן פֿריילעך זיין. און דעריבער פֿרייען מיר זיך מיט דער תורה שמחת־תורה און נישט שבועות״.

אוןווירקלעך האָבן שוין אין דעם דאָזיקן זין געפֿרעגט אונדזערע גדולים:

— פֿאַר וואָס הייסט דאָס באַקומען די תורה „זמן מתן תורתנו״, ד״ה די צייט ווען עס איז אונדז געגעבן געוואָרן די תורה און נישט „זמן קבלת־תורתנו״, די צייט ווען מיר האָבן באַקומען די תורה?

— ווייל דאָס געבן אונדז די תורה איז פאַרגעקומען בלויז איין מאָל, אין אַ באַשטימטער צייט און טאָג, אָבער דאָס מקבל זיין די תורה קען און דאַרף אַ ייִד יעדן טאָג...

איז דאָך שוין טאַקע נישט קיין וווּנדער, אַז ביי ייִדן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער פּרינציפּ פון „תלמוד תורה כנגד כלם" — דאָס לערנען תורה שטייט העכער פון אַלץ.

און עס זאָגן דאָך שוין אונדזערע חכמים, אַז די גאַנצע וועלט האָט אַ קיום צוליבן מויל־הויך פון ייִדישע קינדער, וואָס לערנען תורה. דאָס איז דער יסוד פון אונדזער פאָלקס־עקסיסטענץ.

איז דאָך דעריבער פאַרשטענדלעך די סענטענץ פון תלמוד, אַז מען מאַכט חרוב אַ שטאָט, ווו עס זענען נישטאָ קיין חדרים ווו מען לערנט תורה.

האָט מען טאַקע אַפילו ביי קבלת התורה אָנגעגעבן אַלס בעסטע גאַראַנטיע די קינדער.

און דעריבער אפשר, איז שמחת־תורה גופא, דעקט מען איבער כל הנערים, די קינדער מיט אַ טלית און מען מאַכט מיט זיי די ברכה פון דער תורה, ווייל בלויז מיטן פאַרבינדן דעם יונגן דור מיט אונדזערע גייסטיקע קוואַלן, מיטן פאַראייניקן זיי אונטערן הייליקן פאָלקס־טלית פון אונדזער קולטור, קען מען פאַרזיכערן דעם קיום און המשך פון אונדזער אומה.

איז שוין פאַרשטענדלעך דער צוגאַנג פון אונדזערע פאָלקס־לערערס, פון:

— „העמידו תלמידים הרבה", שטעלט אויף אַ סך תלמידים. בעת ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס לערנען געווען בלויז אַ קנין און פּריווילעגיע פון געוויסע העכערע קאַסטעס אָדער שיכטן, האָט מען ביי אונדז גאָר איינגעפירט די פולשטענדיקע דעמאָקראַטיזאַציע פון דער תורה, און אונדז דווקא געוואָרנט: „— הזהרו מבני העניים, שמהם תצא תורה", זייט פאָרזיכטיק מיט די אָרעמע לייט, ווייל פון זיי וועט אַרויס תורה.

די תורה איז דעריבער געוואָרן אַ פאָלקס־פאַרמעג, און דאָס פאָלק אַלס גאַנצס — אַן עם הספר. דערין ליגט דער פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון שמחת־תורה. יעדער ייִד האָט אַ חלק אין דער תורה. אויב ער לערנט נישט אַליין, העלפט ער אַנדערע צו לערנען, שטיצט ער אונטער די תורה־זיילן פונעם פאָלק.

ווייל, האָבן אונדז די חכמים געלערנט:

„הדר בני אָדם — תורה״. די שיינקייט פֿון מענטשן איז תורה.

אַזוי, אַז ווען עס שטאַרבט אַ תלמיד־חכם איז דער טרויער גרעסער ווי ווען עס שטאַרבט אַפֿילו אַ קעניג. ווייל צו מלכות איז יעדער ייִד ראוי, אָבער תורה מוז מען שוין אַליין דערגרייכן.

איז דעריבער תורה געווען די בעסטע סחורה.

און „לא עם הארץ חסיד״, אַן עם הארץ האָט נישט געקענט זיין קיין חסיד.

און תורה האָט ביי אונדז געמיינט נישט נאָר לערנען, נאָר טאַקע מידות. תורה ברענגט צו מצוות און מעשים טובים.

„רחמנא ליבא בעי״, ג־ט דאַרף האָבן אַ הארץ. איז דאָך טאַקע אינטערעסאַנט דאָס וואָס די תורה ענדיקט זיך מיט אַ „ל״ (לעיני כל ישראל״) און הייבט זיך אָן מיט אַ „ב״ („בראשית״), וואָס אַז מען נעמט צונויףביידע אותיות, דעם אות פֿון דער ענדע מיטן אות פֿון אָנפֿאַנג תורה, מאַכט דאָס „לב״ — האַרץ.

איז דאָך דער גרעסטער כלל אין דער תורה: „ואהבת לרעך כמוך״, זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין.

„כמוך״, ווען ער איז אַזוי ווי דו.

„כמוך״, ווי דיך, דאָס הייסט ווי דו ווילסט מען זאָל דיך ליב האָבן.

דערצו דאַרף מען זיין אַ בעל מידות, און די תורה לערנט דעם מענטשן גוטע מידות, ווי באַשיידנקייט, רחמנות, טאָן גוטס דעם אַנדערן אאַז״וו.

„למה נמשלה התורה למים?״ — פֿאַר וואָס איז די תורה געגליכן צו וואַסער? — ווייל אַזוי ווי וואַסער גייט פֿון אַ הויכן באַרג אין טאָל אַריין, אַזוי גייט די תורה צו אַ מענטשן, וואָס האַלט זיך נידעריק.

אַפֿילו דער איבערשטער אַליין האַלט זיך קליין — האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט. דעם איבערשטנס נאָמען הייבט זיך דעריבער אָן מיטן קלענסטן אות פֿון אלף־בית, מיט אַ „י״.

תורה איז דעריבער געווען דער עיקר, דער לעבנזאַפֿט פֿון אונדזער פֿאָלק. אַזוי ווי מיר זאָגן: „כי הם חיינו ואורך ימינו״ — דאָס איז אונדזער לעבן און די פֿאַרלענגערונג פֿון אונדזערע טעג.

איז דאָך שוין נאַטירלעך דער זאָג פֿון אונדזערע ספֿרים, אַז „מי שאינו

מלמד את בנו תורה, נראה כאלו קוברו״, אַז ווער עס לערנט נישט זיין זון תורה, איז ווי ער וואָלט אים באַגראָבן.

און אַזוי וויכטיק איז דער לימוד התורה, לויט פּרקי־אָבות, אַז ווער עס לערנט פֿון עמעצן בלויז איין פּרק, צי גאָר איין אות, איז מחוייב אים צו רופֿן „רבי״, לערער.

און דעריבער גילט דער כלל פֿון „לא הביישן למד״, דער וואָס שעמט זיך קען נישט לערנען.

— אַזוי ווי ווען איינער איז דורשטיק — זאָגן אונדזערע חכמים — וועט ער זיך נישט שעמען צו זאָגן אַ קלענערן פֿון אים: „גיב מיר אַ ביסל וואַסער״, אַזוי דאַרף מען זיך נישט שעמען צו זאָגן אַ יינגערן: „לערן מיך אויס אַ פּרק״. ווייל די תורה איז דאָך ביי ייִדן דאָס לעבנס־וואַסער, וואָס נערט און האַלט אונדז אויף ביים לעבן.

און מען האָט טאַקע ביי ייִדן געלערנט תורה אין מאַסן אין אַלע צייטן און אין די פֿאַרשיידנסטע לענדער.

דערציילט דאָך יוסף פֿלאַוויוס, אַז אין זיין צייט האָט יעדער איינער גיכער געדענקט די תורה־פּרקים ווי זיין אייגענעם נאָמען.

און נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר ערשט אין גלות זענען אויפֿגעקומען די גרויסע תורה־צענטערן, וואָס האָבן צעמענטירט דאָס ייִדנטום ביז היינט צו טאָג.

אַזוי זעען מיר ווי אין בבל זענען אויפֿגעקומען די גרויסע ישיבות, אַזוי אין פֿראַנקרייך, דייטשלאַנד און אין פּוילן, למשל, האָט מען געלערנט מער תורה ווי אין בבל און ארץ־ישראל.

די תורה איז געוואָרן דער גרויסער בינדנדיקער פֿאָלקס־כוח און די גייסטיקע טעריטאָריע, וואָס האָט געהאַלטן פֿאַראייניקט אַלע ייִדן אויף דער וועלט.

און ווי האָט אַ גדול געטייטשט: „זאת התורה לכל נגע צרעת״, די דאָזיקע תורה איז די בעסטע רפֿואה צו אַלע אָנשיקענישן און פּלאָגן...

האָט מען טאַקע אָנגעזאָגט דעם: „הוה גולה למקום תורה״, ווער פֿאַרוואָגלט אין אַ מקום תורה.

דערויף פֿלעגט דער ערשט נישט לאַנג פֿאַרשטאָרבענער נשיא־ישראל, ר׳ יצחק בן־צבי ז״ל, זאָגן:

— אַמאָל פֿלעגט מען זאָגן: „הוה גולה למקום תורה״, היינט אָבער דאַרף מען שוין זאָגן: „הוה עולה למקום תורה״, זיי עולה צו אַ מקום תורה, זיי עולה קיין ישׂראל...

אין שׂמחת־תורה קומט טאַקע צום אויסדרוק אָט דער גרויסער כּוח, וואָס עס מיינט תורה. און דאָס סימבאָלישסטע פֿונעם יום־טובֿ איז דאָס, וואָס גלייך ווי מען פֿאַרענדיקט לייענען די תורה, הייבט מען זי גלייך אָן פֿון דאָס ניי, וואָס דאָס ווייזט די קאָנטינויִטעט, די אומאיבערגעריסנקייט פֿון לערנען ביי אונדז, דער „והגית בו יומם ולילה״. ווייל תורה איז ביים ייִדישן פֿאָלק אַזוי ווי דער לעבנס־אָטעם און קוים הערט מען אויף אַ ווײַלע צו אָטעמען, שטאַרבט מען, חלילה אָפּ...

אויף צו קענען לערנען תורה דאַרף מען זיך אַליין מיִען. דאָס גייט נישט בירושה.

ווען אָסטראָווצער רבין ווערט טאַקע דערציילט, אַז ער, וואָס איז געווען אַ בעקערס אַ זון, האָט זיך אַ מאָל געפֿונען אין אַ קרייז פֿון באַרימטע רבײַים, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון דורות־לאַנגע דינאַסטיעס פֿון חסידישע גדולים. האָט יעדער איינער פֿון זיי אָנגעפֿאַנגען אויסצורעכענען זיין יחוס. ווען עס איז געקומען די ריי פֿון אָסטראָווצער רבין, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— ביי אייך ענדיקט זיך שוין דער יחוס. ביי מיר הייבט ער זיך ערשט אָן.

די תורה איז דער יחוס־בריוו פֿון אונדזער פֿאָלק, זיין גייסטיקע קראַפֿט און לעבנס־יניקה. מען דאַרף דעריבער זען, אַז אויך ביי אונדזער דור זאָל אָנפֿאַנגען דער תורה־יחוס און נישט, חלילה, זיך פֿאַרענדיקן ביי אים.

שׂמחת־תורה איז דעריבער דער גרויסער ייִדישער קולטור־יום־טובֿ, וואָס וועקט אויף אין אונדז אָט דעם טייערן יחוס התורה און צעגליט דעם גרויסן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פֿון געהערן צום עם הספר, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פֿון צווישן זיך אַזאַ געהויבענע און מידותפֿולע תורה, אַן איינציקאַרטיקע אויף דער גאַנצער וועלט און אין אַלע צייטן.

און אינטערעסאַנט איז נאָך צוצוגעבן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ מיינונג, אַז דאָס באַשטימען צו פֿייערן ראש־השנה, דעם ייִדישן ניי־יאָר, אין חודש תשרי, וואָס איז לויט דער תורה דער זיבעטער חודש, איז דאָס געטאָן געוואָרן אין בבל, און זינט דאַן איז תשרי געוואָרן דער ערשטער חודש פֿון

אונדזער לוח, אַנשטאָט ניסן, וואָס איז אייגנטלעך געווען דער ראש־החדשים, אין וועלכן מאָנאַט מיר זענען באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפריי און מיר זע־נען ווי כמעט ווידער אַ מאָל געבוירן געוואָרן אַלס פאָלק. צווייטנס איז ניסן דער חודש פון פרילינג, ווען די גאַנצע נאַטור דערוואַכט און צעגרינט זיך און אויך דעם מענטשנס געמיט לעבט־אויף.

איז דווקא אין בבל דער ערשטער חודש אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן זיבעטן חודש, אין האַרבסט, ווען די נאַטור וועלקט און איז אַ סימבאָל פון דער פאַרגענגלעכקייט, כדי אָפּצוטיילן אונדזער ניי־יאָר פונעם באַבילאָנישן ניי־יאָר, וואָס איז געפייערט געוואָרן דורך אַ וואַקכאַנאַליע פון שכרות און הוליאַנקעס אויך אין ניסן־צייט. האָבן מיר אָבער אין גלות געשאַפן אַן אייגנ־אַרטיקן יום־טוב אַ שמחת־תורה אַ קולטור־יום־טוב מיט וועלכן אונדזערע תשרי־ימים טובים וואָס זענען טעג פון מענטשלעכער דערהייבונג, פון חשבון הנפש, פון תשובה און פון גייסטיקייט ווערן אָפּגעשלאָסן. און די דאָזיקע תורה־שמחה איז פון דער העכסטער קולטור־קוואַליטעט וואָס לייגט אַרויף זיין חותם אויף אונדזער פאָלק וועמעס בעסטער קענצייכן ער איז און פאַר־וואַנדלט אונדזער אומה אַלס עם הספר, וואָס פייערט זיינע ימים טובים נישט מיט שכרות, נישט מיט קיין הוליאַנקעס, נאָר פאַרענדיקט גאָר זיינע ניי־יאָר־פייערונגען מיטן יום־טוב פון זיין קולטור, מיט שמחת־תורה.

חנוכה

חנוכה, דער יום-טוב פון ליכט

חנוכה סימבאָליזירט דעם אייביקן צוזאַמענשטויס און קולטור-קאַמף צווישן יידישקייט און נישט-יידישקייט, צווישן גייסט און מאַכט, צווישן ליכט און פינצטערניש.

פון שטענדיק אָן זענען, ליידער, גרויסע טיילן פון אונדזער פאָלק פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אויסערלעכקייט פון פרעמדע קולטורן און זיטן און האָבן, פאַרבלענדטע פון זייער גלאַנץ, פאַרוואָרפן די קרישטאָל-ריינע יידישע זיטן און מנהגים, די יידישע מידות און לערעס.

בעת מיר, יידן, האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף עטיק, אויף אינערלעכן גלאַנץ און שיינקייט, גייסטיקייט און דערהייבנקייט, האָבן די פרעמדע קולטורן געלאָקט מיט זייער אויסערלעכער פאַרבלענדונג, מיטן טראָפּ אויף עסטעטיק, אויף מאַטעריעלער מאַכט און שיינקייט.

ווען מיר האָבן זיך געקלאַמערט אָן די יידישע מצוות און זיך באַמיט זיי מקיים צו זיין וואָס פּינקטלעכער און בעסער, ווי אַ גדול האָט עס געטייטשט וועגן די נעמען פון נחס זין: שם, חם און יפת:

שם — אַ ייד דאַרף שטענדיק טאָן די מצוות לשם שמים,

חם — ער דאַרף טאָן די מצוות מיט וואַרעמקייט, מיט התלהבות,

יפת — די מצווה דאַרף ער מקיים זיין מיט שיינקייט, מיט הידור,

האָבן אין דער זעלביקער צייט גרויסע מאַסן פון פאָלק זיך געווענדט און פאַרכאַפּט געוואָרן דורך פרעמדע „מצוות" און מנהגים, און זענען פאַרדאַרט געוואָרן פון אונדזער תורת-חיימדיקן לעבנסבוים און זענען פאַרלוירן געגאַנגען פאַר אונדזער אומה לעולם ועד.

און געבליבן זענען נאָר יענע טיילן פון פרייע יידן, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן אין זיך דאָס הייליק פייער פון יידישקייט און דאָס ליכט פון דורות.

אַזוי זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען גאַנצע צען שבטים און פֿאַרשיידענע סעקטעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון יידישן פֿאָלק, און געבליבן זענען ווייניקע, וואָס טראָגן נאָך ביז היינט צו טאָג דאָס ליכט און דעם גלאַנץ פֿון דער יידישער אומה.

לויט סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען, וואָלט אונדזער פֿאָלק, ווען נישט די אויסראָטונגען און דאָס אָפּפֿאַלן במשך דער געשיכטע דורך דער אַסימי־לאַציע, געווען היינט צו טאָג אַ פֿאָלק פֿון אַ צוויי הונדערט מיליאָן יידן, און וואָס דאָס וואָלט געמיינט סיי גייסטיק, סיי פּאָליטיש, לאָזט זיך גאָר נישט אָפּשאַצן.

אָבער דער יידישער גורל איז ווייזט אויס גאָר אַן אַנדערער: מיר זענען געבליבן אַ קליינצאָליק פֿאָלק, און בלויז די וואָס האָבן דערהערט דעם חשמונאים־רוף פֿון „מי לה׳ אליו!“ האָבן ווייטער געפֿירט דעם יידישן שווערן עקסיסטענץ־קאַמף פֿון מעטים קעגן רבים, פֿון ווינציקע קעגן פֿילע, פֿון טהורים קעגן טמאים, פֿון צדיקים קעגן רשעים, פֿון תורה־לערנערס קעגן מוטווויליקע.

און ישראל איז, לויט דער תלמודישער באַצייכענונג, געבליבן ווי אַ שעפֿעלע קעגן אַ סך וועלף צווישן די אומות־העולם.

און סימבאָליש איז דאָס, וואָס דער נס פֿון חנוכה ווערט אָנגעהאָנגען אין אַ קליין קריגעלע בוימל, וואָס האָט אָנגעצונדן לדורות אַ גרויסן העל־דישן פֿייער.

אַ ביסל ליכט איז ווירקלעך מסוגל צו פֿאַרטרייבן אַ סך פֿינצטערניש.

אַ ביסל גייסט־ליכט איז בכוח זיך קעגנצושטעלן מעכטיקע, ברוטאַלע פֿינצטערניש־קרעפֿטן.

ווי האָט דאָס די העלדישע חנה סענעש געזונגען:

„אשרי הגפרור שהצית להבות“, — ווייל איז דעם שוועבעלע וואָס האָט אָנגעצונדן פֿלאַמען, און ווייל איז די פֿלאַמען וואָס האָבן אָנגעצונדן הערצער.

ווי מיר זעען, איז דער נס פֿון חנוכה געשען בלויז מיט איין און איינ־ציקן קריגעלע בוימל. בוימל איז אַ סימבאָל פֿון חכמה־ליכט, פֿון קולטור.

די גריכן האָבן ליידער, פֿאַראומרייניקט דעם בוימל, די קולטור פֿון אונדזער פֿאָלק, ווייל אויך בוימל, אויך חכמה און קולטור קען מען פֿאַר־

אומרייניקן, אויב מען ריכט זי נישט ווי געהעריק, אויב מען פּאַסט נישט אויף איר.

און עס איז צום גליק פֿאַרבליבן בלויז איין קריגעלע פֿון ריינעם אומ־פֿאַרענדערטן קריגעלע בוימל פֿון עכטער ייִדישער קולטור, וואָס אַ דאַנק דעם האָט ווידער געקענט אַ שיין טאָן און זיך צעברענען דער דורותדיקער ייִדישער גייסט.

מען דערציילט, אַז אַ רב איז אַמאָל דורכגעגאַנגען אַן עפֿנטלעכן פּלאַץ, ווו אַ גלח איז געשטאַנען און געהאַלטן אַ דרשה פֿאַר אַ גרויסן פֿאַרזאַמלטן עולם. ער האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ מעכטיקע אָראַטאָרישע איבערצייגונגס־קראַפֿט, אַז אַלע צוהערערס זענען פֿאַרכאַפּט און דורכגעדרונגען געוואָרן פֿון זיינע רייד, וואָס האָבן אין זיי אַריינגעבראַכט התעוררות און געוועקט חרטה־ און תשובה־געפֿילן.

ווען דער רב איז אַהיימגעקומען האָט ער געפֿאַסט.

ווען מען האָט אים געפֿרעגט די סיבה דערפֿון, האָט ער עס אַזוי דערקלערט:

יעדער מענטש האָט אַ בת־קול אין הימל, וואָס וועקט אים תשובה צו טאָן. איז ער זוכה — הערט ער אַ בת־קול פֿון הימל. אָבער אויב נישט — דאַרף ער גיין הערן אַ גלח...

מיר דאַרפֿן דעריבער זען, אַז אונדזערע קינדער זאָלן דערהערן דעם אמתן הימלישן בת־קול פֿון אונדזער מקורותדיקער קולטור, פֿון דעם ריי־נעם קריגעלע קולטור־בוימל, כדי זיי זאָלן חס ושלום נישט דאַרפֿן אָנקומען צו הערן גלחים, צו פֿאַרכאַפּט ווערן פֿון פֿרעמדע קולטורן און פֿרעמדע רייד...

אָט דאָס ריינע ליכט דאַרפֿן מיר אָנצינדן אין זייערע הערצער, און דאָרטן זאָל עס ברענען און פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גייסטיקן פֿלאַם און זאָל זיי שטאַלץ מאַכן מיט זייער אָנגעהעריקייט צום גלאָררייכן ייִדישן שטאַם, וואָס קען דינען ווי אַ ביישפּיל פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

מיר האָבן, דוכט זיך, אַ מאָל שוין געבראַכט אָט יענעם באַקאַנטן אַנעקדאָט וואָס מען דערציילט וועגן אַ ייִדן און אַ גריך וואָס האָבן זיך געשפּאַרט וועגן: וועמעס קולטור שטייט העכער. רופֿט זיך אָן דער גריך:

— מיין קולטור, די גריכישע, שטייט אַ סך העכער פֿון דיינער, די ייִדישע. והא ראיה: מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, האָט מען געגראָבן אין אַטען,

די הויפּטשטאָט פֿון גריכנלאַנד, עטלעכע מעטער די טיף, און מען האָט דאָרטן געפֿונען דראַטן. אַ סימן, אַז אונדזערע אור־עלטערן האָבן שוין אין אַלטערטום געקענט דעם טעלעגראַף.

מאַ — ענטפֿערט דער ייִד מיט ביטול — דאָס איז גאָר קיין ראיה נישט. איך וועל דיר באַווייזן אַז מיין קולטור, די ייִדישע, שטייט נאָך העכער:

— צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן האָט מען אויך געגראָבן אין ירושלים, די הויפּטשטאָט פֿון ישראל, עטלעכע מעטער די טיף, און מען האָט דאָרט גאָרנישט געפֿונען. אַ סימן, אַז אונדזערע אור־עלטערן, האָבן שוין אין אַלטערטום געקענט דעם דראָטלאָזן טעלעגראַף...

אַז מען וויל, איז דאָס נישט בלויז אַ שיינער אַנעקדאָט, נאָר ער סימבאָליזירט אויף אַ קלאָרן אופֿן די צוויי קעגנזעצלעכע אָנשויונגען פֿון ייִדישקייט און ניט־ייִדישקייט, אין דעם פֿאַל פֿון העלעניזם.

ביים העלעניזם, אָדער ביי דער ניט־ייִדישקייט, באַזירט זיך אַלץ אויף דער מאַטעריע, אויף דראָטן. ביי אונדז — אויף גייסט, אויף דראָטלאָזן און אומזעבאַרן גייסט, וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור, און וואָס באַהעלט און באַזעלט אונדזער פֿאָלק.

עס איז ווי דער נביא זאָגט: — לא בחיל ולא בכוח אלא ברוחי, אמר ה׳ צבאות.

אָט די דאָזיקע סיגנאַלן פֿון דעם דורותדיקן ייִדישן דראָטלאָזן טעלעגראַף דאַרף מען איבערגעבן און איינפֿלאַנצן אינעם אונטערוואַקסנדיקן ייִדישן דור.

מיט אָט דעם מכביאישן אינערלעכן ליכט דאַרף מען באַלייכטן זיין וועג אין ייִדישן לעבן.

די וועלט־באַשאַפֿונג הייבט זיך טאַקע אָן מיטן „יהי אור״, מיטן ווערן פֿון ליכט. אונדזער תורה ווערט אויך אָנגערופֿן „אורה״, ליכט, און „נר־ה׳ — נשמת אדם״, און דעם מענטשנס נשמה איז אַ געטלעך ליכט.

דאַרף מען טאַקע אַלע מאָל ווידער באַנייען אונדזערע דורות מיט אָט דעם ייִדישן ליכט. הייסט דאָך טאַקע דער יום־טוב חנוכה, באַנייונג, וויל ער סימבאָליזירט דעם שטענדיקן גייסטיקן באַנייונגס־פּראָצעס פֿון אונדזער אומה.

און װען עס דוכט זיך, אַז אָט־אָט צאַנקט אויס דאָס ייִדישע ליכטל, גיט עס װידער אַ פֿלעמל־אויף מיט קראַפֿט און מיט רײנעם הײליקן בוימל, און עס צינדט אָן און פֿאַרכאַפּט די בעסטע הערצער פֿון אונדזער אומה, מיט אמתן ייִדישן גלות און פֿײער, און מיר װאַרפֿן דאַן אַראָפּ פֿון זיך אַלע אָנגעהױפּטע פֿרעמדע קאָנצעפּציעס און קולטור־בוימלען, און מיר דער־הערן װידער אין אונדז דעם הימלישן בת־קול און די סיגנאַלן פֿון דורות־דיקן ייִדישן דראָטלאָזן טעלעגראַף, און אַ שטאַרקע געטלעכע גבורה שאַלט־אויף װידער אין אונדז מיט אַ מעכטיקן אויסרוף:

— „מי לה׳ אלי!“

חנוכה, דער יום-טוב פון גייסטיקער גבורה

חנוכה איז דער יום־טוב פון מוטיקן קאַמף פאַר דעם יידישן גייסט, פאַר דער יידישער אייגנאַרטיקייט, פאַרן יידישן גלויבן. אַ פיזישער קאַמף וואָס איז אינספּירירט געוואָרן אין יידישן גייסט, געפירט געוואָרן פאַר די רעכטן פון יידישן גייסט.

אַפילו דער פיזישער קאַמף איז בלויז געווען אַ מיטל און אַ שילד פאַר דער גייסטיקער גבורה, און נישט אַ ציל אַן און פאַר זיך.

איז דאָך שוין פאַרשטענדלעך, פאַר וואָס אונדזערע חכמים האָבן דווקא גענומען ווי אַ סימבאָל פון חנוכה די מנורה, וואָס סימבאָליזירט דאָס ליכט פון גייסט, און דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעהאָנגען דעם נס פון דער גאַנצער מכביישער עפּאָפּייע נישט אין דער שווערד אָדער שפּיז, נאָר דווקא אין אַ קריגעלע בוימל, וואָס איז אַ סימבאָל פון חכמה און גייסטיקע איידלקייט, און נישט פון ברוטאַלער פיזישער קראַפט.

ווייל אייגנטלעך איז דאָך דער גאַנצער קאַמף פון יידנטום מיטן העלע־ניזם באַשטאַנען דערין וואָס מען האָט געקעמפט קעגן דער גריכישער אָנשויונג פון שטעלן אַלץ אויף דעם מענטשלעכן פיזישן כוח, אויף דעם ספּאָרט, אויף דער שיינקייט און פלעגע פון זיין גוף, נאָר דווקא האָבן די חשמונאים געפירט דעם קאַמף פאַר דער דערהייבונג פון גייסט, און אָנגע־וויזן אַז אַ העכערע געטלעכע קראַפט פירט־אָן מיט דער וועלט.

דאָס דאַרפן געדענקען גוט אונדזערע טייערע יוגנטלעכע וואָס גרו־פירן זיך אַרום אונדזערע „מכבי"־קרייזן, אַז נישט בלויז ספּאָרט, וואָס איז אייגנטלעך אַ גריכישע דערשיינונג, הגם אַ געזונטע, אויב זי איז מעסיק און געפירט אין יידישן צניעותדיקן גייסט, נאָר טאַקע פאַר דעם גייסטיקן אַספּעקט, פאַר דער נשמהדיקער זייט האָבן געקעמפט די מכביים.

שוין דער נאָמען מכבי אַליין דריקט נישט אויס קיין שום סימבאָליק פון פיזישן קולט, נאָר דווקא די ראשי־תיבות פון „מי כמוך באלים ה׳״, וועלכע איז נאָך אַזוי גרויס ווי דו, ג־ט, אין גאַנצן אַ געטלעכער, אַ גייסטיקע באַטייטונג...

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, איז שוין דאָך פאַרשטענדלעך, וואָס מיר זאָגן חנוכה „על הנסים״, וואָס מיר באַטראַכטן נישט דעם גאַנצן חנוכה־נצחון ווי בלויז אַ פיזיש־געוווּנענע שלאַכט, ווי נאָר אַ סטראַטעגישן זיג, מעג דאָס זיין פון פיזיש־שוואַכערע קעגן שטאַרקערע, פון ווייניקערע קעגן מערערע, ווייל אַזעלכע דערשיינונגען זענען אַ סך מאָל פאָרגעקומען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען אַ קלענערע צאָל מענטשן האָבן מיט אַ בעסערער סטראַטעגיק, מיט תכסיסי־מלחמה, באַזיגט מעכטיקערע פון זיי אַרמייען, נאָר מיר זאָגן טאַקע „על הנסים ועל הפורקן ועל הגבורות ועל התשועות ועל הנפלאות ועל הנחמות ועל המלחמות שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה״, דאָס הייסט, פון וועגן די נסים און די גבורות און די תשועות און די וווּנדער און די נחמות און די מלחמות וואָס דו, ג־ט, האָסט געטאָן. מיר שרייבן־צו אָט דעם זיג נישט צו אונדזער צופעליקער פיזישער קראַפט און כוח, נאָר „שעשית״, צו געטלעכער ישועה און אינס־פיראַציע.

דאָן איז דער גאַנצער מכבי־באַגריף און די גאַנצע חנוכה־סימבאָליק אויסגעדריקט אין ליכט, אין בוימל, זייער אַ ריכטיקע.

ווייל, פיזישע קראַפט קען זיין אַן איינמאַליקע דערשיינונג, אַ צופעליקע, אָבער אַ מעכטיק, גייסטיק ליכט קען טלִיען, פלאַמען און באַלייכטן אין האַרצן פון גאַנצע דורות און טאַקע איבערגיין מדור לדור.

ליכט איז פון די עלטסטע צייטן אָן, ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט, געווען אַ סימבאָל פון גוטס, פון דערהויבנקייט, פון הייליקייט. מיט ליכט הייליקן מיר טאַקע דעם שבת, אַלע אונדזערע ימים־טובים און פייערונגען.

ליכט איז אַ סימבאָל פון גייסטיקער קראַפט, פון העכערער גבורה.

איז דעריבער מער ווי כאַראַקטעריסטיש יענע שיינע אַגדה וועגן חנוכה, וואָס לויטעט:

„למה מדליקין נרות בחנוכה? — בשעה שנצחו בניו של חשמונאים ונכנסו לבית־המקדש, מצאו שם שמונה שפודים של ברזל, וקבעו אותם

והדליקו בתוכם נרות", דאָס הייסט: — פֿאַר וואָס צינדט מען אָן ליכט אין חנוכה? — ווייל, בשעת די חשמונאים־זין האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיג און זענען אַריין אין בית־המקדש, האָבן זיי דאָרטן געפֿונען אַכט שפּיזן וואָס די גריכישע שונאים האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט. האָבן זיי זיי צוגעפֿעסטיקט ווי אַן אָנדענק און אין זיי אָנגעצונדן ליכט.

די דאָזיקע באַגרינדונג וועגן דעם פֿאַר וואָס פֿון ליכט־צינדן איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, און ברענגט־אַרויס בולט דעם חשמונאים־גייסט.

אייגנטלעך, אַז זיי האָבן געפֿונען שפּיזן, האָבן זיי זיי געדאַרפֿט לאָזן ווי אַ סימבאָל פֿון זיג איבערן שונא, ווייל מיט געווער האָבן זיי דאָך אָפּגעהאַלטן דעם נצחון. דאָך, האָבן זיי אין זיי אָנגעצונדן ליכט, און דאָס ליכט איז געוואָרן דער חנוכה־ און דער מכבי־סימבאָל. ווייל דער גאַנצער קאַמף מיט דער שווערד איז דאָך געווען צוליב גייסטיקן ליכט, צוליב דער אייגנאַרטיקער ייִדישער קולטור און אומגעפֿעלשטן גלויבן.

און אין די ליכט גופֿא, הייבן מיר אויך אַרויס זייער גייסטיקע טייל און נישט זייער מאַטעריעלע. זאָגן מיר טאַקע: „על הנרות הללו שאנו מדליקין — הנרות הללו קודש הן, ואין לנו רשות להשתמש בהן אלא לראותן בלבד, כדי להודות ולהלל לשמך הגדול, על נסיך ועל נפלאותיך ועל ישועותיך..."

די ליכט זענען הייליק, און מיר טאָרן זיך מיט זיי נישט באַנוצן, נאָר זיי בלויז אָנקוקן, אַלץ מיטן ציל: כדי להודות ולהלל, צו דאַנקען און לויבן דיין גרויסן נאָמען, פֿאַר דיינע ניסים ונפֿלאות, ישועות ונחמות.

און אָט דאָס דאָזיקע הייליקע ליכט האַלטן מיר און היטן־אָפּ מיט גרויס שטאָלץ, פֿאַר אונדז ווי פֿאַר דער גאַנצער וועלט, ווייל עס איז אַ גרויסע מצווה עס אָנצוצינדן נעבן אַ פֿענצטער אָדער אָפֿענער טיר, — צוליבן פּירסום־הנס, כדי די גאַנצע וועלט זאָל זען אָט דעם גרויסן גייסטיקן נס פֿון דעם אייביקן ייִדישן קולטור־ און אמונה־ליכט.

איז דאָך אונדזער גאַנצע געשיכטע ווי אַ פֿאָלק אַ נס — אַ קליין אין צאָל פֿאָלק צווישן אַזוי פֿיל געצנדינער, האָט אויסגעהאַלטן אַלע שטורעמס פֿון לעבן. מיר זענען ווי דאָס קליין חנוכה־ליכטל, וואָס טראָץ אַלע דרויסנדיקע שטורעם־ווינטן ווערט דאָס נישט פֿאַרלאָשן, נאָר ברענט העל און ליכטיק פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט. און ווו מיר זאָלן זיך נישט

געפינען, איבער אַלע ימים און קאָנטינענטן, איבער אַלע לענדער און שטעט, זענען מיר אַ לעבעדיקער נס פון גייסט, אַווירקלעכער „פרסומא דנסא״, און ווי דער גייסט, אַזוי זענען מיר אויך אומצעשטערבאַר און אומבאַזיגבאַר.

און די מענטשהייט איז דאָך ווירקלעך אַן עדות, ווי מעכטיקע און גרויסע אימפעריעס זענען אויפגעקומען און אומגעקומען, ווי די וואָס האָבן מיט דער בלויזער ברוטאַלער פיזישער קראַפט, מיט דעם כוח פון דער שווערד געזייט און געשפרייט פאַרניכטונג און טויט, אָבער וואָס זענען לסוף אונטערגעגאַנגען און עס איז נישט געבליבן פון זיי קיין שריד ופליט, איז אונדזער פאָלק, וואָס האָט געטראָגן אין זיך דאָס גייסטיק געטלעכע ליכט, לעבט היינט און לעבט-אויף און באַנייט זיך שטענדיק, טאַקע ווי דער נאָמען חנוכה באַטייט: באַנייונג, און צעטראָגט דעם נס, איז מקיים דעם „פרסומא דנסא״ פון דערהויבענער קולטור-עקסיסטענץ אין אַ וועלט פון ברוטאַלער קראַפט, און צעזייט געטלעך ליכט אין אַ וועלט פון נידעריקער פינצטערניש, פון טונקעלע אינסטינקטן, פון פיזישער ברוטאַליטעט.

און אָט דאָס ליכט, להיפוך צו דער פאַרגענגלעכקייט פון דער פיזישער און מאַטעריעלער מאַכט, טראָגט אין זיך די קערנער און די קראַפט פון דער אייביקייט.

דעריבער זאָגן מיר: „על הנסים... שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה״, וואָס דו האָסט געטאָן אין יענע טעג און אין דער היינטיקער צייט. ווייל פון יענער צייט ביז היינט, ציט זיך דער נס פון דעם ייִדישן קיום, אַ דאַנק זיין גייסטיק ליכט, אַ דאַנק וועלכן עס מאַכט דורך דעם שטענדיקן פראָצעס פון חנוכה, פון באַנייען זיך.

און אינטערעסאַנט איז דאָך דאָס, וואָס דאָס וואָרט חנוכה איז פון זעלבן שורש ווי חינוך. ווייל בלויז דורך חינוך, דורך דעם עכטן ייִדישן חינוך, קען מען די דורות איבערגעבן די באַנייונגס-אידעאַלן, די חנוכה-שטרעבונגען, די גייסטיקע ירושה.

בלויז ווען די נייע דורות דערהערן אין זיך דעם „מי לה׳ אלי!״, קען מען האָפן אויף פרסום הנס, אויף דער אַנטפּלעקונג פון דעם עקסיסטענץ-נס פון אונדזער פאָלק.

און דאָס קען נאָר געשען ווען איין דור גיט איבער דעם צווייטן אָט

דעם רוף, אַט די אַלטע ייִדישע דערציִונג, ווען דער גייסט פֿון „בימים ההם" דרינגט אַריין „בזמן הזה", דאַן אַנטפּלעקט זיך אין איר פֿולן אויס־דרוק די מכבייִשע גבורה און דאָס חשמונאים־ליכט.

ווי דערציילט מען וועגן ר' מענדעלע קאָצקער, ווען אַ חסיד האָט פֿאַר אים אויסגעדריקט זיין באַגער צו האָבן קינדער וואָס זאָלן קענען לערנען תורה, האָט אים דער רבי געענטפֿערט: — „ושננתם", אַז דו וועסט אַליין לערנען, איז „לבניך", וועלן דיינע קינדער האָבן פֿון וועמען צו לערנען.

בלויז מיטן עכטן ייִדישן חינוך, אין גייסט פֿון די מכבייער, דאַן ווען מיר לערנען אַליין פֿון אונדזערע גלאָררייכער פֿאַרגאַנגענהייט, ווען מיר טראָגן אין זיך גופֿא אָט דאָס חשמונאים־ליכט, ווען מיר פֿאַרוואַנדלען אונדזער אייגענע היים אין אַ ייִדיש־גייסטיקן היכל, אין אַ באַנייטן בית־המקדש, נאָר דאַן קענען מיר איבערגעבן אונדזערע קינדער די אידעאַלן פֿון „בימים ההם" און האָפֿן אַז אויך „בזמן הזה" זאָלן אָט יענע אידייען זיך באַנייען, דורכמאַכן דעם אייביק־ייִדישן חנוכה־פּראָצעס.

פורים

פּורים, דער יום-טוב פון ייִדישן אייגנאַרט

די פּורים־געשיכטע איז די טרייע און ריכטיקע סימבאָליק פון אונדזער גאַנצן גלות־לעבן, פון דער באַציִונג פון דער אַרומיקער וועלט צו אונדז ווי אַ נאַציאָנאַלע גרופּע, און אין דער זעלבער צייט איז דאָס די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער פעסט־פעלדזן ייִדישן גייסט, פון אונדזער פאָלקס־אייגנאַרט וואָס איז געבליבן קאָנטיק אינערהאַלב דער ניט־ייִדישער סביבה, וואָס איז פול מיט לויערנדיקע געפאַרן און לאָקנדיקע פאַרבלענדענישן.

און אָט די דאָזיקע נאַציאָנאַל־ייִדישע אייגנאַרטיקייט קומט בולט אַרויס דווקא אין דער כאַראַקטעריסטיק וואָס המן הרשע האָט געגעבן פון די ייִדן, ווי אַ מאָטיוו פאַר אונדזער פאַרלענדונג, ווען ער איז געקומען בעטן אַחשורושן זיין אויטאָריזאַציע דורכצופירן די ייִדן־ליקווידירונג:

— „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים בכל מדינות מלכותך, ודתיהם שונות מכל עם", דאָס הייסט: — פאַראַן אַ פאָלק צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך, און זייערע געזעצן זענען אַנדערש ווי ביי איטלעכן פאָלק.

אין דער דאָזיקער אַנדערשקייט פון ייִדן צווישן ניט־ייִדן, ליגט דאָך טאַקע דער עצם סוד און יסוד פון ייִדישן קיום. ווען נישט די דאָזיקע אַנדערשקייט, און פאָלגלעך, ווען נישט דער ייִדישער אייגנאַרט, וואָלטן מיר דאָך שוין לאַנג נישט געווען אויף דער אייבערפלאַך פון דער ערד, און וואָלטן שוין לאַנג, חס וחלילה, פאַרשוווּנדן געוואָרן פון די געשיכטע־בלעטער פון דער וועלט.

אין דער דאָזיקער אַנדערשקייט, אין וועלכער אונדזערע שונאים זעען אַ חסרון, אַ שטרויכלונג און אַ קללה, ליגט דאָך פאַר אונדז די ברכה פון

אונדזער עקסיסטענץ. מיר זענען טאַקע געאָגראַפיש צעזייט און צעשפּרייט בכל המדינות, אָבער אינערלעך, „בדתיהם", זענען מיר „שונות", אַנדערש, דאָס הייסט, קאָנצענטרירט, אייניק.

און זאָגט שוין דער תלמוד אַז: „עשה הקדב"ה צדקה עם ישראל שפּזרם בין הגויים", אַז ג' האָט געטאָן מיט די ייִדן אַ חסד, וואָס ער האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן די פעלקער. פאַרשפּרייט בלויז אין געאָגראַפישן זין, אָבער בדתיהם, זיי געהאַלטן אייניק, אָפּגעזונדערט פון די פרעמדע זיטן און מנהגים, פון די אויסערלעכע השפּעות און קולטורן.

דער היסטאָרישער נס איז באַשטאַנען דערין, וואָס כאָטש זיי זענען געווען אינערהאַלב די פאַרשיידענע פעלקער, קולטורן, שפּראַכן, זענען זיי דאָך געבליבן אַן „עם לבדד ישכון", גייסטיק — אַ באַזונדער אייגנאַרטיק פאָלק.

בשעת די גויים האָבן פאַר אונדז געשאַפן געאָגראַפישע געטאָס, אָפּ־צוזונדערן אונדז, האָבן ייִדן געשאַפן גייסטיקע אָפּזונדער־געטאָס, מיט אַן אייגענעם קוק, קולטור, באַנעם אאַז"וו.

און ווי האָט אַ רב געטייטשט: — „עם לבדד": כל־זמן דאָס ייִדיש פאָלק איז אַן „עם לבדד", דאַן — ישכון! האָט ער רו! ובגויים — נאָר קוים ווילן עס זיך אויסמישן מיט די גויים — לא יתחשב, ווערט עס גאָר־נישט חשוב.

די געשיכטע האָט דווקא באַוויזן, אַז אַפילו די אַסימילאַציע האָט אונדז נישט געבראַכט קיין רו, קיין קאָמפּענסאַציע, קיין חשיבות אין די אויגן פון די זעלבע גויים וואָס האָבן דערצו געשטרעבט און גערופן די ייִדן, נאָר אַדרבא: ווען מיר האָבן זיך געהאַלטן שטאָל און אייזן ביי אונדזער ייִדישקייט, האָבן מיר ביי זיי אויך נישט אָנגעווירן אונדזער חשיבות. מער נישט, זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן אונדזער אַנדערשקייט, אונדזער גייסטיקע גאַנצקייט.

ווי האָט ד"ר הערצל ריכטיק פאָרמולירט דעם אַנטיסעמיטיזם־דיאַג־נאָז: — די גויים האָבן אונדז נישט אַזוי פיינט צוליב אונדזערע חסרונות (ווי אַ סך קענען מיינען), ווי צוליב אונדזערע מעלות...

די אַסימילאַציע האָט דעריבער געקענט פירן נישט צו חשיבות, נאָר

צו נאַציאָנאַלער ירידה, און ייִדן וואָס האָבן געביטן, צוליב זייער נויט אָדער צוליב צוואַנג, זייער גלויבן, האָבן קיין גרויס נחת נישט געהאַט פֿון זייער „בייט“.

ס׳איז ווי עס דערציילט דאָס דער פֿאָלקס־אַנעקדאָט:

ווען מען האָט געפֿרעגט אַן אָרעמען ייִד וואָס האָט זיך געשמדט, ווי גייט עס אים אַלס ניט־ייִד, האָט ער געענטפֿערט:

— פֿריִער האָב איך נישט געהאַט אויף שבת, איצט — האָב איך נישט אויף זונטיק...

אָדער, ווי עס ווערט דערציילט וועגן אַ ייִדן, וואָס האָט זיך געשמדט האַרט פֿאַר זיין טויט, ליגנדיק אויפֿן טויטן־בעט, אַז מען האָט אים גע־פֿרעגט די סיבה דערפֿון, האָט ער געענטפֿערט:

— אַנשטאָט אַ ייִד, זאָל בעסער שטאַרבן נאָך אַ גוי...

אין דעם סיפּור־המגילה קומט צום בולטסטן אויסדרוק דער ייִדישער שטאָלץ און די פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם ייִדישן כבוד, סיי גייסטיק ווי פֿיזיש, ווי אויך דער אייביקער ייִדישער בטחון.

הערצל האָט געזאָגט, אַז ווו נאָר אַ ייִד קומט, ברענגט ער מיט זיך דעם אַנטיסעמיטיזם, דאָס הייסט, מיטן בלויזן דערשיינען פֿונעם ייִדן שאַפֿט זיך די ייִדן־פֿראַגע. דער ייִד ברענגט מיט זיך, „אימפּאָרטירט“, דעם אַנטיסע־מיטיזם צו די גויִים. אָבער עס איז לײדער אויך פֿאַראַן — ווי עס זאָגט אַ הײנטצײטיקער ייִדישער דענקער — פֿאַלן ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט נאָר ביי די גויִים, נאָר ביי אונדז, אין אונדז גופֿא, ווי ער רופֿט דאָס טרעפֿלעך אָן: „עגאָפֿאָביע“, אייגנהאַס. און דאָס געשעט, ווען מיר אַליין דערפֿילן אַ ווידערווילן צו אַלץ וואָס איז ייִדיש און ייִדישלעך, און מיינען נאָר אַז דאָס נישט־ייִדישע איז שיין, ווויל, פֿיין און מענטשלעך. מיט איין וואָרט: ווען מיר פֿאַרלירן דעם אייגנשטאָלץ און זעלבסטווירדע אַלס ייִדן, און פֿאָלגלעך אַלס מענטשן.

אין דער מגילת אסתר קומט דעריבער צום שטאַרקסטן אויסדרוק דווקא דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פֿון אונדזער ייִדנטום, ייִדישקייט און ייִדיש־לעכע אייגנאַרטיקייט, פֿון אונדזער אַנדערשקייט און באַזונדערקייט.

דער אַריסטאָקראַטישער ייִד, מרדכי, וואָס שפּאַרט אַן אין די קעניג־

לעכע פּאַלאַצן און דערגייט נאָך דעם צו ווערן דער סאַמע שני למלך, נישט נאָר זאָגט ער זיך נישט אָפּ פֿון זיין יידישקייט, נאָר „קניט זיך נישט״ פֿאַר קיין שום פּרעמדער המנדיוזקייט. ער האַלט ווירדיק און שטאָלץ די פֿאָן פֿון יידישקייט, אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער וועלט, און מיט מסירת נפש.

און אַז עס געלינגט אים נישט — ווי עס דוכט זיך אים פֿאַר אַ ווײַלע — צו מצליח זיין מיט זיין יידישער שתדלנות־פּאָליטיק, אין די „הויכע פֿענצטער״, דורך דער מלכה אסתרס אינטערווענץ, באַנוצט ער זיך מיט די אייביקע יידישע וואָפֿן פֿון: גוזר־תענית זיין, פֿון יידישער תפילה, און מיטן שטענדיקן יידישן בטחון אַז: „רוח והצלה יעמדו ממקום אחר״.

און ווי סימבאָליש איז די פּורים־אַגדה וועגן אסתרן, וואָס האָט דער־גרייכט דעם העכסטן כבוד און שטאַפּל פֿון מלכות ביי נישט־יידן, וואָס איז געוואָרן די מלכה איבער 127 מדינות, פֿון דער דאַן גרעסטער וועלט־אימפּעריע, זאָגט זי זיך נישט אָפּ פֿון איר יידישקייט, פֿון איר יידישער טראַדיציע און פֿירונגען, אַפֿילו פֿון דעם יידישן לוח. כדי נישט צו פֿאַרגעסן וועלכער טאָג ס׳איז שבת — ווען זי האָט זיך געפֿונען אין אַחשורושעס פּאַ־לאַץ — רופֿט זי אָן אירע זיבן צוגעטיילטע קאַמער־מיידלעך, וואָס יעדע איינע באַדינט זי אַן אַנדער טאָג, מיט די נעמען פֿון די טעג פֿון דער וואָך: „זונטיק״, „מאָנטיק״, „דינסטיק״ אאַז״וו, כדי צו וויסן אַז ווען עס קומט דאָס זיבעטע מיידל, דאַן איז שבת...

אָדער ווי אייגנאַרטיק איז די אַגדה, אַז ווען מרדכי האָט געפֿאַסט, האָט ער אין בית־מדרש געטראָפֿן יידישע קינדער לערנען תורה, און לויט זייערע פּסוקים האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז די לאַגע איז נישט קיין האָפֿענונגס־לאָזע. און זיכער איז, אַז ווען יידישע קינדער באַקומען אַ יידישן חינוך, איז די צוקונפֿט דווקא אַ פֿאַרזיכערטע...

פּורים קומט אויך צום אויסדרוק די יידישע זעלבסטשוץ, ווען יידן האָבן נישט נאָר מיט תענית און תפילות, נאָר טאַקע מיט דער שווערד אין האַנט זיך אַנטקעגנגעשטעלט זייערע שונאים און זיך אָפּגערעכנט מיט זייערע פֿיינד, באַווייזנדיק זיי אַז יידיש בלוט איז נישט הפֿקר.

און דאָס איז געשען אין דעם זאַטן גוט־שטייענדיקן יידישן ישוב אין פּערסיע, און צווישן דער אַדעליקע, וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע פּאָסטנס ביי מלכות.

דאָס הייבט נאָך מער אַרויס זייער ייִדישע גרויסקייט, ווייל על פּי שכל און על פּי געשיכטלעכע פֿאַקטן, וואָלטן אַזעלכע אַריסטאָקראַטישע שיכטן געדאַרפֿט זיין די ערשטע צו אַסימילירן זיך, צו פֿאַרוואַרפֿן זייער ייִדיש־קייט, אין אַנבליק פֿון זייער לאָקנדיקער פּאָזיציע ביי די גויִים. און דאָ איז געשען דאָס פֿאַרקערטע; צוליב דעם אַליין, איז דאַכט זיך, געווען כדאי אָנצושרייבן אַ גאַנצע „מגילה".

און עס קומט אונדז אין זינען יענער ווונדערבאַרער טייטש, וואָס מיר האָבן ערגעץ געהערט אָדער געלייענט:

עס שטייט געשריבן אין „קריאת־שמע": — „ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך, בכל נפשך ובכל מאדך" — זאָלסט ליב האָבן דיין ג׳ מיט דיין גאַנצן האַרצן, מיט דיין גאַנצער נשמה און מיט דיין גאַנצן פֿאַרמעגן. טייטשן די חכמים: „מיט דיין גאַנצן האַרצן: אַפֿילו ווען מען נעמט דיר צו דיין האַרץ; מיט דיין גאַנצער נשמה — אַפֿילו ווען מען נעמט דיר צו דיין נשמה; עס שטייט אָבער נישט געשריבן: „אַפֿילו נוטלין את ממונך", אַפֿילו ווען מען נעמט דיר אַוועק דיין געלט.

— אָבער באמת איז דאָס קיין חידוש נישט — זאָגט דער טייטש — אַז מען נעמט איינעם אַוועק זיין געלט און ער איז דעמאָלט גרייט צו דינען השם יתברך. דער חידוש איז, אַז איינער איז אַן עושר און האָט נאָך זיין גאַנץ געלט, און פֿון דעסט וועגן זאָגט ער זיך נישט אָפּ פֿון דינען ג־ט...

דער נאָמען „פּורים" אַליין באַצייכנט אַמריכטיקסטן אונדזער פּאָזי־ציע ביי די פֿעלקער צווישן וועלכע מיר וווינען. דער יום־טוב הייסט אַזוי פֿון וועגן „פּור", דער גורל וואָס המן האָט געוואָרפֿן, אויסצוראָטן די ייִדן.

באמת, וואַרפֿן תמיד די גויִים גורל אויף אונדז, זיי שפּילן זיך מיט אונדזער גורל, אונדזער גורל ליגט ביי זיי אין די הענט.

אָבער אין דער פּורים־געשיכטע האָבן מיר, סיי גייסטיק און סיי פֿיזיש, גענומען דעם גורל אין אונדזערע אייגענע הענט. מיר האָבן זיך נישט גע־לאָזט פֿאַרשלעפּן דורך אַלע דרויסנדיקע אַסימילאַציע־כוואַליעס, דורך דער לאָקנדיקער פֿאַרבלענדיקנדיקער אַרומיקער קולטור, נאָר געבליבן טריי ביי אונדזער ייִדישקייט און אייגנאַרטיקייט, אַפֿילו אויף די העכסטע פּאָליטישע

און סאָציאַלע פּאָזיציעס, און זיך באַוואָפנט מיטן שטענדיקן ייִדישן געווער פון ייִדישן בטחון, ייִדישן מוט און זעלבסטשוץ, און פאַרוואַנדלט דאָ גורל־וואַרפן איבער אונדז אין אַ „חג־פּורים״, אין אַ נעמען דעם ייִדישן גורל אין די אייגענע הענט, און אין אַ שמידן ווייטער אונדזער שטאָלצע נאַציאָ־נאַלע ייִדישע עקסיסטענץ.

פורים, די אייביקע לעקציע וועגן אַנטיסעמיטיזם

פֿאַראַן אַ זאָג פֿון אונדזערע חכמים, אַז נאָכן קומען פֿון משיחן וועלן אַלע ימים־טובים בטל ווערן, חוץ פּורים.

אויף יעדנפֿאַל וועט פּורים פֿאַר אונדז זיין אַן אייביקע לעקציע וועגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז שטענדיק ניי און אַקטועל און וועמעס מוסר־השכל איז אייביק־דויערנדיק.

און די לעקציע פֿון פּורים באַשטייט דווקא דערין, וואָס די מעשה איז זיך נישט פֿאַרלאָפֿן ערגעץ אין אַן אָפּגעשטאַנענעם ווילד אומציוויליזירט לאַנד, נאָר דווקא אין שושן הבירה, אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער גרעס־טער וועלט־אימפּעריע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער 127 לענדער פֿון הודו ביז כוש.

און עס איז דאָרט נישט געווען קיין „אייזערנער פֿאָרהאַנג״, נאָר עס האָט געהערשט אַ ברייטע דעמאָקראַטישע אָרדענונג.

שוין דער אָנפֿאַנג פֿון דעם מגילה־סיפּור, לויטעט, אַז דער קעניג אַחשורוש האָט געמאַכט, צום דריטן יאָרטאָג פֿון זיין קעניגטום, אַ גרויס־אַרטיקן באַנקעט, נישט נאָר פֿאַר די גרויסע לייט, די פֿאַרשיידענע מלוכה־מענער, נאָר אויך: „עשה המלך לכל העם הנמצאים בשושן הבירה למגדול ועד קטן משתה שבעה ימים בחצר גנת ביתן־המלך״, דאָס הייסט, „האָט דער מלך געמאַכט פֿאַר דעם גאַנצן פֿאָלק, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער הויפּטשטאָט שושן, פֿון קלענסטן ביזן גרעסטן, אַ מאָלצייט פֿון זיבן טעג אין הויף פֿון דעם מלכס פּאַלאַצגאָרטן״.

בקיצור: אַ דעמאָקראַטישער פֿאָלקסטימלעכער אימפּעראַטאָר און אָר־דענונג, מיט טאָלעראַנץ און אָפּשיי פֿאַר אַלע זיינע אונטערטאַנען, אָן אונ־טערשייד.

און אַפּילו אויף דעם באַנקעט איז אויך נישט געווען קיין שטרענגע אַנגעצויגענע אָרדענונג, נאָר „השתיה כדת אין אונס", „כי כן יסד המלך על כל רב־ביתו לעשות כרצון איש ואיש" — „און דאָס טרינקען איז געווען ווי געהעריק; קיינער האָט נישט גענייט, וואָרעם אַזוי האָט דער מלך פֿעסט אָנגעזאָגט איטלעכן עלטסטן פֿון זיין הויז, צו טאָן לויטן רצון פֿון יעטוועדער איינעם".

ביז איצט וואָס שייך די אַלגעמיינע הערשונג אין אַחשורושעס מדינה.

איצט, וואָס נוגע דער קולטור־פֿרייהייט, איז דאָך דאָרטן געווען אוי־סערגעוויינטלעך און רעגלאַמענטירט דורך דעם קעניגס געזעץ.

יעדע עטנישע גרופּע האָט געהאַט אַ רעכט צו פֿירן פֿריי איר קולטור און אין איר שפּראַך. אַזוי זאָגט בפּירוש דער קעניג אַחשורוש אין זיין אַרויסגעגעבענעם דעקרעט צו אַלע זיינע 127 מלוכות, געשיקט צו יעדער איינער נישט בלויז אויף דער אָפּיציעלער שפּראַך, ווי עס פֿירן זיך אָפּי־ציעל די רעגירונגס־מאַכטן, נאָר אַדרבא: „וישלח ספרים אל כל מדינות המלך אל מדינה ומדינה ככתבה ואל עם ועם כלשונו", דאָס הייסט, „און ער האָט געשיקט בריוו צו אַלע מדינות פֿון דעם מלך, צו איטלעכער מדינה לויט איר כתב און צו איטלעכן פֿאָלק לויט זיין לשון".

דאָס איז אַזאַ מין פּיעטעט צו דעם קולטור, צו דעם לשון און דעם כתב פֿון די אונטעראָרדנטע באַזיגטע פֿעלקער, דוכט זיך מיר אָן פּרעצע־דענטן און נאָכפֿאָלגערס אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, און די פֿאַראָרדענונג איז געווען:

„להיות כל איש שורר בביתו ומדבר בלשון עמו", — אַז יעטוועדער זאָל זיין הערשער אין זיין הויז און רעדן אַזוי ווי דער לשון פֿון זיין פֿאָלק".

מיט אַנדערע ווערטער: אַז יעדער איינער מעג זיך פֿירן אין זיין שטוב לויט זיין ווילן און רעדן זיין אייגענעם לשון.

ווי געזאָגט, איז דאָס נישט בלויז קיין טאָלעראַנץ מצד דער הערשנ־דיקער מאַכט, צו דער קולטור און שפּראַך פֿון יעטוועדן אונטערטאַן, נאָר אַדרבא: דאָס איז גאָר אַ קעניגלעכער דעקרעט און פֿאַרזאָג אַזוי צו טאָן, אַזוי צו פֿירן זיך לויטן אייגענעם דרך, טראַדיציע, שפּראַך און כתב.

קיין אידעאַלערס דערפֿון קען מען זיך גאָרנישט ווינטשן און פֿאָר־שטעלן.

און דאָ וויקלט זיך פֿאַר אונדז פֿונאַנדער די גאַנצע גלות־פּאַנאָראַמע, אירע פּסיכאָזן און אירע קאָנסעקווענצן, אַפֿילו אין די בעסטע באַדינגונגען.

אָט, למשל, מרדכי היהודי, וועמעס יחוס ווערט אויסגערעכנט ביזן עלטער־זיידן, וואָס זעט אויס צו זיין אַ שטאָלצער ייִד, פֿאַרזאָגט דאָך אסתרן נישט אויסצוזאָגן איר פֿאָלק און איר אָפּשטאַם („לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה כי מרדכי צוה עליה אשר לא תגיד”).

אַ טיפּיש־גלותדיקער שטריך:

ווייל נאָך אַלעמען קען מען דאָך מיט רעכט פֿרעגן: — וואָס האָט מרדכין באַוויגן אַזוי צו האַנדלען דווקא אין אַזאַ טאָלעראַנטן דעמאָקראַטיש לאַנד, ווו מען באַפֿעלט נאָך יעדן מענטשן אַנצוהאַלטן זיין פֿרייהייט, זיין אייגענע קולטור, זיין אייגענעם לשון און כתב? דווקא אין אַזאַ פֿרייען לאַנד זאָגט נישט אויס אסתר איר אָפּשטאַם, באַהאַלט איר ייִדישקייט, וואָס שמעקט שוין גאָר מיט אַסימילאַציע?

— אָדער, אפֿשר איז דערפֿון קענטיק, אַז אין דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער אָרדענונג איז דאָך, וואָס שייך ייִדן, האָט דער ייִדישער פּירער, מרדכי, געוווּסט, אַז אין באַצוג צו זיי גילט נישט אין גאַנצן די דאָזיקע פֿרייהייט?

אַפֿילו די נעמען פֿון די הויפּט־העלדן, מרדכי און אסתר, זענען שוין אויך נישט קיין ייִדישע. אויך אַ טיפּיש־גלותדיקער שטריך, פֿון אָננעמען פֿרעמדע נעמען.

מרדכי איז אַפֿילו אַ קרוב למלכות, אַ הויך־געבילדעטער מענטש, אַ שפּראַכן־קענער, וואָס צוליב דעם האָט ער אַנטדעקט די פֿאַרשווערונג פֿון בגתן ותרש, די צוויי קאַמערדינערס פֿון אַחשורושן, וואָס האָבן גערעדט פֿריי זייער לשון, מיינענדיק אַז ער פֿאַרשטייט זיי נישט, ווען זיי האָבן פּלאַנירט די דערמאָרדונג פֿון דעם קעניג. און דאָך, ווען דער דאָזיקער הויך־געבילדעטער, אַריסטאָקראַטישער ייִד, מרדכי, וויל זיך נישט בוקן פֿאַר המנען, לאָזט המן אויס זיין כעס אויף אַלע ייִדן.

דאָס איז דאָך דער אייביקער ייִדישער גורל אין גלות, אַז קוים פֿאַר־זינדיקט זיך אַ ייִד, פֿאַראַלגעמיינערט דער שונא און לאָזט אויס זיין כעס און צאָרן אויף דער גאַנצער ייִדישער אומה.

און ווידער לערנט אונדז די פורים־מעשה, אַז אין באַצוג צו ייִדן האָט די גאַנצע פרייהייט קיין ווערט נישט געהאַט.

ווייל, ווי מיר האָבן געזען, האָט דאָך גאָר אחשורוש אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַז יעדער מענטש זאָל רעדן אויף זיין לשון, און אַז המן וויל אַרויסקריגן פון אַחשורושן זיין צושטימונג אויסצומאָרדן די ייִדן, רעכנט ער גאָר אויס, ווי זיין שטאַרקסטע אַרגומענטאַציע, אַז: „דתיהם שונות מכל עם״, — אַז זייערע געזעצן זענען אַנדערש ווי ביי איטלעכן פאָלק...

— איז אין וואָס זשע איז באַשטאַנען זייער חטא, אַז דאָס איז גאָר געווען די מאַכט־פּאָליטיק, פון געבן רעליגיעזע און קולטורעלע פרייהייט אַלע אונטערגעוואָרפענע פעלקער?

אָבער דאָס וויזט אונדז און ס׳איז פאַר אונדז אַ לעקציע, אַז לגבי ייִדן אין גלות, זענען די אַלע דערקלערונגען און פרייהייטס־פּראָקלאַמעס נישט גילטיק.

אַדרבא: אַפילו ווען די קעניגין אַליין איז געווען אסתר, אַ ייִדישע טאָכטער, האָט דאָס נישט אויסגעמיטן די שרעקלעכע גזירה.

און ווען עס קומט צו ייִדן, דערלויבט דער דעמאָקראַטישער קעניג אַחשורוש, זיי אויסצומאָרדן פאַר 10.000 צענטער זילבער וואָס המן באָט אָן צו דערזעצן זייער פאַרלוסט...

(אויך אין גירוש־שפּאַניע האָט טאָרקוועמאַדא אָנגעבאָטן אַ סומע געלט, בכדי צו דערזעצן זייער פאַרלוסט...).

אַז עס קומט צו ייִדן, מעג די אָרדענונג זיין ווי פריי, ווי אידעאַל, ווי דעמאָקראַטיש, פאַרגעסט מען כהרף־עין די שיינע פּראָקלאַמעס און צוזאָגן, די הערלעכע דעקרעטן און רעגלאַמענטן, און זיי ווערן אַזוי ביליק, אַז פאַר 10.000 צענטער זילבער דערלויבט מען זיי „להשמיד להרג ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד״ — צו פאַרטיליקן, אויס־הרגענען אַלע ייִדן, פון קליין ביז גרויס, קינדער און פרויען, אין איין טאָג.

און דער זעלבער קעניג, ווי נאָריש ער זאָל נישט זיין, צעשיקט ער זיינע לויפערס צו פאַרשפּרייטן זיין גזירה איבער אַלע מדינות פון זיין קע־ניגרייך.

ווי מען זעט, איז די גזירה קלאָר, אויסדריקלעך און מיט די מינדסטע דעטאַלן פאָרמולירט.

און דאָן הייבט זיך אָן די יידישע שתדלנות — פּאָליטיק פון אַ מרדכין, פון אַ אסתרן, פון אינטערוועגצן ביי דער מאַכט, פון אָפּרופן די גזירה, און צום גליק דערוועקט זיך דאָן, אין אַזעלכע טראַגישע מאָמענטן, דער יידישער באַוווסטזיין, אויך די אייביקע יידישע מיטלען פון תעניתים און תפילות, פון צעמענטירן די יידישע איינקייט, פון: „לך כנס את כל היהודים", פון איינזאַמלען אַלע יידן, און אויך די האָפענונג, אַז אַ דאַנק דער דאָזיקער פאָלקס־איינקייט און יידישן גייסט, וועט אַחוץ דער שתדלנות־פּאָליטיק „רוח והצלה יעמד ליהודים ממקום אחר", וועט אַ דערלייכטערונג און רעטונג אויפשטיין פון אַן אַנדער אָרט".

אויך ווערט באַפעסטיקט די דאָזיקע איינקייט און סאָלידאַריטעט, און עס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש מרדכיס זאָג צו אסתרן, אַז דאָס אומגליק אויף יידן מיידט נישט אויס קיינעם: „ואת ובית־אָביך תאבד" (און דו און דיין פאָטערס הויז וועלן אונטערגיין), ווי הויך זיין פּאָזיציע זאָל נישט זיין אין דער מלוכה, און ווי דערווייטערט ער זאָל זיך נישט האַלטן פון זיינע ברידער — יידן.

יאָ, פּורים איז אַן אייביקע לעקציע און לערע, וואָס חזרט זיך איבער, צום באַדויערן, אַלע מאָל, אָבער וואָס צווינגט אונדז נאָכצודענקען וועגן יידישן גורל צווישן די פעלקער, און שטויסט אונדז צו ווערן יידיש־באַוווסטזיניקער, שטאָלצער, גאַנצער, יידישלעכער.

וועגן אונדזער טרויער

אומפאַרגלייכלעכע קדושה און גבורה

ר׳ שמחה־בונם פון פשיסכע האָט אַ מאָל געפרעגט.

— פאַר וואָס האָט מען דעם בית־המקדש געבויט אויפן הר־המוריה און נישט אויפן הר־סיני?

אייגנטלעך וואָלט דאָך דער בית־המקדש געדאַרפט אפשר שטיין אויפן באַרג־סיני, וווּ עס איז געגעבן געוואָרן די תורה, די צען געבאָטן, די יסודות פון דער מענטשלעכער עטיק און מאָראַל, און נישט אויפן באַרג מוריה, וווּ אַברהם האָט געפירט יצחקן צו דער עקידה?

„אָבער — האָט ר׳ שמחה־בונעם אַליין פאַרענטפערט זיין קשיה — דאָרט וווּ אַ ייִד לאָזט אויסשטרעקן זיין האַלדז פאַרן רבונו של עולם, איז פאַר ג־ט אַליין טייערער ווי זיין גאַנצע תורה״... דערפאַר האָט מען דעם בית־המקדש געבויט אויפן הר־המוריה און נישט אויפן ברג סיני...

דאָס קומט אונדז אויפן זינען ביים טראַכטן וועגן גרעסטן חורבן וואָס אונדזער פאָלק האָט דורכגעלעבט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, און מיר, פון יונגן דור, בלייבן געפלעפט און טראַגיש דערהויבן אין אָנבליק פון די אומפאַרגלייכלעכע מאָמענטן פון קדושה און גבורה, וואָס דאָס אומגעבראַכטע אייראָפעיִשע ייִדנטום האָט אַרויסגעוויזן אין אומצאָליקע פאַלן, הן ווי אַ קאָלעקטיוו און הן ווי יחידים, בילדנדיק אַ רייכע טיפן־גאַלעריע פון קדושים און גבורים.

כאָטש מיר האָבן שוין געלייענט אין אונדזער לאַנגער מאַרטירער־געשיכטע אַלע מיני שילדערונגען פון קידוש־השם, פון מסירת־נפש און העלדנטאַטן, פון די עלטסטע צייטן אָן, און עס איז אין אונדזער היסטאָריע גאָר קיין „נייס״ נישט אַזעלכעס, דאָך לייכט אַרויס מיט אומפאַרגלייכלעכער שיין די לעצטע עפּאָפּייע פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום, מיט דעם אויפשטאַנד אין

ווארשעווער געטאָ און אין אַנדערע געטאָס, מיטן פּאַרטיזאַנען־קאַמף, מיט דער אָפּפּערווילליקייט פּאַרן ייִדישן כבוד און מיט דער פּאַראַנטוואָרט־לעכקייט פּאַרן גאַנצן כלל ישראל, פּאַר וועלכן מען האָט אַוועקגעגעבן דאָס לעבן, טראָץ דעם וואָס מען האָט אין פּיל פּאַלן זיך געקענט ראַטעווען.

כאָטש מען קען נישט פּאַרגלייכן חורבן צו חורבן, מעסטן דעם לעצטן געראַנגל פון די פּאַרשיידענע תקופות, מיט וועלכע אונדזער געשיכטע איז היפּשלעך רייך, דאָך קענען מיר אָנווייזן אויף פּאַלן וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט אין אונדזער גאַנצער געשיכטע.

אָט לאָמיר ברענגען, צום ביישפּיל, די טייערע ייִדישע קינדער, וואָס האָבן איינגעשטעלט פּייערע לעבנס אין די שווערסטע געטאָ־באַדינגונגען, כדי אויפצוזוכן און ברענגען שפּייז פּאַר זייערע עלטערן און משפּחה.

אונדז דאַכט זיך, אַז דאָס האָט קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, ווען קינדער, די שוואַכסטע און צאַרטסטע וועזנס, נעמען איבער די ראָל פון די דערוואַקסענע, כדי די לעצטע צו ראַטעווען פון הונגער און טויט.

און ריכטיק ענטפּערט יענץ בחורל, וואָס ש. קאַטשערגינסקי ע״ה, טרעפט אין ווילנער געטאָ, ווען ער פּרעגט אים:

— פון וואַנען ביסטו?

— פון אייזן!... — קומט דער ענטפּער.

אונדזערע קינדער זענען ממש געווען מער ווי פון אייזן אין יענע שרעקלעכע טעג.

און ווער זענען עס דען געווען די אָנפירערס פון די געטאָס, אויב נישט יונגע העלדישע בחורים, אויף וועמענס פּנים עס איז נאָך געלעגן דער מאַמעס מילך.

גענוג צו זאָגן, אַז מרדכי אַנילעוויטש, דער הויפּט־אָנפירער פון וואַר־שעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז בלויז אַלט געווען 24 יאָר. און גענוג אָנצו־ווייזן אויף דער גרויסער גבורה פון די העלדן פון ווארשעווער געטאָ, ווען מיר וועלן ברענגען דעם פאַקט, ווען עס איז דאָרט באַשלאָסן געוואָרן אויפ־צוהייבן דעם האָפענונגסלאָזן קאַמף קעגן דער מעכטיקער דייטשער מאַכט ימח שמה, האָבן די אויפשטענדלער אין יענעם מאָמענט פּאַרמאָגט קעגן די דייטשע טאַנקען בלויז... איין רעוואָלווער. און כאָטש דער קאַמף, ווי געזאָגט,

האָט נישט געהאַט קיין אויסזיכטן, אויסער דורכפֿאַל און טויט, האָבן די אויפֿשטענדלערס געקעמפֿט איבערמענטשלעך פֿאַר דעם ייִדישן כבוד.

אַזוי אויך אין די אַנדערע געטאָס.

אין אַ צווייטער געטאָ, אויף אַ זיצונג פֿון דער אויפֿשטאַנד־קאָמאַנדע, זאָגט אַ יונגער בחור, אַז טראָץ דעם וואָס ער ווייסט אַז זיי גייען צום טויט, זאָל מען אָנהייבן דעם קאַמף, כדי צו פֿאַרוואַנדלען די געטאָ אין אַ צווייטער מסדה, פֿאַר דער אייביקער גלאָריע פֿון ייִדנטום...

ווען ד״ר לעאָן פּינסקער האָט באַהאַנדלט דאָס ייִדנטום־פּראָבלעם אין זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע״, שרייבט ער מיט ווייטיק, אַז ייִדן זענען אַ טשע־רעדע.

„טשערעדע״. אין דעם איינציקן וואָרט — שרייבט אחד העם — קאָנ־צענטרירט, דאַכט זיך, פּינסקער, אַלע ביטערע אמתן וואָס ער זאָגט אַרויס איבער דער ייִדישער נשמה; אַ טשערעדע טראַכט נישט פֿון איר ווערדע, פֿון איר צוקונפֿט; אין אַלגעמיין טראַכט זי גאָר נישט אויסער אין דער בלוטיקער סכנה פֿון וועלכער זי טראַכט צו אַנטרינען אויף וועלכן עס איז אופֿן, דורך וועלכן עס איז מיטל, אַלע צוזאַמען אָדער יעדער איינער אויף זיין חשבון״.

אויך ביאַליק באַקלאָגט זיך אין זיין „שחיטה־שטאָט״ אויף דער פּחדנות פֿון זיין פּאָגראָמירט פֿאָלק און פֿאָדערט זעלבסטפֿאַרטיידיקונג.

און אַפֿילו ביי אונדזער אַלטן מקונן, ירמיהו הנביא, לייענען מיר אין זיין מגילה „איכה״, אַז מוטערס האָבן פֿון גרויס הונגער און פֿאַרצווייפֿלונג אויפֿגעגעסן זייערע אייגענע קינדער.

אין די לעצטע געטאָ־אויפֿשטאַנדן האָט זיך דווקא דערוועקט דאָס ייִדישע ווירדע־געפֿיל אין איר פֿולער דערהויבנקייט; דאָס אחריות פֿאַרן ייִדישן קאָלעקטיוו און דאָס איינשטעלן זיך פֿאַרן ייִדישן כבוד האָט דער־גרייכט זיינע העכסטע שטאַפּלען.

די יונגע קעמפֿערס, אַרום וועלכע עס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע פּאַרטייען און גרופּירונגען, האָבן נישט דערלאָזט, אַז די געטאָ זאָל פֿאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ „טשערעדע״ און אויך נישט אין אַ קעשענעוו, פֿאַר־קערט, זיי זענען ליבערשט געגאַנגען צום טויט פֿאַרן קאָלעקטיוו און פֿאַרן ייִדישן כבוד.

איציק וויטענבערג גיט זיך אַליין איבער די נאַציס, כדי צו ראַטעווען די ווילנער געטאָ. אין דעם ליגט דאָך מער גבורה ווי אין טויזנטער קאַמפֿן.

אין אַ סך פֿאַלן האָבן די קעמפֿערס אַרויסגעוויזן מערער גבורה אין איינהאַלטן זייער נקמה־דורשט אין די נאַציס, זייער גרויסן צאָרן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ראַטעווען דורך דעם מער יידישע לעבנס. אויך דאָס איז געווען גבורה פֿון דער העכסטער קוואַליטעט.

און היינט ווו זענען די איינצלנע פֿאַלן פֿון גבורה און קדושה? אין באָר־דאָ, פֿראַנקרייך, האָט אַ ייד, אליעזר קאַרפּ, אויס פּראָטעסט קעגן די נאַצי־רציחות, אַטאַקירט אין מיטן גאַס אַ דייטשן רעגימענט, איינער אַליין, מיט אַ... שטעקן.

אין לאָנדאָן איז אַרטור זיגעלבוים באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי צו ציִען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער וועלט אויף דער אויסראָטונג פֿון פּוילישן יידנטום.

אין פּאַריז האָט הערשל גרינשפּאַן געשאָסן אויף אַ דייטשן דיפּלאָמאַט אויס פּראָטעסט קעגן דעם טויט פֿון זיינע עלטערן.

היינט די גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך געקענט ראַטעווען, אָבער וואָס האָבן נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן זייערע ברידער און ליבערשט מיט זיי געגאַנגען דעם לעצטן וועג, צווישן זיי ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס האָט באַגלייט זיינע קינדער פֿון יתומים־הויז אויף זייער טויטן־וועג, טראָגנ־דיק אויף זיינע אָרעמס צוויי פּיצלעך קינדער און טרייסטנדיק זיי ערב זייער טויט...

(ווי שרייבט דער מאָדערנער מקונן, יצחק קאַצענעלסאָן, אין זיין „ליד פֿון אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק״, אַז יעדעס קינד קען אַ ירמיהו זיין...).

און דער ראַדזינער רבי, ר׳ שמואל־שלמה ליינער, וואָס הייסט אונ־טערצינדן די וולאָדאַווער געטאָ, און וואָס האָט אַליין אַ טראַגישן טויט: ער ווערט באַגראָבן אַ לעבעדיקער, בלויז זיין קאָפּ לאָזט מען אויף דער איי־בערפֿלאַך ווי אַ סימבאָל, אַז דעם יידישן קאָפּ, דעם יידישן גייסט קען מען נישט באַגראָבן...

דערביי דאַרף מען שוין אויך דערמאָנען זיין שמש, וואָס ווען די נאַציס קומען נאָכן רבין, גיט ער זיך אויס אַלס דער רבי און ברענגט זיין לעבן ווי אַ קרבן, כדי צו ראַטעווען דעם ראַדזינער רבין.

און דער גרויסער היסטאָריקער, שמעון דובנאָוו, וואָס לאָזט נישט, אַז זיינע פֿריינד זאָלן אים אַרויסראַטעווען, כדי צו טיילן דעם גורל פֿון זיין פֿאָלק, וועמעס געשיכטע ער האָט אַזוי מייסטערהאַפֿט אויפֿגעשריבן.

היינט די מאָמענטן פֿון עכטן קידוש־השם, ווען דער באָבאָווער רבי הייסט זיין צען־יאָריק ייִנגעלע נישט וויינען, ווען ער דאַרף גיין צום טויט, ווייל קידוש־השם איז די גרעסטע זכיה, וואָס אַ ייִד קען האָבן...

אָדער גאָר יענער רב וואָס באַהאַלט זיין מאַרגאַרין, אין טויטן־לאַגער, און צינדט דערפֿון אָן אַ חנוכה־ליכטל, ביים שוועל פֿון טויט, כדי מפֿרסם צו זיין דעם חנוכה־נס ברבים, ד״ה פֿאַר די נאַצי־באַנדיטן.

צי גאָר דער צעפֿלאַמטער חסיד, וואָס ביים גיין באַגעגענען דעם טויט אין קרעמאַטאָריע, צעטאַנצט ער זיך מיט אַזאַ גרויסער התלהבות פֿאַרן האָבן די זכיה מקדש־השם צו זיין, אַז דער נאַצי־קאָמאַנדיר לאָזט אים נישט פֿאַרברענען, נישט אָנצוטאָן אַ „יודע״ אַזאַ מין פֿרייד אין לעבן...

און ווי זענען די הייליקע 93 טעכטער פֿון „בית־יעקב״־שול, וואָס באַגייען קאָלעקטיוון זעלבסמאָרד איינגעמענדיק גיפֿט, כדי נישט צו ווערן געשענדט דורך די דייטשן, און וואָס לאָזן איבער אַ בריוו מיט בלויז איין פֿאַרלאַנג:

— זאָגט „קדיש״ נאָך די 93 טעכטער פֿון „בית־יעקב״!

אָדער ווי שילדערט שלום אַש ר׳ איטשע־מאירן, וואָס זאָגט „קדיש״ ביים אייגענעם קבר, אונטער אַ בייטשן־האָגל פֿון נאַצישע מערדערס...

דאָס זענען דאָך ברילייאַנטן־מאָמענטן איינצופֿאַסן אין דער ייִדישער קדושה־ וגבורה־קרוין, וואָס קענען אינספּירירן און וועלן אַרויסלייכטן אין אַלע דורות פֿון אונדזער פֿאָלקס־זיין אויף דער ערד.

מאָמענטן, וואָס פֿון אַלע קוקווינקלען באַטראַכט, זענען זיי קדושה וגבורה.

און ווי קען מען פֿאַרבייגיין דעם ליכטיקן פֿאַקט, וואָס מענטשן, וואָס שטייען אויפֿן ראַנד פֿון אונטערגאַנג, ליגט נאָך אין זינען דערציִונג־אַרבעט. קולטור־אונטערנעמונגען, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען און דאָס גלייכן, כדי צו שטאַרקן דעם טויט פֿון די ליידנדיקע ברידער און פֿאַרזיסן די לעצטע מינוטן פֿון יונג און אַלט.

אונטער אַ האָגל פֿון קוילן, געשטיקט דורך רויך, געפּייניקט פֿון הונ־גער, זעצט פֿאָר דאָס קולטור־לעבן אין די געטאָס אין אַלע זייערע פֿאַזן.

יאַנוש קאָרטשאַק אָרגאַניזירט אין זיין יתומים־הויז טעאַטער־פֿאָרשטע־לונגען. דאָס גלייכן טוט דאָס די לערערין מירע אין ווילנער געטאָ, וואָס לערנט מיט אירע קינדער, צוזעענדיק ווי זיי ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער פֿון דעם שונאס רציחות.

כאַראַקטעריסטיש איז דאָך דאָס, וואָס דער דיכטער אַברהם סוצקעווער דערציילט וועגן לערער גרשון לעווין, וואָס אין מיטן פֿון דער אויסראָטונג־אַקציע אין ווילנער געטאָ, אַן אויסגעמאַטערטער און קראַנקער, טרעפֿט ער אָן דעם דיכטער און האָט צו אים טענות, הלמאי ער האָט אין זיינס אַ ליד געשריבן דאָס וואָרט „יינגל" מיט אַן אַלף אַנשטאָט מיט צוויי יודן, לויט דעם ייווא־אויסלייג.

דער דאָזיקער עפּיזאָד אַליין: ווי אַ לערער ביי וועמענס שוועל עס קלאַפּט שוין דער טויט, אין אַזעלכע טראַגישע מאָמענטן, ווו דער מענטש איז אין שטאַנד אין אַלץ און אין אַלעמען צו פֿאַרגעסן, זאָרגט זיך גאָר וואָס אַ יידישער דיכטער האָט אָנגעשריבן אַ וואָרט נישט לויטן מאָדערנעם „ייוואָ"־אויסלייג, דריקט שוין אויס אַזעלכעס וואָס איז אַזוי אויסערגע־וויינטלעך דערהויבן, אַז עס איז איבעריק יעדער קאָמענטאַר.

מיר גייען בלויז פֿאַרביי איינצלנע מאָמענטן פֿון די הונדערטער, אָבער וואָס זענען איבערגענוג צו איבערצייגן, אַז דאָס אייראָפּעישע יידנטום איז נישט געווען אין דער לעצטער וועלט־מלחמה קיין „טשערעדע" און נישט קיין אויסגעמאָרדעט פֿאָלק, נאָר אַ פֿאָלק פֿון קדושים און גבורים און זיין טויט פֿול מיט ביישפּיללאָזער העראָיק, איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דעם איינגעוואָרצלטן פֿולבלוטיקן יידישן לעבן אין די פֿאַרשניטענע ישובים פֿון אייראָפּע.

עס דערמאָנט זיך די לעגענדע וועגן דעם טויט פֿון דעם גרויסן יידישן דיכטער פֿון דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין שפּאַניע, שלמה איבן גבירול, ווע־מען אַן אַראַבישער דיכטער האָט אויס קנאה אים דערמאָרדעט און באַגראָבן אונטער אַ פֿייגנבוים, און דער בוים, וואָס האָט געצויגן יניקה פֿון דעם דיכ־טערס גוף, האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיסע פֿרוכטן, וואָס אַלע האָבן באַוווּנדערט.

די דאָזיקע לעגענדע לאָזט זיך וווּנדערבאַר אָנמעסטן אויף דעם פּאַר־שניטענעם ייִדנטום, וועמענס טויט איז געוועזן אַ פּראָדוקט פֿון זייער פּיל־פֿאַרביק, געזונט און שיין ייִדיש לעבן, פֿון וואַנען זיי האָבן געצויגן יניקה אין די געציילטע לעצטע שקיעה־שעהען פֿון זייער לעבן.

און דעריבער וועט זייער קדושה וגבורה איינגעקריצט ווערן אין געדע־כעניש פֿון אונדזער פֿאָלק אויף אַלע אייביקייטן!

דער קאַמף פון דער קדושה קעגן דער טומאה

אין דעם העראָישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז געקומען צום פולן אויסדרוק דער קאַמף פון דער ייִדישער קדושה און גבורה קעגן דער נאַצישער טומאה. עס האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפן פנים אל פנים די צוויי קעגנגעזעצטע כוחות, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זייער פולער קראַפט.

די ייִדישע קדושה און העלדנטאַט האָט דאָס מאָל אַרומגעכאַפּט קינד און קייט, אַלט און יונג. ס'איז געווען אַ קאַמף אָן פרעצעדענטן און אָן אַ פאַרגלייך אין דער געשיכטע.

ס'איז געגנוג בלויז צו שילדערן די אומצאָליקע גבורה־מאָמענטן פון די ייִדישע קינדערלעך, פון די שוואַכסטע וועזנס, וואָס זענען אין יענע גורל־דיקע שעהען אויסגעוואַקסן צו ריזיקע גייסטיקע הייכן, אַ גבורה, וואָס וועט אינספּירירן טויזנטער דורות, אַ קדושה, וואָס וועט באַזעלן די מענטשהייט ביז אַלע אייביקייטן.

„די ערשטע אומצובערענגען זענען געווען די קינדער" — שילדערט אין זיין פּאָעמע דער דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן. און ער דערציילט וועגן די פאַרשיידענע קינדער־טיפּן, וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגעטראָפן.

געזען האָט ער אַ צוויי־יאָריק קינד, וואָס איז געווען אַזוי ערנסט ווי אַ הונדערט־יעריקער מאַן. וואָס זיין באָבע האָט אַפילו נישט אין חלום גע־זען, האָט דאָס דאָזיקע פּיצל קינד צוגעזען ביי זיין עלטער.

אַן אַנדער פינף־יעריק קינד, וואָס ער רופט אָן „די מאַמע", האָט ער גע־טראָפן ווי זי גיט צו עסן אַ קלענער ברודערל, מיט מוטערלעכער צערט־לעכקייט און איבערגעגעבנקייט.

אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אין סאַמע רעכטן ווינטער, אין אַ פראָסט, האָט ער געטראָפן אין אַ קאַלטן צימער אַ קינד, וואָס האָט דערציילט אַ מעשהלע

אַן אַנדער גרופּע קינדער, כדי זיי צו פֿאַררעדן און מאַכן פֿאַרגעסן אין זייער עלנט און אין זייערע ליידן.

און דער דיכטער רופֿט אויס:

— „אַזוינס האָט נאָך די וועלט נישט געהערט". און ווייטער זאָגט ער:

— „ישעיה, ביסט ניט געווען אַזוי גרויס, ניט גוט, ניט אמתדיק, ניט אַזוי געגלייבט ווי ער (ווי דאָס קינד).

און בעתן שילדערן דעם אומקום פֿון אָט די קליין־גרויסע העלדן, דער־ציילט ער אַז:

— „מען האָט געוואָרפֿן זיי אין די וועגענער ווי מיסט" און זיי געפֿירט צו דער אויסשלאַכטונג.

אַזאַ ליכטיקע קדושה פֿון יידישע קינדערלעך, קעגן אַזאַ פֿינצטערער טומאה פֿון די נאַצי־רוצחים, איז דאָך דער שרייענדיקסטער קאָנטראַסט פֿון די קעגנגעזעצטע כוחות, דער גרעסטער תהום צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ליכט און פֿינצטערניש.

און פֿון אָט די דאָזיקע וווּנדערבאַרע יידישע קינדערלעך זענען, לויט אהרן צייטלין, נעבעך געבליבן בלויז „קלאַנגען, ליד־קלאַנגען, נעמען פֿון יידישע קינדער".

און ווי האָט ביאַליק געשריבן נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם:

„נקמת דם ילד קטן
עוד לא ברא השטן".

די נקמה פֿאַרן בלוט פֿון אַ קליין קינד, האָט נאָך (אַפּילו) דער שטן נישט באַשאַפֿן.

און ווי אַ טראַגישער גורל, איז פּונקט דער אויפֿשטאַנד אויסגעפֿאַלן אין חודש ניסן, ערב פּסח, ערב דעם יידישן פֿרייהייט־יום־טוב „פּאַר עקסעלאַנס" און רירנדיק שילדערט עס דער דיכטער בונעם העלער:

„אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן".

און: „מיט בלוט וועט מען ווידער באַשמירן די ביישטידלעך, מיט בלוט פֿון די לעצטע".

און אין דער סדר־נאַכט, ווען עס קומט טרינקען פֿון זיין כוס אַליהו הנביא, דער מבשר פֿון דער יידישער גאולה, איז דאַן

„געקומען איז טרינקען דער מלאך המות..."

און זעלטן ווען אַ קאַמף זאָל אַרומכאַפּן אַלע שיכטן פֿון אַ געמיינדע, ווי דאָס איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ.

עס האָבן געקעמפּט אַלט און יונג, פֿרוי און מאַן. די קינדערלעך זענען געווען די פֿאַרבינדלערס צווישן איין קעמפֿנדיקער גאַס און דער צווייטער, און אונטער אַ האָגל פֿון שיסנדיקע קוילן, פֿלעגן די קינדער ברענגען עסן די קעמפֿערס.

אויך די אַלטע לייט און די פֿרויען האָבן פֿאַרנומען זייער פּלאַץ אין דעם קאַמף. זיי פֿלעגן אין די קיכן צוגרייטן דאָס עסן פֿאַר די קעמפֿערס, און די קעמפֿערס, ווי די אָנפֿירערס פֿון דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד, זענען געווען בלי׳ענדיקע יוגנטלעכע פֿון אַלע פּאַרטייען, וועמעס קאָמענדאַנט, מרדכי אַנילעוויטש, איז איז גאַנצן אַלט געווען 24 יאָר.

און דער קאַמף איז נישט סתם געווען אַ פֿאַרצווייפֿלטער קאַמף ביז צום טויט, נאָר אַ קאַמף פֿול מיט קדושה, פֿול מיט נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פֿול מיט יידישער ווערדע.

אין די דאָזיקע טראַגישע מאָמענטן, ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפֿן האַלדז, האָט די דאָזיקע העראָישע יוגנט נישט פֿאַרגעסן, אַרויסצוהענגען אַלס סימבאָל פֿאַר די געטאָ־שלאַכטן די ווייס־בלויע יידישע פֿאָן, און דער לעצטער פֿון די געטאָ־קעמפֿערס האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון דעם פֿערטן שטאָק פֿון אַ געביידע, מיט דער ווייס־בלויער פֿאָן, צו וועלכער עס איז צוגעקומען נאָך אַ קאָליר — די רויטע בלוט־באַפֿאַרבונג פֿון זייער יונג העלדיש פֿאַרגאָסן בלוט.

הערצל האָט אין זיין „יודענשטאַט" געחלומט, אַז די יידישע פֿאָן וועט זיין אַ ווייסע, מיט זיבן גאָלדענע שטערן. די ווייסקייט זאָל סימבאָליזירן די יידישע ערלעכקייטן, די נשמה־ריינקייט, און די זיבן גאָלדענע שטערן זאָלן סימבאָליזירן די זיבן אַרבעט־שעהען פֿון טאָג, וואָס איז אין זיין צייט געווען דער סאָציאַלער חלום פֿון די אַרבעטער־מאַסן און דער אויסדרוק פֿון סאָציאַלן יושר אויף דער וועלט.

ווען מען זאָל היינט פֿאַרשלאָגן אַ נייע יידישע פֿאָן, וואָלטן מיר זיכער רעקאָמענדירט אָט די ווייס־בלוי־רויט־קאָלירן, די קאָלירן פֿון ריינקייט און פֿון הימלישקייט, און די רויטקייט — דאָס בלוט פֿון דער גרופּע געטאָ־

העלדן, וואָס האָבן אַזוי הערלעך מקדש־השם ואומה געווען, אין אַנבליק פֿון דער טומאה־געפֿאַלנקייט פֿון די נאַצישע מערדערס.

אויף אַזוי ווייט איז געווען די ייִדישע קדושה, אַז אויך אין די גרויליק־סטע מאָמענטן איז ביי די ייִדן נישט געמינערט געוואָרן זייער ייִדישע אמונה. אדרבא: זייער קידוש־השם, זייער פּינטעלע ייִד האָט זיך נאָך מער צעפֿלאַ־קערט און צעהעלט דווקא אין יענע שווידערלעכע רגעס.

ביי צבי קאָליץ, אין זיין דערציילונג „יאָסל ראַקאָווער רעדט צו ג־ט״, זאָגט דער העלד פֿון דער דערציילונג:

— „ג־ט, כאָטש דו שטראָפֿסט מיך, האָב איך דיך ליב״.

אין שלום אַשס דערציילונג „איטשע מאיר״, זאָגט דער דאָזיקער קדיש פֿאַר זיין קבר־גרוב, אונטער די שמיץ פֿון די דייטשן.

ביי לייוויקן איז דאָ אַן אויפֿשווידערנדיקע פּאָעזיע וועגן אַ נאַצי, וואָס האָט לעבעדיקערהייט באַגראָבן אַ פֿרומען ייִדן, און נאָר געלאָזט אַרויס־שטעקן אויף דער אייבערפֿלאַך זיין קאָפּ, און ער זעט, מיט צאָרן און מיט שטוינונג, ווי דער „יודענקאָפּ זאָגט תּפֿילה״...

און ווי קען מען פֿאַרבייגיין דעם פֿאַקט, וואָס „צווישן די פֿאַלנדיקע ווענט״, די קראַכנדיקע מויערן פֿון געטאָ, אויף די גאַסן פֿאַרגאָסענע מיט ייִדיש בלוט, אונטער דער שיסעריי, צווישן די רויך־נעפּלען און פֿייערן, איז נאָך דאָרט אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיוו קולטור־לעבן, האָבן פֿונקציאָנירט שו־לעס, חדרים, ישיבות; זענען געהאַלטן געוואָרן לעקציעס, געגעבן געוואָרן קאָנצערטן, אויפֿגעפֿירט געוואָרן טעאַטער־פּיעסן.

— ווו האָט מען אַזעלכעס ווען עס איז געזען אָדער געהערט, אַז מענטשן, וואָס שטייען שוין ממש ביים ראַנד פֿון טויט, זאָלן זיך ביזן לעצטן אָטעמצוג פֿאַרנעמען מיט קולטור, מיט קונסט, מיט לערנען?

און די השגחה האָט געוואָלט, אַז דער געטאָ־אויפֿשטאַנד זאָל אויספֿאַלן און דערמאָנט ווערן יאָר־יערלעך כ״ז ניסן, צווישן פּסח און יום־העצמאות, ווי צו ווייזן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אָט די דאַטעס.

דער געטאָ־אויפֿשטאַנד איז דאָך אינספּירירט געוואָרן אין די אידעאַלן פֿון פּסח, פֿון גאולה־שטרעבונגען, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם קנעכטישן יאָך און האָט געפֿירט צו דעם יום־העצמאות, צו דער אַנטשטייונג פֿון דער ייִדי־שער מדינה.

אַ דאַנק אָט יענע געטאָ־העלדן, האָבן מיר די ייִדישע מדינה, און זיי זענען עס טאַקע געשטאָרבן מיט דער מדינה אין האַרצן, מיט דער ייִדישער פֿאָן, מיט דעם נאַציאָנאַלן גערדאַנק.

ווי זאָגט דאָס זייער טרעפֿלעך אַברהם זאַק אין זיין ליד:

„פֿון וואַרשעווער געטאָ ביז מדינת ישראל, עס ציט זיך איין גאָלדענע קייט".

יאָ, די גאָלדענע קייט פֿון ייִדישער קדושה און גבורה ציט זיך פֿון דעם וואַרשעווער געטאָ ביז צו דער ייִדישער מדינה, דער זעלביקער גבורה־ און קדושה־אָטעם, די זעלביקע ייִדישע ווערדע און קאַמף פֿאַרן ייִדישן נאָמען, פֿאַרן ייִדישן כבוד.

מיר, ייִדן, האָבן נישט חלילה קיין מתים־קולט, דערפֿאַר האָבן מיר טאַקע איבערגעלעבט אַלע פֿיינען און גרוילן.

מיר זענען דאָס פֿאָלק פֿון „ובחרת בחיים", דאָס פֿאָלק פֿון אייביק לעבן.

און דורך לעבן קענען מיר ווייטער ציִען דעם גאָלדענעם פֿאָדעם פֿון ייִדישקייט, אינספּירירט אין דער קדושה, מיט וועלכער און פֿאַר וועלכער די געטאָ־העלדן האָבן געאָפּפֿערט זייער לעבן.

איז אויב מען וויל פֿאַראייביקן אָט דעם גלאָררייכן ייִדישן קאַפּיטל, פֿול מיט מסירת־נפֿש און העלדנטאַט, דאַרף מען דאָס בלויז דורך לעבן, דורכן איינפֿלאַנצן אין די קומענדיקע דורות זייער גייסט, זייער קדושה, זייערע שטרעבונגען און אידעאַלן.

די אַזכּרה ביי ייִדן איז דעריבער נישט נאָר פֿאַר די קדושים, נאָר בעיקר פֿאַר די לעבעדיקע. דאָס וואָרט „אַזכּרה" וויל זאָגן: דערמאָנונג, וואָס דערמאָנט די לעבעדיקע אָן די טויטע, וואָס דערמאָנט זייערע טאַטן, זייערע וועגן, זייער לעבנס־שטייגער, און זייער טויט.

און די בעסטע מצבה איז אויך אַ לעבעדיקע מצבה, דאָס דערציִען דעם יונגן דור, וואָס זאָל פֿאַרזעצן אין זייער לעבנסגייסט, כדי אַזוי אַרום צו געבן אַ זין זייער לעבן און אויך זייער העלדישן טויט, צו איינפֿלאַנצן אין דעם נייעם דור אָט־די ווערטן, אָט דעם גלויבן ,אָט די אידייען און אי־דעאַלן, פֿאַר וועלכע זיי זענען געפֿאַלן, זיך מקריב געווען און געאָפּפֿערט.

און דאָ ווילן מיר שוין באַמערקן דערביי דעם טעותדיקן צוגאַנג פֿון אַ רייע פּעדאַגאָגן, וואָס האַלטן, אַז מען דאַרף אונדזערע קינדער וואָס וויַנ־

ציקער לערנען וועגן חורבן, ווייל ס׳איז, לויט זיי, צו שטאַרק פֿאַר אונדזערע קינדער, עס קען זיי צו פֿיל באַאיינדרוקן.

אַדרבא: זאָל מען מיט אונדזערע קינדער לערנען וועגן דער גרויסער העלדישקייט פֿון די ייִדישע געטאָ־קעמפֿערס, זיי דערציילן ווי זיי האָבן געקעמפֿט און ווי זיי זענען געפֿאַלן, וועגן דעם מוט פֿון אַלט און יונג, און ווי זיי האָבן אויסגעשטרעקט זייערע לעבנס פֿאַרן ייִדישן כבוד, וועגן דעם גייסט פֿון די געטאָ־קעמפֿערס, וועגן די שולן און טעאַטערס פֿון געטאָ, וועגן די וואָס האָבן מיט זייער אייגן בלוט געשריבן די כראָניק פֿון געטאָ און זי באַגראָבן, כדי זי זאָל אויפֿגעהיטן ווערן פֿאַר די קומענדיקע דורות.

אַדרבא: זאָלן אונדזערע קינדער אַדורכגענומען ווערן מיט אָט יענעם וווּנדערבאַרן גייסט פֿון קדושה און גבורה; זאָלן זיי אויסגעשולט ווערן אין דער ביישפּילפֿולער פֿורעם פֿון זייער מסירת־נפֿש, און זאָלן זיך די קינדער אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פֿון זייער לעבן און טויט; בעיקר זיך אַדורכנעמען מיט דער פֿולבלוטיקער ייִדישקייט פֿון אָט יענע העלדן־ריזן, וואָס זיי האָבן נישט אויפֿגעגעבן ממש ביז זייער לעצטן אָטעם, כדי אַזוי אַרום צו דערמאָנען, צו מזכיר־זיין, צו קענען ממשיך זיין און היייליק האַלטן באמת זייער אָנדענק, היטן זייער צוואה און זיי שטעלן אַ ווערדיקע לעבנס־מצבה!

תשעה באָב, דער טאָג פֿון ייִדישן טרויער

„כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, ושאינו מתאבל על ירושלים אינו רואה בשמחתה", ד"ה דער וואָס טרויערט, אויף ירושלים, איז זוכה צו זען איר פֿרייד, און דער וואָס טרויערט נישט אויף ירושלים, איז נישט זוכה צו זען איר שמחה".

אין דעם טרויערן אויפֿן חורבן ירושלים, ליגט שוין די מעגלעכקייט און די אויסזיכט צו זען איר פּראַכט און שמחה, ווייל דער טרויער לייטערט און גלייכצייטיק האַלט ער וואַך דעם נשמהדיקן קאָנטאַקט מיט ארץ־ישראל, און עס ציִען זיך אַהינצו פֿון אַלע טרויערנדיקע הערצער ליבשאַפֿט־פֿעדע־מער, וואָס זענען די בעסטע גאַראַנטיע פֿאַר דער אויפֿריכטונג פֿון אונדזער אַלט־ניי לאַנד.

אַ דאַנק אָט דעם דאָזיקן שטענדיקן און נאָך אַ באַנדיקן טרויער אויפֿן חורבן הארץ, האָבן מיר אין דער לאַנגער פֿינצטערער גלות־נאַכט אויפֿגע־האַלטן וואַך דעם גאולה־טרוים, און מיר האָבן פֿאַרוואַנדלט אונדזער גאַנצע עקסיסטענץ אין גלות, אין איין לאַנגער „ציוניסטישער קייט", אין איין נאָך אַ באַנדיקן ציִען נאָך ציון, וואָס האָט אונדז ווירקלעך דערפֿירט צו דער אַנטשטייונג פֿון דער ייִדישער מדינה.

און עס איז באמת צו באַוווּנדערן אונדזער אומה, וואָס איז אייִנציק־אַרטיק אויף דער וועלט מיט דער דאָזיקער ביישפּילפֿולער באַציִונג צום לאַנד פֿון אירע אָבות, וואָס האָט נאָך יאָרהונדערטער אַזוי פֿאַרוועבט די בענקשאַפֿט און דעם טרויער נאָך ציון, וואָס האָט קיין גלייכן נישט אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע.

— ווייל, וואָס פֿאַראַ אַ פֿאָלק אויף דער וועלט, וואָס איז אָפּגעריסן

פֿון זיין לאַנד גאַנצע יאָרהונדערטערס, זאָל דערמאָנען דעם חורבן פֿון זיין לאַנד, ווי אונדזער פֿאָלק?

— וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק טרויערט יעדן טאָג און יעדע צייט אויף דעם חורבן פֿון זיין בית־המקדש, אַזוי ווי אונדזערס?

גאַנצע זיבן וואָכן פֿון „ספֿירה" האַלטן מיר זיך אָפּ פֿון שמחות, ווייל די דאָזיקע טעג דערמאָנען אונדז, צווישן אַנדערס, דאָס חורבן־האַרץ און דאָס פֿאַלן פֿון בר־כוכבא.

— וואָס פֿאַר אַ פֿאָלק פֿאַסט, נאָך הונדערטער יאָרן, אין דעם טאָג, ווען דער שונא האָט באַלאַגערט זיין הויפּטשטאָט, אינעם טאָג, אין וועלכן עס זענען איינגעבראָכן געוואָרן אירע מויערן, אין דעם טאָג, אין וועלכן עס איז צעשטערט געוואָרן זיין הייליקער טעמפּל, און אין דעם טאָג, אין וועלכן עס איז פֿאַרלוירן געוואָרן זיין לעצטע האָפֿענונג צו זעלבסטשטענדיקייט, אַזוי ווי מיר טוען דאָס אין עשרה בטבת, שבעה עשר בתמוז, תשעה באב און צום גדליה?

די „דריי וואָכן" זענען דאָך טעג פֿון שווערער אַבילות, אין וועלכע מיר האַלטן זיך אָפּ פֿון שמחות, און אַפֿילו פֿון עסן פֿלייש און טרינקען ווין אין די לעצטע ניין טעג.

אין תשעה באב האָבן מיר במשך פֿון דורות אָנגעזאָפּט די מגילת „איכה" מיט אַזוי פֿיל בלוטיקע טרערן, אַז אַ פֿאַרגלייך אין דער גאַנצער געשיכטע, אַזוי ווי עס וואָלט איצט, אין דעם דאָזיקן מאָמענט, אונדז געטראָפֿן דאָס אומגליק...

און נישט בלויז אין די באַשטימטע טרויער־טעג, נייערט טאָג־איין טאָג־אויס האָבן מיר אָפּגעריכט „חצות", און מיר האָבן געלאָזט הערן אין דער נאַכט אַריין דאָס געוויין און דעם וויייטיק, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פֿון אַ צעבראָכן האַרץ, אויפֿן חורבן פֿון אונדזער לאַנד און אונדזער הייליק הויז.

בשעתן חתונה־צערעמאָניאַל, בעת דער דאָזיקער אַזוי וויכטיקער געשעעניש אין אונדזער פּערזענלעך לעבן, צעברעכט מען אַ טעלער, ווי אַ זכר לחורבן, און מען ברענגט־אויף ירושלים „על ראש־שמחתנו".

ביים בויען אַ נייע שטוב, לאָזט מען איבער אַ קוואַדראַט־איל נישט געפּאַרבט, אַלס זכר לחורבן.

פֿון דעם אויבן געזאָגטן, ווייזט זיך בולט אַרויס, אַז דאָס טרויערן אויף

ירושלים האָט גורם געווען דאָס נישט פֿאַרגעסן אונדזער לאַנד, נאָר האָט עס אין פֿאַרלויף פֿון אַלע אונדזערע גלות־יאָרן, אויסגעקריצט נאָך מער אין אונדזער האַרץ און נשמה, אין אונדזער מח און אין גאַנצן וועזן.

אונדזער גאַנצע געשיכטע אין גלות איז פֿאָלגלעך געווען אַ „ציוניס־טישע געשיכטע״, וואָס האָט, ווי געזאָגט, געפֿירט צו דער עטאַבלירונג פֿון מדינת ישראל.

די געשיכטע פֿון חורבן הארץ איז גלייכצייטיק די בעסטע לערע פֿאַר אונדז, פֿון אהבת ישראל און אחדות ישראל, און אַז דאָס פֿאַרקערטע קען, חס וחלילה, דערפֿירן צו חורבן.

ווי זאָגט אונדז דער תלמוד:

„מקדש ראשון מפני מה חרב? — מפני שלשה דברים שהיו בו: עבודה זרה, וגלוי עריות ושפיכות־דמים, אבל מקדש שני שהיו עוסקים בתורה ובמצוות וגמילות־חסדים, מפני מה חרב? — מפני שהיתה בו שנאת־חינם, ללמדך ששקולה שנאת־חנם כנגד שלש עברות״.

ד״ה: — פֿאַר וואָס איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית־המקדש? — צוליב דריי זאַכן: צוליב געצנדינערייַ, אוממאָראַלישעד אויפֿפֿירונג און בלוט־פֿאַרגיסונג. אָבער דער צווייטער בית־המקדש, אין וועלכער צייט מען האָט עוסק געווען אין תורה, אין מצוות און גמילות־חסדים, צוליב וואָס איז ער חרוב געוואָרן? — צוליב אומזיסטער שנאה, צו לערנען דיך, אַז שנאת־חנם איז כנגד אַלע דריי אויבן דערמאָנטע עבירות...

ווי זאָגט עס טרעפֿלעך דער נביא: „מהרסיך ומחריביך ממך יצאו״... דיינע צעשטערערס און חרוב־מאַכערס וועלן פֿון דיר אַליין אַרויס...

אומזיסטע ברידער־שנאה און צעשפּליטערונג קען גורם זיין צו חורבן, צו צעשטערונג פֿון אונדזערע פֿאָלקס־רייען.

און ווי האָט אַ רבי אַ מאָל געזאָגט:

— עס שטייט געשריבן: „ואהבת לרעך כמוך״ — זאָלסט ליב האָבן דיין חבֿר ווי זיך אַליין. אָבער אַז איך אַליין האָב זיך אַזוי פֿיינט, אַז איך קען זיך פּשוט נישט אָנקוקן, איז ווי קען איך ליב האָבן מיין חבר ווי זיך?...

אָבער בטבע האָבן מענטשן נישט ליב דעם אַנדערן, ווייל זיי האָבן זיך אַליין פֿיינט... נאָר פֿאַרקערט.

און דער חורבן, וואָס איז געקומען צוליב שנאת־חנם, איז פֿאַר אונדז

די בעסטע לערע, פֿון דאָס פֿאַרקערטע, אַז בלויז שלום, אַחדות און ברי־דערלעכקייט, קען ברענגען די פֿאָלקס־אויפֿריכטונג.

איז דאָך פֿאַראַן אַ צווייטער מדרש, אַז דער בית־המקדש איז אויפֿגעבויט געוואָרן אויפֿן באַרג מוריה, אויפֿן אָרט וווּ עס האָבן געלעבט צוויי ברידער, געקנופּט און געבונדן אין מוסטערהאַפֿטער קעגנזייטיקער ליבשאַפֿט.

און דעריבער האָט אַ מאָל אַ גוטער־ייִד איינגעטייטשט, אַז ייִדן זענען געגליכן צו חול־הים, צו דעם זאַמד פֿון ברעג ים, וואָס מוז זיך האַלטן אייניק, ווייל זאַמד האָט די אייגנשאַפֿט, וואָס בלויז ווען איין קערנדל זאַמד האַלט זיך אייניק מיט די אַנדערע, ווערן זיי נישט פֿאַרשווענקט דורך די כוואַליעס, אַ זאַך וואָס יעדעס קערנדל באַזונדער ווערט אַריינגעשליידערט און פֿאַרשלונגען אין ברויזנדיקן ים. אַזוי אויך ייִדן: בלויז אין אייניקייט ליגט זייער כוח. יעדער ייִד אַן און פֿאַר זיך קען פֿאַרשלונגען ווערן דורך דעם ים פֿון געפֿאַרן וואָס לויערן אויף אים.

דערצו, עס זאָל זיין אַחדות ביי ייִדן, איז נייטיק אַ גרויסע דאָזע אהבת ישראל ביי יעדן איינעם פֿון אונדז.

דער בעסטער ביישפּיל פֿון אהבת ישראל איז דער אייבערשטער אַליין:

דערציילן דאָך אונדז די תלמודישע אגדות וועגן חורבן, אַז מיטן חורבן פֿון ארץ־ישראל, האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון דאָרטן די שכינה און זי איז אַוועק מיט ייִדן אין גלות.

„מיום שחרב בית־המקדש אין שחוק לפֿני הקב״ה", פֿונעם טאָג וואָס עס איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש, איז נישטאָ קיין געלעכטער פֿאַרן אייבערשטן.

נאָר אדרבא: „בוכה ומבכה הקב״ה עמה, בוכה ומבכה מלאכי־ השרת עמה; בוכה ומבכה שמים וארץ עמה: בוכה ומבכה הרים וגבעות עמה", ד״ה: הקדוש ברוך הוא וויינט און באַוויינט, די מלאכים וויינען און באַוויינען, הימל און ערד וויינען, בערג וויינען.

אַזוי גרויס איז דעם אייבערשטנס אַהבת ישראל, די ליבשאַפֿט צו ייִדן, אַז ער איז דורכגעדרונגען אין גאַנצן מיטן ייִדישן צער און טרויער.

און כאַראַקטעריסטיש איז דאָך שוין אויך יענער מדרש וואָס זאָגט, אַז דער משיח וואָס זיצט ביי די טויערן פֿון רוים, איז פֿאַרבאַנדאַזשירט און

ליידט צוליב די ייִדישע צרות אין גלות, און ווען עס וועט קומען די צייט פֿון גאולה, ווען ייִדן וועלן אויסגעלייזט ווערן פֿון זייערעליידן, וועט אויך דער משיח באַפֿרייט ווערן פֿון זיינע ליידן.

אָדער די צווייטע אַגדה וואָס לויטעט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן די גויִים אים אַנטקעגנטראָגן מתנות, וועט דער משיח זיי נישט אָננעמען, נאָר ער וועט פֿון די גויִים פֿאַרלאַנגען זיי זאָלן אים ברענגען אַלס מתנה אַלע ייִדן וואָס געפֿינען זיך צווישן זיי...

דאָס איז אַ מוסטער פֿון אהבת־ישראל, וואָס דאַרף אונדז אַלעמען אינספּירירן.

דעריבער האָבן אונדזערע חכמים פּראָקלאַמירט תעניתים, פֿאַסט־טעג, צו איידלען אונדזערע נשמות, צו פֿאַרברידערן. תענית קומט טאַקע פֿון „ותענו את נפשותיכם" — איר זאָלט פּייניקן אייער נשמה, דאָס הייסט, זי אויסאיידלען, אויסוואָרצלען פֿון איר די אַלע אָנגעהויפּטע פּגמים, און זי לייטערן אַזוי לאַנג און אַזוי ווייט, ביז זי וועט באַקומען די ייִדישע אייגנשאַפֿט פֿון זיין „כחול־הים" — פֿון די זאַמד־קערנדלעך וואָס מוזן זיך האַלטן אייניק, כדי צו דערהאַלטן זייער עקסיסטענץ.

דעריבער האָבן שוין אונדזערע נביאים פֿאַרזאָגט ביי אונדזערע תעניתים: „קרעו לבבכם ואל בגדיכם", צערייסט אייערע הערצער און נישט אייערע קליידער...

פּייניקן און איידלען די נשמה, צערייסן דאָס האַרץ און אַרויסרייסן דערפֿון ברידער־שנאה, זענען די בעסטע מיטלען צו דערגרייכן די אויפֿריכטונג פֿון אונדזער אומה.

מיר האָבן אַמאָל, אין שייכות דערמיט, געזען אין אַ ספֿר פֿאָלגענדיקן טייערן געדאַנק:

ווען משה רבנו איז אַרויס צו זיינע ברידער און זיך איינגעקוקט אין זייער שפּלדיקן מצב, און ער האָט נאָכגעדענקט פֿאַר וואָס קומט די ייִדן אַזאַ שטראָף, צו געפֿינען זיך אין גלות און ליידן אַזוי פֿיל פּיין, איז „וירא איש מצרי מכה איש עברי" — האָט ער געזען אַ מצרי וואָס שלאָגט אַ ייִדן וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון דער ייִדישער עדה, און עס האָט זיך נישט געפֿונען קיין ייִד וואָס זאָל וועלן ראַטעווען דעם געשלאָגענעם ברודער פֿון דער מצרישער האַנט.

האָט משה רבנו געוואָלט מלמד־זכות זיין אויף יידן, אַז זיי זענען פון דער נאַטור נישט קריגעריש און זענען שטילע מענטשן, דעריבער מישן זיי זיך נישט אַריין אין קיין שום קריג.

אָבער: „ויצא ביום השני וירא והנה שני אנשים עברים נצים״ — ווען ער איז אַרויס אויפן צווייטן טאָג, האָט ער דערזען ווי צוויי יידן קריגן זיך צווישן זיך. דאָס הייסט, אַז צווישן זיך האָבן זיי שוין גוט געוווסט ווי צו קריגן און שלאָגן זיך, נאָר בלויז ווען עס האָט זיך געהאַנדלט צו ראַטעווען אַ יידן פון דעם גויס האַנט, ווערן זיי פלוצעם שטילע מענטשן און שטייען פון דער וויטנס.

האָט דאַן משה אויסגערופן: „אכן נודע הדבר״ — איצט איז מיר שוין קלאָר פאַר וואָס זיי זענען אין גלות...

תשעה באָב איז דעריבער דער טאָג פון יידישן טרויער, וואָס איידלט דעם יידנס נשמה, וואָס קריצן איין אין אונדז דעם געדאַנק פון ארץ ישראל, וואָס וואָרצלען אויס יידישע שנאת־אַחים און פלאַנצן־איין יידישן אהבת־ישראל, ברידערלעכקייט און פאָלקס־אייניקייט, אַ דאַנק וועלכן מיר קענען האָפן נאָך אויפריכטונג און נחמה.

„ביום שנחרב בית־המקדש נולד הגואל״ — אינעם טאָג ווען עס איז חרוב געוואָרן דער בית־המקדש — זאָגט אונדז דער מדרש — איז אויך געבוירן געוואָרן דער גואל, דער אויסלייזער.

דער שווערער טרויער פירט סוף־כל־סוף צום „נחמו נחמו עמי״ — „טרייסט, טרייסט, מיין פאָלק״ און „כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה״ — „דער וואָס טרויערט אויף ירושלים, איז זוכה צו זען איר פרייד״.

די ייִדישע מדינה און דאָס ייִד. פאָלק

מדינת ישראל — אונדזער תיקון

אין מדינת־ישראל האָט אונדזער פֿאָלק באַקומען זיין תיקון, סיי פּאָליטיש, סיי גייסטיק, סיי געאָגראַפֿיש, סיי קולטורעל. מיט איין וואָרט: זיין פֿולן תיקון אין אַלע הינזיכטן.

דאָ איז דער ריכטיקער שמעלץ־טאָפּ פֿון דער ייִדישער שעפֿערישקייט פֿון אַלע צייטן, פֿון אַלע עדות, פֿון אַלע תּפֿוצות. דאָ קומט צום אויסדרוק דער שלימותדיקער מיזוג, דאָס הייסט, צונויפֿגוס פֿון צייט און רוים, פֿון ייִדישער געשיכטע און פֿון ייִדישער געאָרגראַפֿיע.

אייגנטלעך האָט דאָך געדאַרפֿט באַקומען איר תיקון די פֿאַבלהאַפֿטע ייִדישע גייסטיקע רייכקייט און אומצאָליקע שעפֿערישקייט אויף אַלע געביטן, אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, וואָס איז צעשפּרייט און צעפּיצלט געוואָרן אויף מילימאַסן טיילעכלעך איבער דער וועלט און איבער די לאַנגע יאָרהונדערטער.

אין קעגנטייל, וואָלט דאָך פֿאַרלוירן געגאַנגען דער רעזערוואַר פֿון אַזוי פֿיל פֿאַרוועגדטער ענערגיע פֿון דער שעפֿערישער ייִדישער אומה, סיי ווי אַ קאָלעקטיוו, סיי ווי יחידים, סיי ווי פֿאַרשיידענע עדות.

ווייל, וווּ טרעפֿט מען דען נישט די ייִדן במשך פֿון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע און אין דער גאַנצער וועלט־געאָגראַפֿיע, אויף אַלע לעבנס־געביטן?

צי איז דאָס אויפֿן גייסטיקן געביט, אַלס שעפֿער פֿון די גרויסע רעליגיעס, אַלס שרייבערס מיט וועלט־נעמען, צי אין דער פּאָליטיק, אין דער וויסנשאַפֿט, אין דער טעכניק, אין דער מעדיצין, אין דער קונסט, און וווּ נישט?

צי דאָס זענען גאַנצע ייִדן, האַלבע ייִדן, אַסימילירטע ייִדן, געשמדטע

ייִדן, אָדער גאָר אַפּשטאַמיקע פֿון ייִדן, אַזוי אין אַלטערטום ווי אין אונ־זזער צייט.

ווער זענען עס, למשל, די גרונטלייגערס אין אונדזער צייט פֿון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, אויב נישט דער געשמדטער ייִד קאַרל מאַרקס. און משה העס ווערט דאָך באַטראַכט ווי דער פֿאָטער פֿון מאָדערנעם סאָ־ציאַליזם. און צווישן די נעמען פֿון די וועלט־פֿאָרומס איז דאָך גענוג צו דערמאָנען אַ ד׳איזראַעלי, אַ מענדעס־פֿראַנס, אַ מאָרגענטוי. און אין דער פֿינאַנץ־וועלט וועלן מיר אָנרופֿן די ראָטשילדס, מאָנטעפֿיאָרע. און אין דער היינטצייטיקער מעדיצין וועלן מיר בלויז דערמאָנען אַ ד״ר יונה סאָלק, אַ ד״ר וואַקסמאַן, ד״ר כיין. אין דער ליטעראַרישער וועלט איז דאָך גענוג צו דערמאָנען אַ היינריך היינע, אַ סטעפֿאַן צווייג, אַן עמיל לודוויג. אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט — אַלבערט איינשטיין, אָפּענהיימער, ווייצ־מאַן. אין דער פֿילאָסאָפֿיע — רמב״ם, שפּינאָזאַ, בערגסאָן. אין דער מוזיק־וועלט — אַזעלכע ווירטואָזן ווי יאַשאַ חפֿץ, יהודה מינוחין, רובינשטיין. און ווו נישט?

אין דער קינאָ־וועלט אין האָליוווד זענען די מערסטע פֿילם־דרייער און די גרעסטע אַקטיאָרן ייִדן. אין דער בוי־וועלט האָבן דאָך שוין אַמאָל אַפֿילו די ייִדישע שקלאַפֿן אין מצרים אויפֿגעבויט די פּיראַמידן, וואָס ווערן באַטראַכט צווישן די זיבן וועלט־ווונדער.

עס וואָלט דאָך אונדז פֿאַרנומען גאַנצע זייטן און בענדער און אַן אומ־ענדלעכע צאָל שפּאַלטן פֿון אַ צייטונג, בלויז אויסצורעכענען דעם ייִדישן צושטייער פֿאַר דער וועלט, פֿאַר דער מענטשהייט, בלויז די נעמען פֿון די פֿאַרשיידענע גרויסע יחידים, דעם ענדלאָזן ים פֿון ייִדישן אונטערנעמונגס־גייסט און שעפֿערישקייט, סיי ווי ייִדן, סיי ווי אָנגעהעריקע צו זייערע רעס־פּעקטיווע לענדער.

אָבער ווי שוין געזאָגט, קיין תּיקון האָט דאָס אַלץ נישט געהאָט. די דאָזיקע גוואַלטיקע גרויסע ענערגיע איז צעשפּרייט, צעפּיצלט, צעברעקלט געוואָרן אין די פֿאַרשיידענע צייטן און לענדער.

און מיר טראַכטן, אַז ווען דאָס אַלץ וואָלט געשאַפֿן געוואָרן אויף איין פּלאַץ, און פֿאַר אונדז, אויף איין אָרט, און וואָלטן די אַלע זשעניס קאָנ־צענטרירט זייערע געבענטשטע טאַלאַנטן און זייער שעפֿערישקייט אויף דעם

דאָזיקן איינעם אָרט, וואָלט אַרויסגעקומען עפּעס אַזאַ גרויסער וועלט־וווּנ־דער, וואָס איז איינפאַך אוממעגלעך עס צו באַגרייפן מיט דער פּשוטער מענטשלעכער פאַנטאַזיע.

עס איז גענוג צו פּרווון סומירן די אַלע אויסגערעכנטע ייִדישע מאָמענטן און אויפטוען אין דער וועלט־געשיכטע, כדי עס זאָל זיך באַקומען אַזאַ מין פאַרכאַפּנדיק גראַנדיעז בילד, וואָס זאָל אַריבערשטייגן אַלע אונדזערע ניכטערע סטאַטיסטיקס און פאָרויסרעכענונגען.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין ברייטע וועלט־טערמינען.

איצט, אַז מיר וועלן בלויז צונויפנעמען די ייִדישע שטרעמונגען, די ייִדישע באַוועגונגען, די ייִדישע ריכטונגען, אויף דער גאַנצער וועלט, אין אונדזער געשיכטע, אַפילו בלויז די פון די לעצטע יאָרהונדערטער, די שטי־קער לעבנס־שעפערישקייט אויף אַלע ייִדישע געביטן, די פאַרשיידענע לי־טעראַרישע שאַפונגען און ניואַנסן, באַקומט זיך אויך אַ פאַנטאַסטיש בילד וואָס מוז ערגעץ באַקומען אַ תיקון, און וואָס בלויז אין דער ייִדישער מדינה ווערט דאָס איבערגעשמאָלצן, סינטעטיזירט, דורכגעזיפּט, און דאָרט באַקומט זיך דערפון אַ ייִדישער קווינטעסענץ־לעבנס־אַרט און שטייגער, אַ כעמישער סינטעז פון אַלע ייִדישע צייטן און תּפוצות.

די מדינה איז דעריבער אַזוי ווי אַ ריזיקער אָקעאַן, אין וועלכן עס שטראָמען אַריין און ווערן דאָרט אויפגעלייזט אַלע ייִדישע קולטור־טייכן און קוואַלן, אין זייערע פאַרשיידענע שטראָמען און ניואַנסן און באַקומען דאָרטן זייער איינהייטלעכן ייִדישן פּורעם.

און דאָס איז דער גרעסטער נס און וווּנדער אין אונדזער געשיכטע.

אָט למשל: האָבן ייִדן געקעמפט פאַר סאָציאַליזם, קענט איר דאָס גע־פינען אין עכט דעמאָקראַטישן סאָציאַליסטישן איינשטעל אין די ייִדישע קיבוצים.

האָבן געוויסע באַוועגונגען געקעמפט פאַר העברעיִזם, קען מען אין אונדזער מדינה זען דעם גרויסאַרטיקן און אייניציקאַרטיקן וווּנדער־נס, ווי אַן אַלטע טויזנטיאָריקע שפּראַך האָט אויפגעלעבט און באַקומען פליגלען אין די מיילער פון די ישראלים.

האָט אַן אַנדער באַוועגונג געקעמפט פאַר קולטור־ציוניזם, איז ווי נאָך איז פאַראַן אַזאַ מין עם־הספר ווי אין ישראל, און ווו נאָך לערנט מען אַזוי

פֿיל תנ״ך, תלמוד און יִדישקייט, ווי אין ישראל? — ווו נאָך גיט מען אַרויס פּראָפּאָרציאָנעל אַזוי פֿיל ביכער און ספֿרים ווי אין ישראל, ווו עס איז פֿאַראַן דאָס העכסט געבילדעט פֿאָלק אויף דער וועלט?

איז געווען אַמאָל אַ באַוועגונג וואָס האָט געהאַלטן פֿון חסידיזם, איז ווו נאָך איז פֿאַראַן אַזאַ חסידישע התלהבות, אַפֿילו ביי די חלוצים און דער גאַנצער יוגנט, וואָס זינגט און טאַנצט מיט חסידישן אייפֿער און האָט פֿאַרוואַנדלט איר גאַנץ לעבן אין איין חסידישן ברען?

רעדט מען פֿון אַרכיטעקטאָניק, איז ווו זעט מען אַזעלכע פּראַכטפֿולע אַרכיטעקטאָנישע ליניעס, ווו אַלט און ניי ווערן אַריינגעגאָסן אייגנצייטיק אין דעם בוי?

אַזוי, אַז אַלע „איזמען״ ווערן אין דער יִדישער מדינה אויפֿגעלייזט און באַקומען דאָרטן נייע, לעבעדיקע, פּראַקטישע פֿאָרמען.

עס באַקומען דאָ דעם אמתן תיקון סיי הערצלס פּאָליטישער ציוניזם, סיי ווייצמאַנס פּראַקטישער ציוניזם, סיי אַחד־העמס גייסטיקער ציוניזם, סיי טרומפּעלדאָרס חלוציזם, סיי א. ד. גאָרדאָנס אַרבעטס־רעליגיע.

ווען דעם מן וואָס די יִדן האָבן פֿערציק יאָר געגעסן אין דעם מדבר — ווערט דערציילט — אַז ער האָט געהאַט אַלע טעמים וואָס דער עסער האָט געוואָלט אין אים פֿילן. האָט איינער געוואָלט עסן פֿלייש, האָט עס באַקומען דעם טעם פֿון אמתן פֿלייש. האָט איינער געוואָלט עסן אַן אַנדער מאַכל, האָט עס באַקומען גלייך דעם טעם פֿון דעם דאָזיקן מאַכל.

אַזוי איז אויך ישראל: דאָ באַקומט יעדער יִד דאָס וואָס איז צו זיין גייסטיקן, סאָציאַלן און פֿיזישן טעם און גוסט.

עס איז דער אמתער „כל ישראל יש להם חלק״ אין דער יִדישער מדינה, אין אַלע הינזיכטן און אויף אַלע לעבנס־געביטן.

אַלץ באַקומט אַלזאָ דאָ זיין תיקון.

אַפֿילו יִדישע גבורה. — וויפֿל טייכן בלוט האָבן יִדן אָוועקגעגעבן פֿאַרן פֿאַרטיידיקן דעם יִדישן כבוד, פֿאַר קידוש־השם, אָבער קיין פּאָקטישן תיקון האָט דאָס אויפֿן פּלאַץ פֿון זייער העלדנטאַט נישט געהאַט. חוצן גרויסן דעם יִדישן נאָמען, חוצן הייליקן דעם יִדישן כבוד איז אַלץ נאָך דעם פֿאַרלוירן געגאַנגען, צערונען געוואָרן.

אָט למשל: נאָכן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז די געטאָ

אַוועק אין רויך און פֿלאַמען, און מיט איר איז אויך אַוועק מיטן רויך דאָס טויזנטיאָריק ייִדיש איינגעפֿונדעוועט לעבן אין פּוילן.

נאָך דעם שפּאַנישן גירוש, ווען ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן אַ גוואַלטיקן מוט, און נישט געלאָזט זיך גייסטיק בייגן, איז אָבער שפּאַניע געוואָרן אַ פֿאַרשאָלטענע ערד פֿאַר ייִדן. אַזוי אויך דייטשלאַנד, אַזוי צענדליקער לענדער אויף דער וועלט במשך אונדזער לאַנגער געשיכטע.

אין ישׂראל אָבער האָט אַפֿילו די ייִדישע גבֿורה געפֿונען אַ תּיקון.

דאָס אויסקעמפֿן די ייִדישע מדינה איז אונטערגעטראָגן געוואָרן נישט אויף אַ „זילבערנער טאַץ" — ווי ווייצמאַן האָט דאָס פֿאָרמולירט — נאָר אויפֿן מזבח פֿון טייערע קרבנות פֿון אירע בעסטע זין און טעכטער, אָבער דאָס לאַנד איז געבליבן פֿאַר ייִדן. זייער קרבן האָט געהאַט אַ זין און אַ תּיקון.

די אַנדערע ערד־טיילן וואָס זענען אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט ייִדיש בלוט, די ערד פֿון שפּאַניע, פּוילן, דייטשלאַנד א״אַ, זענען אויף אייביק פֿאַרשאָלטן געוואָרן פֿאַר ייִדן, ווו מיר קענען מער נישט בויען אויף די קבֿרים פֿון אונדזערע אויסגעשחטענע ברידער און שוועסטער. אָבער אויף דער ישׂראל־ערד האָט אויפֿגעשפּראָצט אַ נײַ ליכטיק ייִדיש לעבן.

ווי האָט דאָס טרעפֿלעך געשריבן דער גרויסער ייִדישער געלערנטער ד״ר יוסף קלויזנער ע״ה וועגן דורכפֿאַל פֿונעם בר־כּוכבא־אויפֿשטאַנד: די בר־כּוכבא־העלדן זענען געפֿאַלן, אָבער זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ בלוט־טראָפּן וואָס בליט־אויף און לעבט־אויף אין פֿאַרשיידענע העלדישע תּקופֿות און דער דאָזיקער בלוט־טראָפּן באַקומט זיין תּיקון אין אונדזער לאַנד.

דאָ, אין ישׂראל, האָט אונדזער פֿאָלק באַקומען אַן אמתן באָדן אונטער זיינע פֿיס, ווו די קערנדלעך פֿון ייִדישן גייסט, פֿון ייִדישער שעפֿערישקייט און ייִדישער גבֿורה, קענען געדייען און ווידערוואַקסן, — און אַ הימל איבערן קאָפּ, צו וועלכן זיי זאָלן זיך קענען הייבן און שטרעקן.

הערצל האָט געזאָגט, אַז קיין ישׂראל וועלן צום ערשט פֿאָרן די אָרעמע און די פֿאַרצווייפֿלטע, די וואָס האָבן אין גלות גאָרנישט צו פֿאַרלירן. נאָך דעם וועט קומען אַהינצו דער מיטלשטאַנד, און לסוף, ווען עס וועט שוין זיין אַלץ איינגעאָרדנט, און מען וועט אַפֿילו קענען מאַכן גוטע געשעפֿטן און אינוועסטיציעס, וועלן ערשט קומען די רייכע.

צו אונדזער גליק האָבן מיר געזען דאָס פֿאַרקערטע: מיר האָבן געזען אַז עס זענען עולה־געווען אַלס חלוצים רייכע זין און טעכטער, פֿון אונדזערע מקומות, וואָס האָבן דאָ געגאָסן פֿון אַלע מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן און געניסן, און וואָס האָבן דאָס אַלץ יאָ איבערגעלאָזט און פֿאַרלוירן, בכדי צו באַקומען זייער לעבנס־תיקון אַלס די פּיאָנערן, בויערס און קעמפֿערס פֿון אונדזער מדינה.

און בעת ביי די אַנדערע פֿעלקער איז נאָכאַנאַנד פֿאַראַן אַ זאָרג: ווי דערהייבט מען אינטעלעקטועל דעם פּויערים־ און אַרבעטער־שטאַנד, ווי הייבט מען זייער בילדונג־ און גייסט־ניוואָ, און נישט איין אַרבעטער חלומט זיך אַ מאָל אַרויסצורייסן פֿון זיין שטאַנד און ווערן אַ פּראָפֿעסיאָנאַל, אַן אינטעלעקטואַל, האָבן מיר אין דער יידישער מדינה געזען אַן איינציקאַרטיקע, מוסטערהאַפֿטע און ביישפּילפֿולע פֿאַרקערטע דערשיינונג: ווי אוניווערסיטעט פּראָפֿעסאָרן, פּראָפֿעסיאָנאַלן, אינטעלעקטואַלן, זענען גאָר אייגנוויליק געגאַנגען אין די קיבוצים, פֿאַרלאָזט זייער שטאַנד און פּאָזיציע, כדי צו טריקענען זומפּן, אַקערן פֿעלדער, בויען מיט זייער שווייס און בלוט דאָס הייליק לאַנד, און דערין געפֿינען זייער לעבנס־תיקון.

און דערביי מוזן מיר שוין זאָגן, אַז מדינת־ישראל פֿאַרמאָגט אַ סך טייערע זאַכן, אָבער דאָס טייערסטע וואָס עס פֿאַרמאָגט איז עס דעם ישוב, דעם עפּאָפּייפֿולן דור וואָס שרייבט זיך אַריין אין אונדזער געשיכטע מיט די ליכטיקסטע און גילדנסטע אותיות.

מדינת־ישראל איז, אַלזאָ, דער אויסגאַנג־פּונקט פֿון אַלע אונדזערע פֿאָלקס־אַספּיראַציעס, הן אַלס יידישער קאָלעקטיוו און סיי אַלס יחידים, ביי אונדז ווי ביי אַנדערע פֿעלקער, דער ים אין וועלכן עס שטראָמען אַריין אַלע יידישע גייסט־שטראָמען, דער שמעלץ־טאָפּ פֿון אַלע יידישע גלותן, עדות און לעבנס־שטייגערס, דער סינטעז פֿון דער יידישער שעפֿערישקייט פֿון אַלע צייטן און אַלע לענדער, דאָרטן ווו יעדער ייד קען זיך געפֿינען, זיינע נייגונגען, זיינע ריכטונגען, זיינע שטרעמונגען, זיינע גוסטן, זיין טעם, ווו יעדער ייד האָט זיין חלק, ווו יעדער ייד האָט אַ באָדן אונטער זיינע פֿיס און אַ הימל איבער זיין קאָפּ.

מדינת־ישראל איז, פֿאָלגלעך, אונדזער תיקון.

אונדזער מדינה

„השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני־אָדם״ — דער הימל איז פֿאַר ג־ט און די ערד האָט ער געגעבן צו מענטשן, צו די בני־אָדם. — איז וועך הייסט אַ בן־אָדם, אַ מענטש? — פֿרעגט ר׳ אליעזר.

— דער וואָס האָט ערד.

פּאַראַפֿראַזירנדיק, קען מען זאָגן, אַז אַזוי איז אויך מיט אַ גאַנץ פֿאָלק: דאָס האָבן אייגענע ערד, אַן אייגן לאַנד, האָט אונדז סוף־כּל־סוף געמאַכט פֿאַר „מענטשן״ אין די אויגן פֿון דער וועלט.

און הרב צבי־הירש קאַלישער האָט דאָך שוין אַמאָל געזאָגט:

ג־ט האָט געזאָגט צו אַברהם: „והיה זרעך כעפר הארץ״: דאָס ייִדישע פֿאָלק איז געגליכן צו ערד. פֿון דער ערד האָט מען אַממערסטן נוצן, און דאָך טרעט מען אויף איר...

פֿריִער, פֿאַרן האָבן אַן אייגענע מדינה, זענען מיר טאַקע געווען כעפרא דארעא, ווי ערד־שטויב, וואָס יעדער איינער האָט אונדז געטראָטן. מיטן באַקומען אַ ייִדישע מדינה, זענען מיר אויך געוואָרן בני־אָדם, מענטשן. אונדזער חשיבות האָט זיך זייער אַ סך געהויבן ביי אַנדערע, און דער עיקר — ביי אונדז אַליין.

אייגנטלעך האָבן מיר אַלס מדינה, אין אַלע הינזיכטן, איבערהויפּט פּאָליטישע און מלוכהשע, דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן אַ גוואַלטיקע איבערוואַנדלונג און געשיכטלעכן קפֿיצת־הדרך.

אין פּאָליטיש־שטאַטלעכן זין האָבן מיר זיך אַליין נישט געריכט, אַז מיר וועלן נישט נאָר נישט אָפּשטיין פֿון אַנדערע פֿעלקער, מיט אַ טראַדיציע פֿון הונדערטער יאָרן אומאיבערגעריסענעם מלכות, נאָר מיר זענען נאָך, אין אַ סך הינזיכטן, פֿאַרגעשריטענער פֿון אַנדערע, און במשך די

זיבעצן יאָר פֿון עצמאות זענען מיר אַפֿילו אויף אַ סך געביטן געוואָרן אַ מוסטער און אַ לערער פֿאַר אַ סך נייע אָדער אומאַנטוויקלטע לענדער.

און ווי האָט באמת זיך געקאָנט אַמאָל פֿאַרשטעלן דער ייִד, אַז אין אַזאַ קורצער צייט זאָלן מיר פֿאַראייגענען די חכמה פֿון מלוכהשאַפֿט און די תורה פֿון שטאַטלעכקייט.

דאָס האָט אַפֿילו דער קרעמער וואָס „זיצט זיך אין קרעמל״, פֿונעם פֿאָלקסליד, זיך נישט געקענט פֿאַרשטעלן די ייִדישע מלוכה.

מיר האָבן אַלץ שפּעקולירט ווי אַזוי אונדזער מלוכה וועט אויסזען. עס איז געווען אומגלויבלעך פֿאַר אונדז, אין גלות, צו באַנעמען, אַפֿילו אין חלום און אין דער וויזיע, אַז אַלץ, אַלע מלוכהשע פֿונקציעס וועלן אייג־שטיין אין ייִדישע הענט, אַז אַלע פֿונקציאָנאַרן, ווי די פּאָליציי, אַרמיי, אינטענדענטן, מיניסטאָרן אאַז״וו. וועלן זיין אַלע ייִדן, בלויז ייִדן, ווי עס האָט געפֿרעגט דאָס ייִנגעלע אין חדר וועגן דער שטאָט־אָרדענונג אין תל־אָביב:

— און דער „שבת־גוי״ איז אויך אַ ייִד?...

אין דעם אומגלויבן אַז אַלץ זאָל געפֿירט ווערן דורך ייִדישע הענט און אין ייִדישן גייסט, האָבן דאָך לצים אַמאָל פֿאַרגעשלאָגן, אַז אויב עס וועלן אַ מאָל אויספֿעלן עופֿות אין תל־אָביב, ערב־יום־כיפּור אויף צו שלאָגן כפּרות, זאָל מען צובינדן אַן עוף צו אַן עראָפּלאַן, און דער דאָזיקער עראָ־פּלאַן זאָל זיך דרייען איבער גאַנץ תל־אָביב מיטן עוף, און אַלע ייִדן זאָלן דערביי זאָגן: „זאת חליפֿתנו, זאת תמורתנו״, און שלאָגן מיט אים „כפּרות״...

אָבער, גליקלעכערווייזע, האָבן זיך אונדזערע מלוכה־פּראָבלעמען אַזוי שנעל איינגעאָרדנט, נישט נאָר דאָס שלאָגן „כפּרות״, נאָר אַלע עפֿנטלעכע, אינערלעכע ווי אינטערנאַציאָנאַלע צווישנבאַציִונגען, שטייען אויף אַ מוס־טערהאַפֿטער הייך, וואָס דערוועקט אַכטונג און רעספּעקט.

פֿאַרשטענדלעך, דאָס איז גאָרנישט לייכט אָנגעקומען.

דער מדרש זאָגט, אַז דריי זאַכן זענען די ייִדן געגעבן געוואָרן מיט יסורים: די תורה, ארץ־ישראל און עולם הבא.

בנוגע ארץ־ישראל, איז דאָס ריכטיק אויף הונדערט פּראָצענט.

זאָגט שוין אויך ר׳ יהודה הלוי אין זיין ספֿר „הכוזרי״, אַז אַזוי ווי דאָס

הארץ ליידט מער פון אלע אנדערע איברים פונעם מענטשן, אזוי איז אויך מיט ארץ־ישראל, וואס איז דאס הארץ פון דעם יידישן פאלק.

און ריכטיק האט דאס ד״ר חיים וויצמאן פארמולירט: קיין לאנד ווערט נישט אונטערגעטראגן אויף א זילבערנער טאץ, פון וואס דער פאעט נ. אלטערמאן האט אויסגעפירט אין זיין פאעמע „די זילבערנע טאץ״, אז אונדזער לאנד איז יא אונטערגעטראגן געווארן אויף א זילבערנער טאץ, און די דאזיקע טאץ איז די טייערע יידישע יוגנט, וואס האט געאפפערט איר לעבן, איר בלוט, און אונטערגעטראגן אונדזער אומה די יידישע מדינה.

און דערציילט ה. לייוויק אין זיינס א שריפט ווי אין א ליד אונטערן נאמען „צוויי זילבערנע בעכער״, וועגן א יידישער מוטער פון ישראל, וואס האט פארלוירן אירע צוויי איינציקע זין אין דער באפרייונגס־מלחמה, און וואס האט אויסגעקריצט זייערע נעמען אויף צוויי זילבערנע בעכער, אין וועלכע זי מאכט קידוש יעדן יידישן יום־טוב...

אדער יענער טאטע וואס האט פארלוירן זיין זון אין דעם באפרייונגס־קאמף פאר דער מדינה, און וואס שרייבט־אן א טרייסט־בריוו ... דעם פרעמיער בן־גוריון פארן פארלירן א געטרייען סאלדאט, דאס הייסט, זיין זון, פון דער יידישער ארמיי...

פארשטייט זיך, אז אזא מדינה, וואס איז אויסגעקעמפט געווארן מיט אזוי פילביישפילפולן און אומפארגלייכלעכן מסירת־נפש פון אירע זין און טעכטער, פון איר טרייער אפפערווויליקער יוגנט, ווי אויך פון די איבערגעגעבענע עלטערן, וואס האבן אונטערגעטראגן דאס הייליק לאנד אויף דער „זילבערנער טאץ״ פון דער יידישער קרבנות־גרייטקייט, מוז זיין א מוסטער־שטאט פאר אונדז ווי פאר דער וועלט.

דעריבער קענען מיר געפינען אין דער שפיץ פון דער מלוכה, נישט בלויז פראפעסיאנעלע פאליטיקערס, נאר גרויסע גייסט־מענטשן, דענקענ־דיקע קעפ, פארשערס און געלערנטע, ווי דאס זענען עס געווען די פרעזי־דענטן פון ישראל, וויצמאן, בן־צבי, און יבדל לחיים, שז״ר, ווי דער פרעמיער בן־גוריון, ווי אויך דער גאנצער יידישער ישוב, וואס איז אן אינטעליגענטער שיכט פון לערנענדיקע און דענקענדיקע מענטשן, מיט דורשט נאך וויסן, מיט אינטערעס פאר די גייסטיקע ווערטן און שאפונגען אויף די פארשיידנסטע געביטן, ווי ליטעראטור, קונסט, מוזיק אאז״וו.

און עס דערמאָנט זיך שוין דערביי אַ וווּנדערבאַרער טייטש פֿון אַ גוטן ייִדן:

די מרגלים — האָט ער געזאָגט — ווען זיי זענען צוריקגעקומען פֿון אויסשפּירן דאָס לאַנד כנען, האָבן זיי פֿאַר משהן און די בני־ישראל איבער־געגעבן אַז דאָס לאַנד איז אַן: „ארץ אוכלת יושביה״ — אַ לאַנד וואָס עסט־אויף אירע זיצערס (יושביה — זיצערס, דאָס הייסט, באַווינערס).

און — האָט דער רבי אויסגעפֿירט — דאָס איז גאָרנישט געווען קיין רכילות אויף ארץ־ישראל, נאָר אַ פֿולשטענדיקער אמת, ווייל:

אין ארץ־ישראל באַדאַרף אַ ייִד זיין אַ „הולך״, אַ גייער, דאָס הייסט, ער דאַרף שטענדיק גיין, שטייגן פֿון מדרגה צו מדרגה, ווייל אויב נישט, אין קעגנטייל, עסט דאָס לאַנד אויף אירע „יושביה״, אירע זיצערס, דאָס הייסט, די וואָס בלייבן זיצן אויף איין מדרגה, און גייען נישט ווייטער...

דעריבער איז ישראל אַ שטענדיק שטייגנדיק לאַנד פֿון „הולכים״, פֿון „גייערס״, וואָס גייען פֿון מדרגה צו מדרגה, וואָס שטייגט און דערגייט צו אַ מוסטער־שטאָט אויף אַלע געביטן און אין אַלע הינזיכטן.

און אין דעם זין דאַרף אויך די מדינה באַווירקן אַלע תפֿוצות־ישראל, און אַריינהויכן דעם „הולך״־גייסט אין אַלע ייִדישע ישובים פֿון דער וועלט.

נישט אומזיסט נוצט מען דאָך דעם טערמין „עולה־זיין״, דאָס הייסט, אַרויפֿגיין, שטייגן, נישט נאָר געאָגראַפֿיש, נאָר טאַקע גייסטיק.

דאַרפֿן מיר זען, אַז אויך דער גלות זאָל דערציִען אונדזער נייעם דור צו עליה אין אַלע הינזיכטן, איבערהויפּט אינעם גייסטיק־קולטורעלן זין, צו זיין דאָס הינטערלאַנד פֿון ישראל, און צו שטייגן אויף אונדזערע אָרט־שאַפֿטן פֿון מדרגה צו מדרגה.

דערצו דאַרף ישראל ווערן דער צענטער פֿון ייִדישן גייסט, פֿון דער ייִדישער אמונה, פֿון דער ייִדישער קולטור. מיט איין וואָרט: דער צענטער פֿון ייִדישקייט און דער מוסטער וואָס באַווירקט און שטראַלט־אויס איר ליכט אין אַלע צעשפּרייטקייטן פֿון אונדזער פֿאָלק איבער דער גאָרער וועלט.

מדינת־ישראל דאַרף אַזוי אויך ווערן דער צענטער פֿון אהבת־ישראל, וואָס זאָל אַרומנעמען מיט ליבשאַפֿט און אַכטונג אַלע ייִדן פֿון דער וועלט, ווי אויך אַלע ייִדישע ווערטן און שאַפֿונגען פֿון אַלע צייטן און פֿון אַלע

אָרטשאַפטן פון דער ייִדישער וועלט־מאַפּע אין משך פון אונדזער גאַנצער געשיכטע.

אַמאָל פלעגן ייִדן פאָרן קיין ישראל צו קענען כאָטש דאָרט שטאַרבן. היינט פאָרן אַהינצו ייִדן פון אַלע עקן וועלט, צו קענען דאָרט לעבן.

און די מדינה האָט אויך אַריינגעבראַכט לעבן אין אונדזער גאַנצן זיין אויפן ערד־קוגל. זי דאַרף באַלעבן די תפוצות, באַקומען פון דאָרט עולים, און פון איר זייט שטיצן און העלפן די תפוצות מיטן עליה־גייסט און מיט איר באַווירקנדיקער ברכה פון איר מוסטערהאַפטיקייט, שעפערישקייט און אויפטועך.

אויך די תפוצות־ישראל מוז זי פאַרוואַנדלען אין לענדער וואָס „עסן־אויף די וואָס בלייבן זיצן״, און זיי פאַרוואַנדלען אין „הולכים״, גייערס, אַרויסראַטעווען וואָס מער ייִדן פון די אַסימילאַציע־כוואַליעס, וואָס פאַר־שווענקען און פאַרפלייצן די ייִדישע עקסיסטענץ.

אויב אין ארץ־ישראל — האָט אַמאָל אַ גדול געזאָגט — גייען ייִדן אַ מאָל אַוועק פון ייִדישקייט, איז עס דערפון דער גורם דער „זמן״, די צייט. אָבער אויב אין גלות קערן זיך ייִדן אָפּ פון ייִדישקייט־וועג, איז עס דערפון דער גורם דער „מקום״, דאָס פּלאַץ.

דאַרפן מיר האָפן, אַז אין דער ייִדישער מדינה, וועט סיי דער זמן, די צייט, זיין דער גורם פון בלייַענדיקער ייִדישקייט, און סיי זי וועט באַ־ווירקן דעם גלות, אַז דער מקום, די ייִדישע וווינערטער פון דער וועלט, זאָל אויך גורם זיין דאָס אויפבלייַען פון ייִדנטום און ייִדישקייט.

אין דעם זין, איז אונדזער טייערע מדינה מסוגל צו שפּילן אַ גרויסע, אָבער גאָר גרויסע ראָל אינעם ייִדישן לעבן פון איבער גאָר דער וועלט.

כמנין „טוב״

ווען עס איז אויפֿגעקומען די חלוצישע „בילו״־באַוועגונג, אין די אַכציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וואָס האָט גערופֿן די ייִדישע יוגנט עולה צו זיין קיין ישׂראל און דאָרט באַאַרבעטן דאָס לאַנד, האָט זי תּחילת זיך אַ נאָמען געגעבן „דאביו״, נאָך די ראשי־תּיבות פֿון אַ פּסוק אין דער תּורה (שמות): „דבר אל בני ישׂראל ויסעו״, דאָס הייסט, רעד צו די ייִדן, און זיי וועלן פֿאָרן (אַזוי האָט ג־ט געזאָגט צו משהן).

האָט מען פֿון זיי אָפּגעלאַכט:

— וואָס הייסט: רעד צו די ייִדן, און זיי וועלן פֿאָרן? — און איר?

האָבן זיי גענומען און געביטן דעם נאָמען פֿון דער באַוועגונג אויף „בילו״, דאָס הייסט, די ראשי־תּיבות פֿון אַ פּסוק פֿון ישעיה: „בית יעקב לכו ונלכה״, דאָס הייסט, „הויז פֿון יעקב, גייט און לאָמיר גיין!״.

און ערשט איצט איז דער דאָזיקער פּסוק ווי אָנגעמאָסטן. עס פֿאָרן קיין ישׂראל מאַסן ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט, און נישט בלויז די געטריי־בענע אָדער די געליטענע, נאָר דער גרויסער נאַציאָנאַלער ווונדער באַ־שטייט אין דעם, וואָס עס ציִען אַהינצו יענע וואָס זענען גאָרנישט געטריבן און געניט דאָס צו טאָן, נאָר דער אָנזאָג פֿון אַ ניי לעבן אין דער ייִדישער מדינה איז פֿאַר זיי זייער אידעאַל און שטויס־קראַפֿט.

ווען הערצל האָט אויסגעטרוימט דעם ייִדנשטאַט, האָט ער געשריבן אַז פֿריִער וועלן אַהינצו פֿאָרן די גאָר אָרעמע און פֿאַרצווייפֿלטע, די וואָס האָבן גאָרנישט צו פֿאַרלירן אין זייערע גלות־לענדער. נאָך דעם וועט קו־מען דער מיטלשטאַנד, און ערשט צום סוף ווען אַלץ וועט זיין איינגעאָרדנט, וועלן קומען די גבירים, ווען זיי וועלן זען אַז מען קען דאָרט אויך מאַכן אַ לעבן.

נאָר אין אונדזער צייט איז דווקא געשען דאָס פאַרקערטע. עס זענען געפאָרן אַהינצו דווקא אַזעלכע מענטשן, אַזעלכע יוגנטלעכע פון באַקוועמע זאַטע היימען, וואָס האָבן דאָס אַלץ איבערגעלאָזט, און זיי זענען אַוועק מיט זייער שוויס און בלוט באַאַרבעטן און פאַרטיידיקן דאָס יידישע לאַנד, און מיטגעווירקט עס זאָל ווערן דאָס וואָס עס איז איצט: אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט, מיט איר גייסט און קולטור, מיט איר אַרבעטזאַמקייט און קאַמף, מיט איר אויפבוי און צעבליִונג.

בשעת משה רבנו — האָט אַמאָל אַ יידישער מנהיג געשריבן — איז געקומען אַרויסנעמען די יידן פון מצרים, האָט ער פרעהן אָנגעגעבן דעם מאָטיוו, אַז די יידן ווילן גיין אין מדבר דינען זייער ג־ט, דאָס הייסט, אַ גייסטיקער מאָטיוו. און די יידן ווייטער האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט זיי פירן צו דעם פאַרשפּראָכענעם לאַנד, צום „ארץ זבת חלב ודבש״, צו אַ לאַנד וווּ עס רינט מילך מיט האָניק, דאָס הייסט: אַ מאַטעריעלער מאָטיוו.

פרעהן, דעם רייכן מלך פון מצרים, וויל ער איבערצייגן אַז די יידן דאַרפן פאַרלאָזן דעם גלות־מצרים צוליב רעליגיעזער גייסטיקער פרייהייט, און די יידן גופא וויל ער סטימולירן מיט מאַטעריעלע צוזאָגן.

אָבער היינט צו טאָג געשעט אַ פאַרקערטער פענאָמען:

יידן זענען מערסטנטייל, דאַנקען ג־ט, אין זייערע באַטרעפנדיקע גלות־לענדער אין אַ זייער גוטער מאַטעריעלער פּאָזיציע, און אויב זיי פאָרן קיין ישראל, לאָקט זיי נישט דער מאַטעריעלער מאָטיוו און ציל. ווייל וואָלט דאָס געווען די שטויסקראַפט צו מאַכן אַ בעסער מאַטעריעל לעבן אין ישראל, וואָלטן זיי ליבערשט געבליבן אין זייערע וווינלענדער. אָבער דאָס וואָס עס לאָקט זיי יאָ און וואָס סטימולירט זיי צו עליה צו דער יידישער מדינה, איז דווקא דער גייסטיקער מאָטיוו, די שטרעבונג אַז דאָרטן וועלן זיי גייסטיק און יידישלעך זיך בעסער אויסלעבן. דער „כי מציון תצא תורה״ ציט און לאָקט מער ווי דער מאַטעריעלער צוזאָג פון „ארץ זבת חלב ודבש״.

אַזוי, אַז די היינטיקע יוצאי־מצרים, די וואָס גייען אַוועק פונעם גלות, האָבן דווקא אַ פאַרקערטן ציל ווי די אַמאָליקע.

און דאָס איז דער גרעסטער פאַרדינסט פון דער יידישער מדינה, וואָס האָט דערגרייכט צו וועקן דעם אינטערעס פון די יידן, פון דער גאַנצער וועלט, אָנצושלאָגן וואַרעמע טענער דווקא אויף די נשמה־סטרונעס און אויף

די גייסטיקע בענקשאַפֿטן פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס טראָץ זיין קאַמף פֿאַר מאַטעריעלע פּאָזיציעס אין גלות, איז ער אין זיין תוך, אין זיין אינערלעך וועזן, דער עם־הספר, דאָס פֿאָלק פֿון גייסטיקע שטרעבונגען, וואָס טיילן אים אויס פֿון צווישן די פֿעלקער.

דער בעסטער באַווייז איז טאַקע מדינת־ישראל אַליין, ווו דער ייִדישער אַרבעטער איז דער באַוווסטזיניקסטער און אינטעליגענטסטער אויף דער גאַנצער וועלט, און ווו די אינטעליגענטן זענען... אַרבעטערס.

און די דאָזיקע באַנייטע און אויסגעחלומטע ייִדישע מדינה דערגרייכט איצט דעם מנין „טוב״, די צאָל פֿון זיבעצן.

אין דעם קאַלענדאַר פֿון דעם ניי־אויפֿגעקומענעם ייִדנשטאַט איז איצט זיבעצן יאָר, אָבער אויב מען וויל איז דאָס יאָרטויזנטער.

ווי זאָגט דאָס דער דיכטער מנחם באָריישאָ אין זיין פּאָעמע וועגן הערצלען:

— ווי קען מען יונג זיין, ביי אַ פֿאָלק וואָס איז שוין פֿיר טויזנט יאָר אַלט ? . . .

און אַזוי איז עס מיט דער מדינה. מיר האָבן געטראָגן דעם ציוניזם מיט זיך דורך גאַנצע יאָרהונדערטער, אַזוי אַז די היינטיקע מדינה איז בלויז אַ פֿאָרמעלער אַקט פֿון דעם ציוניסטישן אידעאַל, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעטאָן פֿון אונדז, נישט נאָר טעאָרעטיש, נאָר אויך פּראַקטיש.

אונדזערע תּפֿילות זענען דאָך שטענדיק, טאָג־טעגלעך, עטלעכע מאָל מאָל אין טאָג, געווענדט געוואָרן קיין ציון. אונדזערע מנהגים זענען שטענדיק געווען געבונדן מיט ציון. אויף אונדזערע שמחות האָבן מיר אַרויפֿגעבראַכט ציון.

אַפֿילו די שכינה, זאָגט אונדז די תּלמודישע אַגדה, איז מיט ייִדן מיטגעגאַנגען פֿון ציון אין גלות אַריין, און זי באַגלייט אויף טריט און שריט.

און אַפֿילו די שכינה, זאָגט אונדז די זעלבע אַגדה, האָט אָפּגעטאָן יעדן שמייכל און זיך באַקליידט מיט טרויער צוליבן חורבן פֿון ארץ־ישראל.

און ייִדן האָבן מיטגענומען ארץ־ישראל אויף אַלע זייערע וואַנדערוועגן. אומעטום האָט זיי דאָס ייִדישע לאַנד באַגלייט. ארץ־ישראל איז אַריין אין

יידישן געמיט, אין דער יידישער נשמה, און זיך קיין מאָל פון דאָרט נישט אָפּגעטאָן.

און זייער טרעפלעך האָט דאָס יענער רב פאַרטייטשט דעם זאָג פון דעם אייבערשטן צו אַברהם אָבינו, ביים ברית בן הבתרים: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם" — די יידן וועלן זיין גרים, פרעמדע, אין אַ לאַנד וואָס איז נישט זייערס.

דאָס איז אייגנטלעך אַ ברכה, וואָס אומעטום, אין וועלכן לאַנד אין גלות יידן זאָלן זיך נישט געפינען, פילן זיי זיך ווי פרעמדע, ווי גרים, נישט ווי אין אייגענעם לאַנד, ווייסן זיי אַז עס איז פאַרט גלות, מעג דאָס זיין דער בעסטער, שענסטער און באַקוועמסטער גלות, נאָר זיי ווייסן אַז עס איז פאַרט אַ פרעמד לאַנד, און זייער איניקסטע שטרעבונג איז זיך דאָך, ווען עס איז אויסלעבן ווי אייגענע, זיך פילן ווי אייגענע אין דעם אייגענעם יידישן לאַנד.

ווען עס איז פאַרגעקומען יענע באַרימטע פרשה וועגן אוגאַנאַדאַ, האָט נאָרדוי פאַרגעשלאָגן אוגאַנדאַ אַלס פראָוויזאָרישע לייזונג, אַלס „נאַכט־אַזיל".

דאָס איז דאָך ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַ צוויט לאַנד, ווי גוט עס זאָל נישט זיין, איז אַפילו פון אַזאַ איראָפּעיזירטן גייסט ווי נאָרדוי איז דאָס געווען, דאָך באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „נאַכט־אַזיל" אָבער נישט ווי אַ היים. אַפילו די גרעסטע אָנהענגערס פון אוגאַנדאַ־פּלאַן אַלס פראָוויזאָרישע יידן־לייזונג, האָבן דאָס באַטראַכט אַלס נאַכט־אַזיל אָבער קיין מאָל נישט ווי אַ יידישע היים. די יידישע היים איז נאָר איינע: ארץ־ישראל.

אַ נאַכט־אַזיל קען מען בייטן, מען בייט טאַקע אויף וואַנדער־וועגן נאַכט־האָטעלן, אָבער אַ היים איז אומפאַרבייטלעך, איז אַן איין און איינציקע.

און אַפילו דאָ, ביי דער גרויסער אוגאַנדאַ־דעבאַטע, האָבן דווקא געזיגט די „ציוני־ציון", ווייל די פאָלקס־נשמה איז תמיד געווען געקנופּט מיט ארץ־ישראל, אַזוי אַז אומעטום וווּ יידן זענען געווען און זענען דאָ, איז דעריבער דאָרט אַ שטיק ארץ־ישראל, ציִען זיך פון דאָרטן אומצע־רייסבאַרע פעדעמער קיין ישראל.

איז שוין פאַרשטענדלעך הערצלס זאָג, נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, אַז:

„אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די יידישע מדינה".

יאָ, באַזעל איז טאַקע געווען אַ גוייִשע שטאָט, אָבער דאָרט ווו ייִדן האָבן זיך געפֿונען, און זייער האַרץ האָט געצויגן קיין ציון, איז דאָרטן געגרינדעט געוואָרן די ייִדישע מדינה.

און איצט האָט די אַלט-נייע מדינה דערגרייכט אויפֿן לוח דעם „גוט״-צאָל פֿון „טוב״. ביים שאַפֿן די וועלט, האָט דער אייבערשטער געזען אַז ס׳איז „טוב״.

דאָס נעמלעכע קען מען זאָגן אויף דער ייִדישער מדינה: „כי טוב״, אַז ס׳איז גוט, אַז זי אַנטשפּרעכט די בעסטע אידעאַלן און האָפֿענונגען וואָס דאָס פֿאָלק אומעטום, דער ציוניזם, די אויסטרוימערס און אויפֿבויערס, די פֿאַרטיידיקערס און קאָנסאָלידירערס, האָבן אין איר אָנגעהאָנגען, זי זאָל ווערן אַ ליכט-טורעם פֿאַר ייִדן פֿון דער גאַנצער וועלט — ווי פֿאַר דער גאַנצער נישט-ייִדישער וועלט, אַז „כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים״, אַז פֿון דאָרטן זאָל אַרויס אַ ניי ליכט, דאָס ליכט פֿון ייִדישן גייסט.

און ישראל איז ווירקלעך געוואָרן דער גייסטיקער און ליכט-טורעם פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, זיין שטאָלץ, זיין צענטער, זיין פּראַכט, זיין שיינקייט.

אַזוי, אַז מיט רעכט ציט דער ייִדנשטאַט צו די בעסטע כוחות פֿון אונדזער פֿאָלק, דעם לויב פֿון די בעסט-מיינענדיקע און בעסט-פֿילנדיקע נישט-ייִדן, וואָס באַוווּנדערן די ראַשיקע דערגרייכונגען פֿון בלויז זיבעצן יאָר, אָבער זיבעצן יאָר וואָס זענען אַ מזיגה, אַ סינטעז פֿון יאָרטויזנטער ייִדישע שטרעבונגען, ייִדישע אידעאַלן, ציוניזם, וואָס איז אויסגעוואָרעמט געוואָרן דורך דורות און וואָס איז קריסטאַליזירט אין דעם ייִדישן שטאַט.

די ייִדישע מדינה איז ווי אַ כעמישער סינטעז פֿון פֿיר טויזנט יאָר געשיכטע, און ווי קען מען זיין יונג ביי אַן אַלט פֿאָלק?

דאָס איז די פֿענאָמענאַלע דערשיינונג פֿון דער ייִדישער מדינה, וואָס איז איינצייטיק אַלט און שטענדיק ניי, אַזוי אַז עס בלייבט צו ווינטשן, אַז ביים דערגרייכן דעם מנין „טוב״, זי זאָל שטענדיק און אויף אייביק זיין בלויז „כי טוב״!

די וואָס טראָגן ציון אין האַרצן

אין דער תורה ווערט דערציילט, אַז ווען יעקב אָבינו איז געלעגן אויפֿן וועג, נאָכן אַנטלויפֿן פֿון זיין ברודער עשיו, האָט ג־ט צו אים אַזוי געזאָגט: — „הארץ אַשר אַתה שוכב עליה לך אתננה" — דאָס לאַנד אויף וועלכן דו ליגסט וועל איך עס צו דיר געבן.

זאָגן אונדזערע חכמים, אַז דער אייבערשטער האָט איינגעוויקלט גאַנץ ארץ־ישראל אונטער יעקב אָבינו, כדי עס זאָל זיין שפּעטער לייכט זיינע קינדער עס איינצונעמען, און דער מדרש זאָגט, אַז ג־ט האָט דאָס איינגע־וויקלט ווי אַ ספֿר און עס אונטערגעלייגט אונטער יעקבס קאָפּ.

האָב איך אַמאָל ערגעץ דערויף געלייענט, אַ זאָג, אַז „פּונקט ווי דאָס ספֿר האָט אונטערגעלעגנט דעם קאָפּ פֿון די יידן אין גלות און דער לימוד־התורה האָט אויפֿגעהאַלטן דאָס יידיש פֿאָלק, אַזוי איז אויך די בענקשאַפֿט נאָך ארץ ישראל פֿאַרוויקלט געווען אין אַלע זיינע מעשים און מחשבות".

ווי ריכטיק האָט די תלמודישע לעגענדע און אויסטייטש כאַראַקטערי־זירט די בענקשאַפֿט און די צונויפֿבינדונג פֿון די יידן מיט זייער לאַנד אין אַלע צייטן און אויף אַלע מקומות!

ווייל ציון האָט אונטערגעלעגנט דעם קאָפּ פֿון דעם יידן אין אַלע זיינע צעשפּרייטקייטן, און האָט פֿאַרוועבט אַלע זיינע מחשבות און אַלע זיינע טוונגען.

עס דערמאָנט זיך דערביי יענץ כינעזיש מעשהלע וועגן אַ כינעזישן קלוגן קעניג וואָס האָט געוואָלט אַרויספֿאָרן פֿון זיין לאַנד, און היות ער האָט דאָס נישט געקאָנט טאָן, ווייל עס איז פֿאַרבאָטן געווען פֿאַר דעם קעניג צו טרעטן אויף פֿרעמדע ערד, האָט דער קלוגער קעניג דאָך דער־פֿילט זיין פֿאַרלאַנג: ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון זיין לאַנד, אָבער ער האָט

דערביי אַריינגעלייגט כינעזישע ערד אין זיינע שיך, אַזוי אַז ער איז נישט געטראָטן אויף פרעמדער ערד, נאָר אויף כינעזישער...

אין פּרצעס „דריי מתנות״, בעת די גזלנים וואָס באַפאַלן אַ ייִדן, און ער גיט זיך אַפילו נישט קיין ריר בעת זיי פּלינדערן אויס זיין גאַנץ פאַר־מעגן, זיינע אוצרות פון גאָלד, זילבער און בריליאַנטן, ווייל ביים מינדסטן ריר שטעכן אים די גזלנים אַריין אַ מעסער אין האַרצן. נאָר ווען מען וויל ביי דעם ייִדן צונעמען אַ זעקעלע וואָס ער טראָגט אויף זיין האַרצן, גיט דער ייִד אַ ציטער־אויף און וויל זיך אַ שטרעק־טאָן, זיך ראַנגלען, און שרייט דערביי אויס: „ריר נישט!״, שטעכט אים דער גזלן אַריין דאָס מעסער אין האַרצן און זיין האַרץ־בלוט באַשפּריצט דאָס זעקעלע. ווען די גנבים עפענען דאָס אויף, מיינענדיק אַז דאָרט ליגט באַהאַלטן דער טייערסטער אוצר, געפינען זיי דערין אַ ביסעלע ערד, ארץ־ישראל ערד, וואָס דער ייִד באַהאַלט עס פאַר זיין קבר וועגן, און דאָס האָט ער געוואָלט ראַטעווען פון פרעמדע הענט און אויגן, און עס מיט זיין בלוט באַשפּריצט״.

די צוויי מעשהלעך קענען זייער גוט דינען ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער פאָלק היינט צו טאָג:

דאָס ייִדישע פאָלק באַשטייט היינט פון מדינת־ישראל און די תפוצות־ישראל. דאָס הייסט, פון ייִדן וואָס טרעטן מיט זייערע פיס די הייליקע ישראל־ערד, און פון ייִדן וואָס טראָגן אין האַרצן די ציון־ערד אין אַלע זייערע צעשפּרייטקייטן. בײדע סאָרטן ייִדן זענען שותפים אין דעם גרויסן ווערק וואָס הייסט מדינת־ישראל.

און בײדע, די ייִדן פון מדינת־ישראל און די פון די תפוצות־ישראל, בילדן דאָס אייביק און דאָס טייערע עם ישראל. סײַ די וואָס טרעטן די ארץ־ישראל־ערד און באַטייליקן זיך אין איר מיט זייער אויפבוי, מיט זייער אַרבעט, מיט זייער שווייס און בלוט, מיט זייער אידעאַליזם, און סײַ די ייִדן פון גלות, די וואָס טראָגן ציון אין האַרצן און באַטייליקן זיך אין איר מיט זייערע באַשטייערונגען, מיט זייער ליבשאַפט, מיט זייערע קינדער, זענען דאָס הינטערלאַנד פון דער מדינה, איר בעסטער אַליאירטער אויף דער וועלט, די וואָס חלומען און ציטערן פאַר איר, און וועלן אויסשטרעקן זייערע הענט מען זאָל די הייליקע ערד נישט באַרירן.

אמת איז, אַז דער רוב מנין פון ייִדישן פאָלק געפינט זיך נאָך אין גלות,

אָבער זיין געדאַנק ציט זיך צו דער ייִדישער מדינה. ווי האָט דאָס געזאָגט יהודה הלוי: — „לבי במזרח ואני בסוף מערב‟, — מיין האַרץ איז אין מזרח, כאָטש איך בין אין עק מערב. דאָס כאַראַקטעריזירט אַמבולטסטן אונדזער גאַנצע גלות־געשיכטע:

ווו מיר זאָלן זיך נישט געפינען, אין סאַמע עק וועלט (אין מערב), געפינט זיך אָבער אונדזער האַרץ אין מזרח, אין ארץ־ישראל.

מדינת־ישראל האָט אונדז דערהויבן, גיט אונדז צו כבוד, שטאָלץ און אָנזען, פאַרבינדט און פאַראייניקט אונדז. לאָמיר אויך זי דערהייבן מיט אונדזער אָפּרוף, מיט אונדזער הילפס־גרייטקייט, מיט אונדזער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט.

מדינת־ישראל האָט אונדז אויך צוריקגעגעבן דעם ייִדישן שטאָלץ און האָט געגרויסט אונדזער ייִדישן נאָמען.

די השכלה־באַוועגונג האָט געלערנט: „היה יהודי באהלך ובן־אדם בצאתך‟, — זיי אַ ייִד אין שטוב און אַ מענטש אויף דער גאַס. האָט די צייט איבערגעדרייט דעם דאָזיקן משכילישן פּאָסטולאַט:

בעת אויף דער גאַס האָט יעדער אַנטיסעמיט דערקענט דעם ייִדן, ווי ער זאָל זיך נישט האָבן אָנגעשטרענגט צו זיין אַ מענטש, צו „מענטשלען זיך‟, צו פאַרווישן די ייִדישע שפּורן, איז ער אויף דער גאַס געווען דאָך אַ ייִד, צי מיט זיין גוטן ווילן אָדער בעל־כרחו. דאַקעגן, אין שטוב האָט ער, אין זיין דראַנג אויסצומענטשלען זיך אין גאַס, געבומען וואָס מער זיך אַנטייִדישן. די שטוב איז אַלע מאָל געוואָרן „מענטשלעכער‟, ביז דער רע־זולטאַט דער פון איז געווען, אַז אין שטוב איז ער געוואָרן אַ „מענטש‟, אויס ייִד, און אויף דער גאַס האָט מען אין אים דערקענט דעם ייִדן...

דאָס איז געוואָרן די טראַגעדיע פון אַ גרויסער טייל ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט דערפילן אָט דעם אויבן דערמאָנטן משכילישן געבאָט.

דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז די ייִדישע מאַסן זאָלן אָוועקגיין פון זיך אַליין און זיך רייסן אויף פרעמדע וועגן. די ייִדישע שטוב, די אייגענע וועלט, איז במילא אויסגעליידיקט געוואָרן פון ייִדישקייט, פון ייִדישער קולטור, פון ייִדישן תוכן, פון ייִדישן שטייגער און ייִדישן לשון.

אָבער די לעצטע יאָרן, אַ דאַנק דעם אויפקום פון מדינת־ישראל, מערקט זיך ווידער דאָס אומקערן זיך צו זיך, סיי געאָגראַפיש, דאָס הייסט, די

עליה קיין ישראל, סיי גייסטיק און קולטורעל. אַזוי אַז מען וואָלט געקענט היינט, אין ליכט פֿון מדינת־ישראל, זאָגן:

„היה יהודי באהלך ויהודי בצאתך" — זיי אַ ייִד אין שטוב און אַ ייִד אין גאַס!, ווייל איצט קען מען מיט שטאָלץ זאָג אַז מען איז אַ ייִד.

דער גלות־ייִד דערוואַרט דעריבער פֿון דער ייִדישער מדינה, אַז זי זאָל חוץ פּאָליטיש, אויך גייסטיק און קולטורעל פֿאַראייניקן און פֿאַראייני־היטלעכן דאָס צעזייטע ייִדיש פֿאָלק איבער גאָר דער וועלט אין אַלע זיינע צעשפּרייטקייטן, אין זיינע פֿאַרשיידענע עדות און קבוצים. אַז פֿון דאָרט זאָל אַרויס אַ נייע תורה, אַ ניי ליכט, עס זאָל פֿאַרווירקלעכט ווערן דער „כי מציון תצא תורה" און „דער אור חדש על ציון תאיר ונזכה כלנו במהרה לאורו".

דאָס וועט נאָר דערגרייכט ווערן אַ דאַנק דעם וואָס די ייִדן אויף דער גאָרער וועלט טראָגן ציון אין האַרצן, פֿון אַלע די וואָס האָבן צונויפֿגע־וויקלט ארץ־ישראל, עס אונטערגעלעגט אונטער זייער קאָפּ, און האָבן אויך פֿאַרוויקלט דערין זייער בענקשאַפֿט אין אַלע זייערע מעשים און מחשבות אויף זייער גאַנץ לעבן.

ציוניזם קעגן ראַטעווען דעם גלות

די לעצטע יאָרהונדערטער פֿון אונדזער געשיכטע שטייען אונטערן צייכן פֿון צענטראַלע פֿאָלקס־אידייען, וואָס האָבן אַרומגענומען די ייִדישע מאַסן, זיי באַלעבט, געקרעפֿטיקט און געשטויסן צו מעשים.

די דאָזיקע צענטראַלע אידייען האָבן אַרויסגעהויבן גרויסע פֿאָלקס־באַוועגונגען, ווי דער חסידיזם, די השכלה און דעם ציוניזם.

איבערהויפּט שטייט אונדזער צייט אונטערן צייכן פֿון ציוניזם, וואָס האָט אַ רודער געטאָן אונדזער אומה און דערפֿירט צום תיקון, צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַן אַלטן פֿאָלקס־טרוים, פֿון דער בענקשאַפֿט פֿון גאַנצע דורות ייִדן, צו דער עטאַבלירונג פֿון ייִדנשטאַט, אונדזער באַליבטע מדינת־ישראל.

און דער ציוניזם — דאַרף מען אָנווייזן און באַטאָנען — איז נישט באַר געוואָרן אין אונדזער תקופֿה די שטויס־קראַפֿט פֿון דער עליה פֿון מאַסן ייִדן קיין ארץ־ישראל, צו דער דורכפֿירונג פֿון פֿאָלקס־קאַמפּיינען לטובת דעם ייִדישן לאַנד, נאָר איז בעיקר געוואָרן די מאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט אָנגעפֿילט און באַלעבט, קודם כל, דאָס ייִדישע לעבן אויפֿן פּלאַץ, אין גלות גופֿא, און דאָרט אַריינגעבראַכט קאַמפּס־מוט און לעבנס־אינהאַלט.

אַ דאַנק דעם ציוניזם האָט זיך אין גלות דערוועקט דער אינטערעס צו אונדזער נאַציאָנאַלן לשון, צו דער העברעיִשער קולטור און ליטעראַטור, צום לימוד־התנ"ך, צו די אייביק־דויערנדיקע ווערטן פֿון אונדזער פֿאָלקס־גייסט. עס האָבן זיך געשאַפֿן ציוניסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט שווונג און לעבעדיקייט אינעם קהילה־לעבן. עס זענען געשאַפֿן געוואָרן דורך זיי גרויסע ייִדישע שולן, נאַציאָנאַלע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס האָבן באַווירקט פּאָזיטיוו־ייִדישלעך טויזנטער יוגנטלעכע און ביי

זיי געוועקט דעם אינטערעס צו אַל־ייִדישע פּראָבלעמען. עס זענען אויפגע־קומען ביכער־פאַרלאַגן, וואָס האָבן באַרייכערט אונדזער קולטור־פאַרמעגן, און עס זענען דערצויגן געוואָרן קאַדרען פון אַ באַוווּסטזיניקער ייִדישער אינטעליגענץ.

אַ דאַנק דעם ציוניזם זענען אַקטיוויזירט געוואָרן טויזנטער ייִדישע עסקנים, וואָס זענען שוין במילא געוואָרן אַ מזל־ברכה און די לאַסט־טרע־גערס, נישט נאָר פון די ישראל־אינטערעסן, נאָר פון די פאַרשיידענע גע־זעלשאַפטלעכע, קולטור־דערציִערישע און אַפילו פינאַנציעלע אַקטיוויטעטן פון אונדזער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט.

אַמאָל האָבן פאַראייניקט אונדזער פאָלק די זעלבע רעליגיעזע לעבנס־פאָרמען, די געמיינזאַמע שפּראַך, דער שלחן ערוך, די תורה, אָבער אין אונדזער תקופה, ווען די דאָזיקע לעבנס־פאָרמען זענען, צום באַדויערן, פאַרשוווּנדן, אָדער אָפּגעשוואַכט, און זיי בילדן נישט די צענטראַלע פאָלקס־אַקס וואָס זאָל צעמענטירן און האַלטן אייניק אונדזער אומה, האָט דער ציוניזם פאַרנומען זייער פּלאַץ און איז געווען ביכולת צו דערגיין צו אַזעלכע ספערן, ווו אַנדערע אידייען האָבן שוין, ליידער, נישט געהאַט קיין צוטרוי.

אַזוי, אַז הערצלס לאָזונג פון „כבוש־הקהילות“, פאַרן ציוניסטישן גע־דאַנק און טאַט איז אין גרעסטן טייל פאַרווירקלעכט געוואָרן.

מיטן אויפקום אָבער פון מדינת־ישראל, איז דער ראָמאַנטישער ציוניזם אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די טעטיקייט פון די ציוניסטישע פּאַרטייען אין גלות איז שלאַבערדיקער געוואָרן, און די ברויזנדיקע ציוניסטישע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס זענען שטילער געוואָרן.

אָבער אויף זייער פּלאַץ איז נישט אויפגעקומען קיין אַנדערע צענטראַ־לע מאַסן־אידייע און פאָלקס־באַוועגונג, קיין שום שטעלפאַרטרעטנדיקע שטויס־קראַפט, וואָס זאָל פאַרנעמען אויף אונדזערע מקומות דאָס פּלאַץ פון דער ברויזנדיקער ראָמאַנטישער ציוניסטישער באַוועגונג, און וואָס זאָל ממלא־מקום־זיין איר שוווּנג, איר באַפליגלטן ענטוזיאַזם און איר באַלעבנ־דיקן כוח אינערהאַלב די פאַרשיידענע ייִדישע ישובים פון דער וועלט, וואָס זאָל זיי צעמענטירן און פירן צום ציל.

און דווקא מיט דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל, וואָלט דער ציוניזם

געקענט באַקומען נאָך מער עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג און בירגער־רעכט אין גלות און דעם לעצטן אויספֿורעמען און ריכטן ייִדישלעך, דערציִעריש און קולטורעל, ווייל פֿון ישראל קענען זיך די גלות־ישובים אַראָפּנעמען אַ ביישפּיל פֿון ייִדישע לעבנס־פֿאָרמען און אינהאַלטלעכקייט, פֿון שעפֿעריש־קייט און גייסטיקייט, פֿון ייִדישער יצירה אויף אַלע לעבנס־געביטן.

ישראל קען אַריינברענגען אין די ייִדישע ישובים פֿון דער וועלט אַט דעם גוואַלטיק־גרויסן אינטערעס אין די גייסטיק־ייִדישע ווערטן, אין דער נאַציאָנאַלער קולטור, אין דער העברעיִשער שפּראַך.

מדינת־ישראל קען אויך דינען ווי אַ פֿאַראייניקונגס־אַקס פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, אין זיין צעשפּרייטקייט, טראָץ זיין פֿאַרשיידנאַרטיקייט און איינטיילונג אין פֿאַרשיידענע עדות, שפּראַכן, מענטאַליטעטן וכדומה. זי קען צובינדן די ייִדישע יוגנט צו אַל־ייִדישע פּראָבלעמען און לעבנס־אינ־טערעסן, און טאַקע דערמיט שטאַרקן דאָס ייִדישע לעבן אויפֿן פּלאַץ.

און אויב פֿריִער איז ארץ־ישראל געווען אַ סינאָנים פֿון ראָמאַנטישער טרוימערישער צוציִונג פֿאַר געוויסע ייִדישע סעקטאָרן, איז זי איצט געוואָרן אַ גליקלעכעווירקלעכקייט, וואָס ווערט אָפּגעשאַצט און אָנערקענט פֿון דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

און אויב, ווי געזאָגט, קאָן מען היינט נישט רעצעפּטירן, צום באַדויערן, די אייביקע ייִדישקייט־פֿאָרמול פֿון ייִדישן שטייגער־לעבן, רעליגיע, תורה, שפּראַך, דערציִונג וכדומה אַלע שיכטן פֿון די גלות־ישובים, אונדזער יוגנט, דאָס הייסט, דעם אויפֿוואַקסנדיקן דור, וואָס איז אין זיין רוב דערוויטערט און נישט איינגעלעבט מיט דעם אַלעמען, וואָלט מען געקענט זיי באַגייס־טערן, אַריינציִען און מיטרייסן מיט אַ פֿאַרשטאַרקטן און באַנייטן ציוניזם, וואָס וואָלט במילא געפֿירט צו אָט די אויבן דערמאָנטע פּאָסטולאַטן און וואָס וואָלט לייכטער געקענט פֿאַרשטאַנען און אָנגענומען ווערן ביי אָט די דאָזיקע שיכטן.

דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג וואָלט זיך באַקומען, אַז אויב דאָס גאַנצע פֿאָלק איז נישט אין ישראל, וואָלט עס געווען מיט ישראל, און דאָס וואָלט געשטאַרקט און אויפֿגעהאַלטן דאָס ייִדישע לעבן אויסער ישראל, נעמלעך אין קעגנטייל, ווערט עס אָפּגעשוואַכטער און איינגעצריקנטער, ווי

באַלד עס וועט נישט דאָמינירן אינעם יִדישן גלות־לעבן קיין שום צענ־טראַלע מאַסן־אידייע און יִדישער שטייגער־לעבן און אינהאַלט.

וואָלט דעריבער אַ באַנייטער און פֿאַרשטאַרקטער ציוניזם אין גלות, באַקרעפֿטיקט דורך דער גליקלעכער עקסיסטענץ פֿון מדינת־ישראל, אין ליכט פֿון דעם זיך בויענדיקן, שאַפֿנדיקן און אָריענטירנדיקן יִדישן צענטער אין אונדזער לאַנד, געקענט ווידער איינגעמען דעם גלות, כדי קודם־כל דעם לעצטן גופֿא צו שטאַרקן און ריכטן, אויפֿלעבן און פֿירן, באַהויכן און באַזעלן דאָס דאָרטיקע יִדיש לעבן מיט אַ צענטראַלער פֿאָלקס־אידייע, באַ־וועגן און אַקטיוויזירן די יִדישע געמיינדעס, בתוכענען אין אַ ליכט פֿון דעם זיך בויענדיקן און שאַפֿנדיקן ישראל־ישוב; דערציִען די יִדישע יוגנט און אָנצינדן אין איר יִדישע שטרעבונגען און אידעאַלן, וועקן אין איר דעם אינטערעס צו אַלוועלטלעכע יִדישע פּראָבלעמען און האַלטן איי־ניק די אַל־יִדישע עקסיסטענץ אַלס פֿאָלק, קעגנווירקנדיק אַזוי אָרום די לויערנדיקע אַסימילאַציע, אַפּאַטיע און אינדיפֿערענץ און ווערנדיק דער „מעין המתגבר” פֿון יִדישן אויסלעבן זיך אומעטום. מיט איין וואָרט:

דער ציוניזם איז דער איינציקער כוח, וואָס קאָן ראַטעווען דעם גלות!

צווייטע טייל

פאר עכטער יידישקייט

דער כוח פֿון יידיש ליגט נאָר אין יידישקייט

אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק ביז גאָר איז די געשיכטע פֿון דעם געבורט און פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער שפּראַך.

יידן האָבן גענומען אַ פֿרעמד־שפּראַך, פֿול מיט גערמאַניזמען אין דייטשלאַנד, און שפּעטער צוגעגעבן אַ גרויסן פּראָצענט פֿון סלאַווישע ווער־טער, לאַטייניש, וכדומה אַנדערע פֿרעמד־שפּראַכיקע עלעמענטן, באַווירצט מיט אַ סך טערמינען פֿון דעם יידישן רעליגיעזן לעבן און שטייגער, ווי, למשל: דאַווענען, מנחה, שחרית, תּפֿילה, מעריב, שבת, שלש סעודות, ברכה א״אַ. זי צוגעמישט מיט אַ סך העברעיִשע אידיאָמען און כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן, ווי: שריפֿה, אפֿשר, אַפֿילו, אַוודאי, לגמרי, לחלוטין, התלהבות, דבקות, גלות, שכינה און נאָך טויזנטער אַזעלכע יידישלעכע ווערטער, גע־ענדערט די סינטאַקסיס, דאָס הייסט, דעם אויסדרוק־בוי פֿון דעם לשון און אים צוגעפּאַסט לויטן העברעיִש ריידנס־אַרט, און עס האָט זיך באַקומען אַ האַרציקע יידישע שפּראַך, וואָס איז נאָך דעם געוואָרן אַ מאַמע־לשון און אַ פֿאָלקס־שפּראַך.

דאָס הייסט, אין קורצן: יידן האָבן מגייר־געווען אַ פֿרעמדע שפּראַך אָדער שפּראַכן־געמיש, אַריינגעגאָסן אין איר זייער גאַנצע קדושה און יידישקייט, אַ טייטש־חומש, אַ תּחינה, אַ קרבן־מנחה־סידור, און עס איז דערפֿון געוואָרן דאָס שיינע זאַפֿטיקע יידיש פֿון היינט צו טאָג.

און אינטערעסאַנט איז שוין אויך דער פֿאַקט, וואָס אַזוי ווי עס איז געשעען מיט יידיש, איז אויך געשעען מיט אַלע יידישע לשונות.

אָט לאָמיר אָנהייבן מיט אונדזער היסטאָרישן לשון, דעם אַלט־נייעם עברית:

אונדזער אור־פֿאָטער אַברהם האָט דווקא געשטאַמט פֿון ארם־נהרים, און

האָט פֿאָלגלעך דאָרטן גערעדט אַראַמיש. אָבער ווען ער איז אָנגעקומען, אויף ג״טס אָנזאָג, קיין כנען, האָט ער דאָרטן גענומען דעם לשון כנענית, עס צוגעפּאַסט, עס מגייר־געווען, און אַ דאַנק אים, אַ דאַנק אַברהם דעם עברי, איז דאָס כנעניש לשון געוואָרן עברית, און אַ דאַנק די הייליקע ווערטן, ווי דער תנ״ך, איז עס געוואָרן דאָס לשון־הקודש.

אַזוי אויך איז געשען מיט אַראַמיש: דאָס איז געווען די דיפּלאָמאַטישע און פֿאַרשפּרייטסטע שפּראַך פֿון יענער צייט, וואָס אַלע אַרומיקע פֿעלקער האָבן גערעדט, ווי אַ שטייגער היינט ענגליש אָדער פֿראַנצויזיש, אָבער אַ דאַנק דעם תלמוד און אַ ריי הייליקע תּפֿילות, ווי קדיש, כל־נדרי, כגונא, ווי אויך פֿון קבלה־ספֿרים, ווי דער זוהר א״אַ, איז דאָס ביי אונדז געוואָרן אַ ייִדישער לשון.

אַזוי איז אויך געשען מיט אונדזער שריפֿט, מיט דעם היינטיקן פּיר־קאַנטיקן העברעיִשן כתב:

כידוע, איז דער כתב גאָר געווען אַן אַשורישער, אָבער ייִדן האָבן עס אָנגענומען און איבערגעגאָסן אין דעם זייערע גרויסע, הייליקע מענטשלעך־דערהויבענע שאַפֿונגען און ווערטן, די ספֿרי־קודש און די תּפֿילות, עס אַזוי פֿאַרייִדישט און פֿאַרהייליקט, אַז היינט איז עס דאָס געאַכטעטע דורך אונדזער פֿאָלק ייִדישער כתב.

דאָס באַווייזט אונדז אין עטלעכע קורצע שטריכן, אויף אַ זייער בולטן אופֿן, ווי פֿרעמדע עלעמענטן און נישט־אייגענע ווערטער און כלים, ווי לשון און כתב, זענען געוואָרן אַזוי פֿאַרהייליקט און ייִדיש, אַזוי אייגן און אומצעשיידבאַר, אַזוי אידענטיפֿיצירט מיטן ייִדישן פֿאָלק, אַ דאַנק ייִדן, אַ דאַנק דעם ייִדישן אינהאַלט, אַ דאַנק דער ייִדישער קדושה, אַ דאַנק דעם ייִדישן שטייגער־לעבן און אַרט־דענקען, אַ דאַנק דער ייִדישער תּפֿילה, וכדומה.

אין קעגנטייל, דאָס הייסט, אָן דעם דאָזיקן אינהאַלט, אָן דער דאָזיקער ייִדישקייט, וואָלט עברית געבליבן אַ כנענישער לשון, אַראַמיש — אַ פֿרעמד־שפּראַך, דער פֿירקאַנטיקער כתב — אַן אשורישע שריפֿט, אאַז״וו.

און אין דער אמתן זענען נאָך היינט פֿאַראַן פֿעלקער וואָס ריידן נאָך אַט די שפּראַכן אָדער דיאַלעקטן, אָבער בלויז ביי אונדז זענען דאָס ייִדיש־פֿאַרהייליקטע און אייגן־געוואָרענע שפּראַכן און ווערטן.

דערסטגלייכן קען מען דאָך אויך זאָגן וועגן ארץ־ישראל: פֿריִער איז עס דאָך געוועזן אַן ארץ־כנען. נאָר מיטן קומען פֿון די ייִדן, איז עס געוואָרן אַן ארץ־ישראל, אַן ארץ הקדושה.

ווי דריקט זיך אויס משה העס אין זיין „רוים און ירושלים״:

—נישט דער ירדן האָט געהייליקט די נביאים, נאָר די נביאים האָבן געהייליקט דעם ירדן.

אַזוי אויך איז געשען מיט ירושלים: פֿריִער איז זי געוועזן אַ פֿעסטונגס־שטאָט פֿון די יבוסים, אַ פֿרעמד־כנעניש פֿאָלק. און נאָך דעם איינגעמען זי דורך דוד המלך, איז זי ערשט געוואָרן אַן עיר־דוד, אַ ירושלים, די הויפּטשטאָט פֿון די ייִדן, און דער פֿאַרהייליקטער צענטער פֿון דעם גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.

און באַציִענדיק זיך צו אונדזער אויבן־אָנגעצייכנטער טעמע:

דאָס הייסט, אַז שפּראַך אַליין איז בלויז אַ כלי, בלויז אַ סקעלעט, בלויז אַ גוף.

עס פֿעלט נאָך אין דער כלי אַריינצוגיסן אַן אינהאַלט, וואָס קען זיין, ווי מיר האָבן געזען, אָדער ייִדיש אָדער נישט־ייִדיש. ס׳געוועדט זיך וואָס מען גיסט אין איר אַריין. אַ סקעלעט וואָס באַדאַרף זיך אָנקליידן מיט פֿלייש און בלוט און באַקומען אַ מענטשלעכע צורה, און עס געוועדט זיך וואָס פֿאַראַ צורה עס באַקומט, אַ ייִדישע אָדער גויִשע, ווייל כידוע, האָבן אַלע מענטשן סקעלעטן.

אַ גוף וואָס דאַרף באַקומען אַ רוח־החיים, אַ נשמה, און עס ווענדט זיך וואָס פֿאַראַ נשמה, אַ גוטע צי אַ שלעכטע, מען באַקומט.

די דאָזיקע הקדמה און באַוואָרעניש, האָבן מיר, ווי דער לייענער וועט זיך אַליין אָנשטויסן, בכיוון געמאַכט און געבראַכט, אויף צו באַגרינדן אונ־דזער אַרגומענטאַציע ביים באַהאַנדלען דעם ענין פֿון שפּראַך, און צו באַ־ווייזן קלאָר און היסטאָריש־איבערצייגנדיק, אַז ייִדיש לשון האָט נאָר אַ כוח, ווען זי וואָרצלט אין ייִדישקייט, ווען זי נערט זיך פֿון אירע זאַפֿטן, און ווען זי ווערט אָנגעזאַפּט און באַהויכט פֿון איר קדושה און טהרה.

דאַקעגן, קען שוין דער לייענער קומען אַליין צום אויספֿיר, איז דאָס בלויז, ווי געזאָגט, אַ פֿרעמדער עלעמענט, אַ סקעלעטישער ענין, אַ ליידיקע כלי און אַ טויטער גוף.

ווען דאָס לעבן אין די אַלטע ייִדישע היימען איז געווען כּלו ייִדיש, און במילא איז דאָס לשון געווען ייִדיש, וואָלט קיינעם נישט איינגעפֿאַלן דורכ־צופֿירן אַן אַקציע פֿאַר ייִדיש, צו פֿאַרטיידיקן דעם כּבֿוד פֿון אונדזער לשון, צו אַלאַרמירן אַז מען פֿאַרטרייבט עס פֿון אונדזערע שולן, וכדומה. מען וואָלט אַזאַ איינעם אָנגעקוקט פֿאַר משוגע.

ס׳איז די זעלבע זאַך, ווי איר זאָלט זיך אַוועקשטעלן אויף אַ גאַסן־ראָג, אויפֿשטעלן אַ טריבונע און פּראָקלאַמירן: אַז אויף צום לעבן דאַרף מען עסן און טרינקען...

צווייטנס, איז גאָר בכלל אַ חידוש, ווי קען מען אַ שפּראַך אַרויס־טרייבן, ווען זי ליגט אויף דער צונג און אין מוח, און איז פֿאַרוועבט מיטן שטענדיקן טראַכטן און פֿילן פֿון אַ מענטשן, ווי ס׳איז געווען מיט ייִדיש אין אייראָפּע. אַלץ קען דאָך אַ מענטש פֿאַרלירן, אַלץ קען מען דאָך ביי אים צונעמען, נאָר נישט דאָס וואָס ער האָט אין קאָפּ, אין מוח, אויף דער צונג, אין האַרצן.

לשון איז דאָך נישט קיין מאַטעריעל פֿאַרמעגן נאָר אַ גייסטיקער קנין. איז דאָך משמעות, אַז אויב מען רעדט, אַז מען פֿאַרטרייבט ייִדיש, מיינט עס דאָך, אַז ייִדיש איז דאָך נאָך נישט „אַריינגעטריבן" געוואָרן, איז נישט פֿאַראייגנט געוואָרן. עס איז דאָך גאָרנישטאָ וואָס אַרויסצוטרייבן; אַדרבא: ביי וועמען קענט איר אַרויסטרייבן ייִדיש, ביי דער עמיגראַנטישער מאַסע, וואָס קען קיין אַנדער לשון נישט, וואָס ייִדיש ליגט איר אויף דער צונג, אינעם געמיט, אויפֿן האַרצן?

— איז בנוגע וועמען האַנדלט זיך דאָס? עס האַנדלט זיך וועגן אַזעלכע עלטערן פֿון צווייטן צי פֿון דריטן דור, וואָס קענען שוין נישט קיין צרות־אַלף! קיין ייִדיש וואָרט אַרויסריידן, שוין אָפּגערעדט פֿון האַלטן ייִדישקייט אין שטוב, פֿון פֿילן אַ ייִדיש־באַדערפֿעניש. פֿון אַזעלכע וואָס קענען נישט דעם ייִדישן נאָמען זייערן אָדער פֿון זייערע קינדער, וואָס אין די מערסטע פֿאַלן מוז מען צופּאַסן אַליין אַ ייִדישן אָדער העברעיִשן נאָמען אין שול, לויט אַ נאָענט־מעגלעכן עקוויוואַלענט פֿון דעם שפּאַנישן נאָמען, וואָס אַ סך מאָל באַקומט זיך נאָך דעם קאָמישע סיטואַציעס, נאָכן דערקונדיקן זיך און אויספֿאָרשן דעם פֿון געבוירט געגעבענעם ייִדישן נאָמען, ביי אַ זיידן אָדער עלטער־זיידן. אַזוי אַרום, ווען איר הערט אַז דאָס קינד הייסט, למשל,

אויף שפּאַניש: „קלאַודיאַ", גיט איר אים אַ נאָמען: „קלמן", און עס לאָזט זיך גאָר אויס, אַז ער הייסט ... אַברהם־יצחק; אָדער אויב ס'איז „איסידאָ־ראָ", גיט איר אים אַ נאָמען: „איסר", און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער הייסט גאָר: „איטשע־מאיר"... אאַז"וו. און עס טרעפט דאָך אויך, אַז אַ סך מאָל, גיבן נאָך די קינדער אַ ייִדישן נאָמען זייערע עלטערן, וואָס ווייסן נישט ווי זיי רופֿן זיך אויף ייִדיש...

און די דאָזיקע קינדער גייען דווקא מיט ליבשאַפֿט, נאָכן פֿאַרענדיקן די אָנפֿאַנג־שול, אין אונדזערע סעמינאַרן, און ווערן עס די ייִדישע לערערס פֿון אונדזערע קינדער. און ביי זיי איז ייִדיש ווי, להבדיל, דאָס האָבן אויס־געלערנט אַ קורס־שפּראַך, ווי ענגליש, פֿראַנצייזיש, וכדומה, און זיי קענען עס טאַקע ווי אַ פֿרעמד לשון, אָן די זאַפֿטן פֿון דעם לעבעדיקן ייִדיש, וואָס איז געווען געבונדן מיט טאָג־טעגלעכער ייִדישקייט, מיט שטייגער־לעבן. מיט ייִדישלעכע טערמינען, ווי: ביכולת, דבקות, התפעלות אאַז"וו. און זיי רעדן טאַקע דאָס לשון בלויז אין די קעגנשטאַנד־שעהען און ייִדיש איז ביי זיי, צו אונדזער גרויס באַדויערן, געוואָרן בלויז אַ מאַטעריע, אָן דעם ייִדישן אַקצענט און קנייטש, מיט דער ספֿרדישער הברה אויף די העברעיִזמען, מיט פֿעלערן און גרייזן. און דער פּראָצעס גייט פֿאַרקערט, גייט צום אורשפּרונג, ווען ייִדיש איז געווען אַ פֿרעמד־שפּראַך און איז נאָך נישט געייִדישט גע־וואָרן מיט ייִדישן אינהאַלט און קדושה, מיטן ייִדישן חן און שטייגער. אַזוי איז אויך מיט עברית, און אַזוי געשעט אויך מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע.

ייִדיש איז דאָך געווען דאָס רייד־לשון פֿון אַ ר' נחמן בראַסלאַווער, וואָס האָט אין איר געשאַפֿן זיינע ווונדערבאַרע מעשיות; דאָס לשון פֿון פּרצעס למדנות און חסידות, פֿון דעם טייטש־חומש, פֿון יהואָשס פּרעכטי־קער תנ"ך־איבערזעצונג. אַזוי אַרום איז עס געוואָרן עכט ייִדיש, הייליק.

אַזוי האָב איך עס געקענט לעצטנס באַמערקן, ווען אַ יונגע ייִדישע מאַמע, פֿון אַ טראַדיציאָנעלער היים, זאָגט מיט אירע קינדערלעך אַלע שבת נאָך מיטאָג „ברכי נפֿשי" און די „שיר־המעלות"ן פֿון מנחה, מיט דער איבער־זעצונג פֿון יהואָשס גרויס־מייסטערהאַפֿטן ייִדיש, און סיי דער ספֿר ווי די איבערזעצונג זענען הייליק פֿאַר זיי, און ביידע קושן זיי ביים פֿאַרמאַכן די טאָוולען.

אַזוי האָב איך אויך געזען אַן עלטערע ייִדישע פֿרוי, וואָס וויקלט נישט אײַן קיין פֿעקל מיט קיין ייִדישער צײַטונג, ווײַל עס קען זיך געפֿינען אַ שם, אָדער ווײַל די ייִדישע אותיות זענען בכלל ביי איר פֿאַרהייליקט.

יאָ, רבותי! צי מען וויל צי מען וויל נישט — דאָס הייסט פֿיעטעט פֿאַר ייִדיש! דאָס הייסט קדושה פֿון לשון!

אַנדערש איז אָבער מיט אונדזער היינטצייטיקער ייִדישער ליטעראַטור, איבערהויפּט די וואָס גייט אַן אין דער ייִדישער פּרעסע, די אַזוי געריפֿע־נע ראָמאַנען, אין וועלכע יעדער היגער אָדער אויסלענדישער שרײַבער „כוכט" זיך אויף „ליטעראַטור", דהיינו, אויף אַרויסצוהייבן ווי בעסער דעם „סעקס". פֿאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ ליטעראַטור איז נישט קיין ייִדישע. פֿאַר־שטייט זיך, אַז אַזאַ שרײַבעכץ גייט נישט אַרײַן אין די ראַמען פֿון אונדזער ייִדישן לשון, וואָרצלט נישט אין אונדזער טויזנט־יעריקן געהויבענעם גע־לייטערטן גייסט, דאָס איז אַ גוייִשע ליטעראַטור אין די פּירקאַנטיקע ייִדי־שע אותיות און אַ גרויסע שפּראַך, וואָס ווי מיר האָבן געזען אין אונדזער אַרײַנפֿיר, פֿירן זיי צוריק צו איר וואָרצל.

אויב נישט באַהויכט מיט אונדזער ייִדישן אינהאַלט און לעבנס־באַנעם, מיט אונדזער קדושה וטהרה, מיט דער ייִדישער נשמה, פֿאַרוואַנדלען זיי נאָך אַ מאָל אונדזערע אותיות אין אשורישן כתב, אונדזער לשון — אין אַ פֿרעמדשפּראַך, אונדזער עברית — אין אַ לשון כנענית אד״גל.

אַזוי אויך מיט טעאַטער, מיט דער שול, און דאָס קען זיך אויך אָנ־פֿאַסן און אָנווענדן אויף אַלע צווייגן און קעמערלעך פֿון אונדזער ייִדישן פֿאָלקס־לעבן.

דאָ איז נישטאָ קיין גערייד וועגן אַרויסטרײַבן ייִדיש, וועגן נישט אַכטן אונדזער שפּראַך, אונדזער קולטור, אונדזער ליטעראַטור, אונדזער טע־אַטער, ווײַל ווי לאַנג אונדזער ייִדיש וועט צוריק נישט מגייר ווערן, צו־ריק נישט געייִדישט ווערן דורך אונדזער טאָג־טעגלעכער אמת־אָריגינע־לער, לעבעדיקער, אָרגאַנישער און רוח־חיימדיקער ייִדישקייט, וועט דאָס אַלץ נישט העלפֿן.

לאָמיר אָנפֿאַנגען פֿונעם אַלף־בית, פֿון דעם אורשפּרונג פֿון ייִדיש־פּראָצעס און אַנטוויקלונג. אין קעגנטייל איז ייִדיש אַ קעגנשטאַנד ווי יעט־וועדער אַנדערער פֿרעמד־לשון, אַ קורס־שפּראַך, אַ ליטעראַטור, וואָס קען

אויפֿגעשריבן ווערן אין יעטוועדער אַנדערער שפּראַך; נאָר לאָמיר זיך צו־ריקקערן צו דעם מקורותדיקן, מיט קדושה וטהרה באַהויכטן ייִדיש, סיי אין לעבן, אין אינהאַלט, אין גייסט און באַווירקונג!

דאַן וועט די ישועה פֿאַר ייִדיש קומען פֿון זיך אַליין, דורך אַ נאַטיר־לעכן, אָרגאַנישן לעבנס־פּראָצעס, און נישט דורך רעקלאַמעס און פּרעסע־אַליאַרמען.

יאָ, רבותי: צי מיר ווילן צי נישט, צי עס טוט אונדז וויי אָדער נישט, אַט דער דאָזיקער אמת (און דער אמת טוט מערסטנטייל אונדז וויי...) אָבער עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג, ווייל בלויז דאָס איז דער וועג: ווייל דער כוח פֿון ייִדיש ליגט נאָר אין ייִדישקייט!

די אויפגאַבע פון אונדזער שול

די צוויי כרובים, ד״ה די צוויי יונגע מלאכימלעך, וואָס האָבן באַצירט דעם אָרון־הברית אין דעם משכּן, אין וועלכן עס זענען געווען די לוחות מיט די צען געבאָט, האָבן געהאַט דאָס געשטאַלט פון קינדער („דמות פרצוף תינוק להם״).

האָט טאַקע דער בריסקער רבי יאָשע־בער, געזאָגט דערויף: — פאַר וואָס האָבן זיי דווקא געהאַט דאָס אויסזען פון קינדער? ווייל דער סוד און יסוד פאַרן אָפּהיטן דעם אָרון־הברית, די לוחות, די צען געבאָט פון דער מענטשהייט, דעם קיום התורה — איז דער חינוך, די קינדער...

דאָס איז באמת אַ טרעפלעכער, וווּנדערבאַרער איינטייטש און ער איז ריכטיק אויף הונדערט פּראָצענט בנוגע אונדזער ייִדישן חינוך.

לויטן ייִדישן חינוך, וואָס דער יונגער דור באַקומט, זעט אויס שפּעטער דאָס געשטאַלט פון דעם דור:

דערפאַר האָט אַ מאָל אַ צווייטער גדול בישראל איינגעטייטשט:

„ושננתם לבניך״, אַז דו וועסט דיינע קינדער לערנען תורה, איז „ודברת בם״, וועסטו שפּעטער, ווען זיי וועלן גרעסער ווערן, האָבן מיט זיי וואָס צו רעדן... אין קעגנטייל האָט מען טאַקע נישט מיטן יונגן דור וואָס צו רעדן און עס איז נישטאָ קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט זיי צו פאַרשטענדיקן זיך.

דעריבער איז ביז גאָר וויכטיק, אַז דאָס קינד זאָל איינזאַפּן ייִדישקייט פון זיין פריסטער עלטער.

עס שטייט טאַקע, מיט רעכט, געשריבן, :אַז גלייך ווי דאָס קינד הייבט אָן צו רעדן, זאָל דער פאָטעד מיט אים לערנען תורה, ווייל אין קעגנפאַל איז „כאלו קוברו״! ווי ער וואָלט אים, חס ושלום, באַגראָבן.

דעריבער לייגן מיר אַזוי פיל אַכט אויף דעם ייִדישן חינוך פון אונדזערע קינדער אין קינדער־גאָרטן, ד״ה פון זיין פריסטער קינדהייט, ווייל

דאָס וואָס דאָס קינד זאַפּט איין אין זיין צאַרטסטער עלטער, בלייבט דערנאָך איינגעקריצט אויף אַ גאַנץ לעבן און רופט זיך אָפּ ביי פאַרשיידענע אומשטענדן.

און אויב אַ סך ווילן איינווענדן און זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער עלטער באַנעמט נאָך נישט דאָס קינד דאָס וואָס מען לערנט אים, אַפילו שפּילנדיק, וועלן מיר זיך טאַקע נאָך איין מאָל באַנוצן מיט אַן איינטייטש פון אַ פּסוק:

מיר זאָגן „ושננתם לבניך ודברת בם", דאָס הייסט, זאָלסט איינשאַרפן (לערנען) מיינע געבאָטן און מיט זיי (די קינדער) רעדן פון זיי. ווייל פאַראַן אַ צייט, ווען דאָס קינד איז נאָך זייער יונג, כאָטש מען קען נאָך נישט רעדן מיט אים איבער תורה, ווייל ער פאַרשטייט נאָך נישט, זאָל מען אים דאָס קורץ איינשאַרפן, ווייל ס׳בלייבט אים אויף פאַר שפּעטער.

מיט אַזאַ צוגאַנג און קריטעריום, פלעגט מען דערפאַר אַמאָליקע צייטן אַריינגעבן דאָס קינד אין חדר גלייך צו די דריי יאָר, און היינט טוען מיר עס אויף אַ מאָדערנעם אופן און לויט דער היינטצייטיקער פּעדאַגאָגישער מעטאָדיק, אין אונדזער קינדער־גאָרטן, און מיר לייגן דערויף אַזוי פיל אַכט און וויכטיקייט. כאָטש אויבנאויפיק קען דאָס ביי אַ סך שיינען נישט אַזוי ווירקזאַם, אָבער אַפילו די מאָדערנסטע פּסיכאָלאָגן אָנערקענען דעם גרויסן ווערט פון איינשאַרפן און איינלערנען די מידות פון אַ מענטשן און פון פאָרמירן זיין כאַראַקטער און מאַנירן פון זיין פריסטער יוגנט.

ווייל עס איז אפשר אמת, אַז דאָס קינד איז נאָך נישט מסוגל אין דער דאָזיקער עלטער אויפצונעמען קיין סך ידיעות (איך שטרענגגן זין פון אָט דע וואָרט), אָבער דאָ דאַרף מען זאָגן אויפן קלאָרסטן און אָפנסטן אופן, אַז ביי ייִדן שפּילט דערציִונג, דאָס מחנך זיין צום לעבן, דאָס אַריינרינגלען אין דער טראַדיציע־קייט און דאָס צוגעווינען דאָס קינד צו לעבן ייִדיש, אַזוי פיל אָדער אָפּט מאָל אַ וויכטיקערע ראָל ווי בלוז צו קענען ייִדישקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז דורכן קענען קומט מען צו מעשים, אָבער דאָס טאָן גופא איז ביי אונדז אַן אימפּעראַטיוו און די באַזע פון אונדזער עקסיסטענץ.

איז טאַקע דעריבער די אויפגאַבע פון אונדזער שול, צו פאַראייגענען דעם תלמיד נישט בלויז די קענטשאַפט־קונסט, די טעכניק פון לייענען און שרייבן אונדזערע לשונות, די ידיעות וועגן אונדזער רומרייכער געשיכטע, נאָר בעיקר די לעבנס־קונסט, ד"ה פון לערנען ווי צו לעבן אַלס ייִדן.

איז דאָך טאַקע אונדזער תורה אַ תורת־חיים, אַ תורה צום לעבן. מען דאַרף נישט בלויז קענען ייִדישקייט, נאָר דער עיקר זיך אויסלעבן אין ייִדישקייט, אָטעמען מיט ייִדישקייט. מען דאַרף נישט בלויז קענען געשיכטע, נאָר טאַקע מאַכן געשיכטע, זיין די ממשיכים פֿון אונדזער געשיכטע, די פּראָטאַגאָניסטן, די באַרייכערערס.

ווייל נישט דערמיט וואָס מען קען שפּראַך אָדער געשיכטע ווערט מען שוין דערמיט אַ ייִד.

איז דאָך באַוווּסט, אַז דווקא אַ סך נישט־ייִדן זענען גרויסע מומחים אין דער העברעיִשער שפּראַך, אין יודאַיִסטיק, אין ייִדישער געשיכטע, אָבער זיי זענען דערמיט נאָך נישט קיין ייִדן. אָט למשל זענען אַ סך דייטשן, ענגלענדער, שפּאַניאָלן גרויסע קענער פֿון העברעיִש, דיקדוק, תנ״ך אָבער זיי זענען דמך גויִים.

און דאָס גלייכן, אַז מיר זאָלן, למשל, קענען ענגליש און די גאַנצע ענגלישע ליטעראַטור, זענען מיר נאָך דערמיט נישט קיין ענגלענדער. אין בעסטן פֿאַל — זענען מיר קענער פֿון ענגליש.

אויף צו זיין אַ גוטער ייִד, איז דעריבער נישט גענוג דאָס בלויזע קענ־ען, נאָר דאָס לעבן ווי אַ ייִד.

מיט אַזאַ צוגאַנג, מיט אַזאַ מאָסשטאַב, דאַרפֿן מיר מעסטן די דער־גרייכונגען פֿון אונדזער שולוועזן, און דאָס איז, אַלזאָ, די ערשטע אויפֿגאַבע פֿון דעם ייִדישן חינוך, אויף ווי ווייט זי אַנטוויקלט נישט נאָר די קענטשאַפֿט־קונסט, וואָס איז אַזוי וויכטיק, נאָר טאַקע באַגלייך מיט איר די לעבנסקונסט פֿון אונדזערע תלמידים, די מאָרגנדיקע מיטגלידער פֿון אונ־דזער פֿאָלק און די געשטאַלטיקער פֿון אונדזער גורל.

די ייִדישע שול דאַרף דעריבער געבן אירע תלמידים, פֿון דער פּרי־סטער עלטער ביז דער הויכשול, חוץ די טיפֿע ידיעות, אַ וואָס גרעסערע דאָזע פֿון אונדזער שטייגער־לעבן, און זיי צוגעווינען צו ייִדישע פֿאָלקס־מצוות, ווי עס שטייט: „בשבתך בביתך, ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך״, אומעטום און אַ גאַנץ לעבן. אין קעגנטייל בלייבן אַפֿילו די דערוואָרבענע ידיעות פֿאַרגליווערט, פֿאַרגעסן און אויסגעוועפּט, אויב זיי ווערן נישט אָנגעווענדט אַלע 24 שעה פֿון ייִדישן לעבן און אויסלעבן זיך, פּערמאַנענט, אָן... וואַקאַציעס.

נאָר אויף אַזאַ אופן קענען די ידיעות האָבן אַ האַפּט און אַ קיום.

ווי זאָגט עס ריכטיק א. גאָלאָמב אין זיינס אַן אַרבעט וועגן חינוך ביי ייִדן: „דער ספּעציפישער כאַראַקטער פון ייִדישן לערנען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט זיך קיין מאָל נישט ענדיקן, נישט אַ פּראָצעס פון אויסלערנען, נאָר שטענדיק לערנען, אַ לעבן־סיסטעם״.

מען האָט אָפּגעהיט דעם ספּעציפישן ייִדישן שטייגער־לעבן, וואָס ווערט דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ תורה צום לעבן״.

דאָס לערנען אין אַ ייִדישער שולע, איז דעריבער — לויט אים — נישט קיין ענין פון אינפאָרמאַציע נאָר פון פאָרמאַציע.

דאָס דאַרפן מיר גוט אין זינען האָבן אין אונדזער ייִדישער דערציִונג, פון דער פריסטער עלטער פון אונדזער קינדער־גאָרטן, ביז דער מדרשה: צו פאָרמירן דאָס קינד אין אונדזער ייִדישלעכער געשטאַלט, און באַגלייך מיט די ידיעות, וואָס עס דערווערבט אין אונדזערע לשונות, אונדזער ליטעראַטור, אונדזער געשיכטע, באַגלייך מיט דער קענטשאַפט, זאָל עס זיך אויסלערנען די קונסט פון לעבן ייִדיש.

ר' מנחם־מענדל פון קאָצק פלעגט זאָגן: — פאַר וואָס שטייט עפּעס „והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך״, ד״ה: זאָלן די ווערטער, וואָס איך געביט דיר היינט זיין אויף דיין האַרצן, פאַר וואָס שטייט עס געשריבן „אויפן״ האַרצן און נישט אין האַרצן?

נאָר — ענטפערט ר' מנחם־מענדל — זאָלן די ווערטער שטענדיק ליגן גרייט אויפן האַרץ, כדי ווען עס וועט זיך מאַכן אַ מינוט, ווען דאָס האַרץ וועט זיך עפענען, זאָלן זיי קענען גלייך אַריינגיין אין האַרץ אַריין.

דאָס איז די אויפגאַבע פון דער היינטיקער ייִדישער שול: צו לייגן די ווערטער און די ווערטן פון ייִדישקייט אויפן האַרצן פון דעם יונגן דור, וואָס איז, אַגב, נישט שטענדיק אָפן, נאָר ווען עס וועט שלאָגן די געהעריקע שעה און עס וועט ענדלעך זיך אַן עפן טאָן פאַר אונדזער פאָלק, אונדזער שפּראַך, אונדזער קולטור און אונדזערע אינטערעסן, זאָלן די דאָזיקע אַרויפגעלייגטע ווערטער, די ידיעות און די לעבנס־קונסט, וואָס די תלמידים באַקומען אין דער ייִדישער שולע, גלייך אַריין אין זייער האַרץ, און פאַרזיכערן דערמיט דעם מאָרגן פון אונדזער אומה און די ייִדישלעכע צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

רעספּעקט פֿאַר יִדישער טראַדיציע!

ס'איז דאָך פֿאַר יעדן איינעם באַוווּסט, אַז אַ דאַנק אונדזער טראַדיציע, אַ דאַנק די לעבנס־זיטן און מנהגים פֿון אונדזער פֿאָלק, האָבן מיר במשך דער לאַנגער געשיכטע אויפֿגעהאַלטן אונדזער עקסיסטענץ און אונדזער אייגנאַרט, אונדזער ספּעציפֿישן כאַראַקטער אַלס עם־הספר, אַלס אַ פֿאָלק פֿון הויכער עטיק און מאָראַל, וואָס וואָלט געקענט אַרויסגעשטעלט ווערן אַלס מוסטער פֿאַר דער גאַנצער וועלט מיט זיינע עכטע מענטשלעכע מידות און מיט דער געהויבנקייט פֿון זיין לעבנס־שטייגער.

האָט דאָך אונדזער טראַדיציע, אונדזערע דינים, אונדזער שולחן ערוך, אינספּירירט אין די העכסטע און ריינסטע כוונות פֿון מענטשלעכער ווערדע און צוזאַמענלעבן, פֿון גוטסקייט און דערהויבנקייט, פֿון משפּחהדיקייט און הילף־גרייטקייט, צעמענטירט אונדזער פֿאָלקס־באַוווּסטזיין, אויסגעאיידלט און אויסגעשמידט אין אונדז די בעסטע טוגנטן אַלס מענטשן און יִדן.

די יִדישע טראַדיציע האָט געקענט האָבן אַזאַ געוואַלטיקע השפּעה אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פֿון אונדזער אומה, דערפֿאַר וואָס זי איז געווען נישט נאָר אַ פֿאָלקס־קנין, אָדער אַ ריכטליניע פֿאַרן פֿאָלק, נאָר ווייל זי איז געווען ראשית־כל דער עמוד־האש, דער פּערמאַנענטער וועג־ווייזער און ליכט־טורעם וואָס האָט געריכטעט און פֿאַרפֿליכטעט יעדן יחיד באַזונדער, און איז טאַקע דערפֿאַר אַליין געווען דער גרויסער פֿאָלקס־כּוח און בינדנדיקע קראַפֿט.

האָט טאַקע איין שלחן ערוך געפֿירט און פֿאַראייניקט אַלע יִדן, סיי אַלס יחידים און סיי אַלס גאַנץ פֿאָלק. זענען טאַקע די עשרת־הדברות גע־געבן געוואָרן בלשון יחיד, געווענדט צו יעדן יִדן באַזונדער, און זענען נישט געוואָרן סתם קיין לאָזונג, וואָס מען מאַניפֿעסטירט ביי געלעגנהייט־

לעבע פֿאָלקס־פֿייערונגען אָדער דעמאָנסטראַציעס, נאָר ער איז געווען זיין אַלטעגלעכע, יחידישע, משפּחהדיקע און פֿאָלגלעך פֿאָלקישע לעבן־סיסטעם, וואָס האָט אָנגעפֿילט זיין עקסיסטענץ פֿונעם וויגעלע ביזן לעצטן אָטעמצוג.

דאָס איז געווען אַמאָל. אָבער צום באַדויערן, זענען אין די לעצטע צייטן אויפֿגעפּראַלט געוואָרן די טראַדיציע־טויערן, וואָס האָבן געהאַמעוועט און געהאַלטן אין דעם ייִדישקייט־פֿורעם לאַנגע דורות, און אונדזער פֿאָלק האָט זיך „באַפֿרייט", אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם עול און דעם צובונד צו דער דאָזיקער פֿאָלקס־טראַדיציע.

עס זענען איצט ייִדישן לעבן איפֿגעקומען אַ סך „שלחן ערוכס", מיט פֿאַרשיידענע נעמען, אונטער פֿאַרשיידענע לאָזונגען, מיט באַזונדערע „איז־מען", לויטן גוסט און געשמאַק פֿון יעדן יחיד אָדער יעדער קלענערער אָדער גרעסערער קאָלעקטיווער גרופּע.

אָבער דער לעבנס־פּראַצעס האָט דערוויזן, אַז די אַלע נייע תורות קע־נען נישט „קאָנקורירן" מיטן אַלטן שלחן ערוך, קענען נישט צופֿרידנשטעלן אונדזער פֿאָלקס־געשמאַק, וואָס איז אויסגעוויקט איז דורות לאַנגער ייִדי־שער טראַדיציע און מידות, מיט די קרישטאָל־ריינע ייִדישע מצוות און גע־באָטן. זיי קענען נישט אויפֿהאַלטן די פֿאָלקס־גאַנצקייט, און זענען ווי אַן אומעכטער קינסטלעכער דערזאַץ צו דעם מעין המתגברדיקן שטענדיק זיך באַנייענדיקן ייִדישן לעבן־שטייגער.

ווי האָט אַ מאָל טרעפֿלעך געזאָגט אַ רבי: — „אַלע תורות ווערן דער־עסן, חוץ אונדזער תורה".

און ווי האָט דאָס געשריבן ש. ז. שרגאי: „באַך אַ שיר, וואָס מען זינגט ביי חסידים שמחת־תורה איז: „ונתן לנו את התורה". דער רבונו של עולם האָט אונדז געגעבן די תורה, און חסידים זינגען: „ווי וואָלט אונדז געווען, ווען מיר וואָלטן זיך אַליין געגעבן אַ תורה, ווער ווייסט וויפֿל תורות מיר וואָלטן געהאַט, און וויפֿל געטער מיר וואָלטן געשאַפֿן. איצט דאַנקען מיר דיר רבונו של עולם, האָבן מיר איין תורה און איין ג־ט, איין פֿאָלק און איין לאַנד. און אַלע צוזאַמען פֿרייען זיך מיט דיר, ג־טעניו, וואָס דו האָסט אונדז דיין תורה געגעבן. זינגט־זשע, ייִדעלעך, זינגט: „ונתן לנו את התורה".

אַזוי אַרום, אַז אונדזער דור, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם עול־התורה און דערביי נישט געפֿונען זיין גייסטיקע באַפֿרידיקונג און גליקזעליקייט

אין די אומצייליקע פֿרעמדע תורות, האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אַז „אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה״, אַז אַ פֿרייער מענטש איז דער, וואָס האָט דווקא אויף זיך גענומען דעם תורה־עול. אַנדערש איז ער גייסטיק פֿאַר־קנעכט צו זיין יצר, צו זיינע אַמביציעס, זיין מענטשלעכער קליינלעכקייט, וכדומה.

און מען האָט אָנגעהויבן צוריק, אויב נישט יחידיש, אויב נישט יעדער איינער ביי זיך אין שטוב און אין זיין משפחה, כאָטש לפחות אַרויפֿוואַרפֿן אויף זיך, אייגנוויליק, די טראַדיציע־פֿאָרמען אויף אונדזער קאָלעקטיוו, אויף די געמיינדע־קאָנטורן פֿון אונדזער ייִדיש לעבן, אויפֿן חינוך־וועזן אאַז״וו.

אויב אינעם לעבן פֿון יעדן יחיד גילט נאָך די אַזוי גערופֿענע „דעמאָ־קראַטישע טאָלעראַנץ״ און נישט־אַריינמישונג אין זיין פּריוואַטן גייסטיקן לעבן און פֿירונג, לשם „קאָעקסיסטענץ״ און קעגנזייטיקן רעספּעקט, איז ווען עס קומט צו אַלגעמיינע געמיינדע־פֿירונגען האָבן שוין דאָס רוב אָנ־געפֿאַנגען נאָכצוגעבן, זיך איבערצייגן, און מסכים זיין, אַז עס מוז אָנגע־האַלטן ווערן אַ מינימום טראַדיציע־ראַם, אויב נישט קיין פּאָזיטיווע, אויב נישט קיין מצוות־עשהדיקע, פֿון אָפּהיטן די און די מצוות, די און די פֿאַר־מען, איז כאָטש אָנהאַלטן דעם פּרינציפּ פֿון געזעלשאַפֿטלעכן „לא תעשה״־דיקייט, פֿון נישט טאָן עפּנטלעך דאָס און יענץ, ווי, למשל, נישט מחלל שבת זיין, נישט מחלל יום־טוב זיין אין אונדזערע שולן און אינסטיטוציעס. און ווען עס קומט צו אונדזערע פֿאָלקס־מאַניפֿעסטאַציעס, נישט עובר זיין אויף דעם ייִדישן דת ודין, אויף די ייִדישע דורותדיקע מנהגים.

דערצו זענען כמעט אַלע דערגאַנגען אין זייער קאָנווענציאָנעלער אי־בערצייגונג און בהדרגהדיקער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער לעצטער. ווי האָט דאָס ביאַליק געזאָגט: דרייצן זענען די „אַני מאמינס, אָבער די אמונה איז ביי אונדז אַלע איינע״.

אויב אין די פֿאַרשיידענע „אַני מאמינס״ איז מען נאָך אפֿשר נישט געקומען צו אַ געמיינזאַמער פֿאַרשטענדיקונג, איז אָבער ביי אַלעמען איי־נער דער גלויבן, אַז כדי דער נייער אויפֿוואַקסנדיקער דור זאָל אין גאַנצן נישט פֿאַרשלונגען ווערן דורך די אַסימילאַציע־כוואַליעס, זאָל אונדזער עפֿנטלעך ייִדיש לעבן נישט ווערן אין גאַנצן אַנטי־ייִדישט און אויסגעליידיקט

פֿון זײַנע אָריגינעלע ייִדישע פֿאָרמען און אינהאַלט, און מען זאָל כאַטש, ווי געזאָגט, מיטן „לא תעשה"־קריטעריום, אויפֿהאַלטן די טראַדיציע־ראַמען פֿון אונדזער עפֿנטלעכן געזעלשאַפֿטלעכן ייִדיש לעבן.

ווילן מיר טאַקע דאָ, אין שייכות דערמיט, באַרירן עטלעכע ענינים, וואָס נוגע אונדזער, דער דורך אונדז אַלעמען אָנגענומענער געזעלשאַפֿט־לעכער ייִדישקייט, וואָס מען איז אַליין עובר, און עס באַקומען זיך ווידער־שפּרוכן און אַפֿילו קאָמישע סיטואַציעס, ווי אויך מינדערשעצונג און סתי־רות, אין אונדזער פֿאָלקס־לעבן אַלס ייִדישער ישוב.

ביי ייִדן איז, כידוע, דער „נעשה" געגאַנגען שטענדיק צוזאַמען טימן „נשמעה". דאָס טאָן איז געווען דער נאַטירלעכער פּועל־יוצא פֿונעם פּרע־דיקן און נישט קיין שום סתירה צום געזאָגטן. אַנדערש וואָלט גאָר קיין האַפֿט נישט געהאַט דאָס געפּרעדיקטע. דער „נאה דורש" איז ענג געקנופּט געווען מיטן „נאה מקיים". אין קעגנטייל, קלינגט דאָס ביי רעכטפֿאַרטיקע און רעכטדענקענדיקע מענטשן ווי היפּאָקריטיש, ווידערשפּרעכלעך אאַז"וו.

זענען דעריבער נישט צו פֿאַרשטיין אָט אַזעלכע ביי אונדז סתירותדיקע דערשיינונגען:

אונדזערע ייִדישע שולן זענען שבת געשלאָסן און פֿונקציאָנירן נישט, און במילא דערציִען מיר דורך דעם אַלע אונדזערע תלמידים, אָפּגעזען פֿון דער ריכטונג פֿון יעטוועדער שול, צי זי איז אַ וועלטלעכע אָדער אַ רעלי־גיעזע, אַ ייִדישע אָדער העברעיִשע, אד"גל, אַז שבת איז שבת: מען רוט, מען אַרבעט נישט, די שול־אַקטיוויטעטן פֿונקציאָנירן נישט.

— וויזשע דערקלערט מען דאָס, וואָס די שולן, וואָס ברענגען נישט אין זייערע אויטאָבוסן די קינדער אין שול אום שבת, זעצן זיי אַרויף אויף אַן אויטאָבוס און פֿירן זיי צו דער ראַדיאָ־אוידיציע, צום קינדער־ווינקל, וואָס שפּילט בלויז אין שבת... וואָס דאָס איז דאָך אַ בפֿירושע סתירה צו דער גאַנצער שבת־טראַדיציע.

אָדער אָט, למשל, אָרדנט איין אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ ריכטונג אָדער באַוועגונג אין ייִדישן לעבן, אַן אַזכרה־אַקט נאָך אונדזערע זעקס מיליאָן קדושים, וואָס זענען אין זייער רוב געווען אָפּ־געהיטענע און פֿרומע ייִדן, וואָס האָבן אָפּגעהיט דעם שבת מיט אַלע „פּי־טשעווקעס" פֿון זיין איינגעשטעלטן ריטואַל, און די דאָזיקע טייערע קדושים

זענען עס דאָך געווען די טאַטעס, זיידעס און קרובים פֿון די אָרגאַניזירער פֿונעם אַזכרה־אַקט, וואָס וואָלטן אין זייער לעבן פֿאַר קיין פֿאַל נישט געווען מחלל־שבת זיין, נאָר וואָלטן דאָס באַטראַכט פֿאַר דער פֿיינלעכסטער איבער־לעבונג, און מ'וויל ערן זייער אָנדענק דווקא אין אַ פֿרייטיק־צו־נאַכטס, עובר זייענדיק גלייכצייטיק, סיי דעם הייליקן שבת, און סיי פֿאַרשוועכנדיק דער־מיט דעם הייליקן אָנדענק פֿון אונדזערע קדושים, וואָס וואָלטן זיך אַליין געלאָזט מקריב זיין פֿאַרן שבת, און וואָלטן אַוודאי און אַוודאי נישט, מיט אייגענעם ווילן מחלל שבת געווען.

און דאָס אַלץ ווערט געטאָן צוליב אַן אייגענער „טראַדיציע" פֿון פֿיי־ערן דעם געטאָ־דאַטום לויטן גוייִשן קאַלענדאַר, נעמלעך דעם 19טן אַפּריל, אַ טראַדיציע וואָס איז אַלט אין גאַנצן בלויז צוואַנציק יאָר, און ווערט אָנ־ערקענט דורך אַ קליינער מינדערהייט.

אַפֿילו ביי אונדזערע גרעסטע תּעניתים, וואָס ווערן אָפּגעהיטן ביי די צוויי טויזנט יאָר, און וואָס זענען אָנגענומען און אָפּגעהיטן געוואָרן במשך יאָרהונדערטער דורך דעם גאַנצן פֿאָלק, איז פֿאַראַן אַ נדחה, אויב דער תּענית געפֿאַלט אום שבת. און דאָ קומען יחידים, און ווילן דורכזעצן זייער שפּאָגלנייע אייגענע „טאַרדיציע" איבער דער אַלטער איינגעפֿונדעוועטער פֿאָלקס־טראַדיציע, פֿאַרלעצנדיק דערביי דעם אָנדענק פֿון די דורך זיי באַ־ערטע קדושים און זענען עפֿנטלעך מחלל־שבת, וואָס דאָס איז אין סתירה צו דעם גאַנצן ייִדישן חינוך און איינשטעל.

און עס בעט זיך צו ציטירן יענעם ייִדישן גדול, וואָס איז אויפֿגענו־מען געוואָרן אַלס רב אין אַ שטאָט, האָט ער זיך גלייך געהייסן ברענגען דעם קהלס פּנקס און ער האָט אין אים אַריינגעשריבן וואָרט ביי וואָרט די עשׂרת־הדברות... ווען די ראשי־הקהל האָבן אים, פֿאַרחידושט, געפֿרעגט צוליב וואָס ער טוט דאָס, האָט ער זיי געענטפֿערט:

— אַז במשך פֿון זיין רבנות אין פֿאַרשיידענע שטעט האָט ער זיך אי־בערגעצייגט, אַז דאָס וואָס עס שטייט אָנגעשריבן אין שטאָטישן פּנקס איז אַזוי אָפּט ביים עולם אַ סך הייליקער ווי דאָס וואָס שטייט בפֿירוש געשריבן אין דער תּורה...

איז דאָך דעריבער קיין שום חידוש נישט, ווען איר הערט ביי געוויסע וועלטלעכע קרייזן, וואָס זענען אין גאַנצן אין קעגנערשאַפֿט צו טראַדיציע,

ווען עס קומט צו זייערע אייגענע „איינפירונגען״: — איר ווייסט, ביי אונדז איז עס שוין אַ „טראַדיציע״ צו טאָן אַזוי און אַזוי...

און דאָס גילט אויך פאַר די אַזוי גערופענע „עונג שבת״ן, וואָס זענען עכטע „חילול שבת״ן, ווו עס איז פאַראַן אַלץ וואָס איר ווילט נאָר אַליין, אַ חוץ שבתדיקייט.

און ווי זאָל מען פאַרשטיין אָט אַזאַ מין דערשיינונג:

ייִדן האָבן אין משך פון דער לאַנגער פינצטערער גלות־געשיכטע גע־בעטן פאַר דער אויפריכטונג ציון, געפאַסט שבעה עשר בתמוז און תשעה באב, געהאַלטן די „דריי וואָכן״, וואָס דערמאָנען אין חורבן פון ציון. דאָס זענען פאָלגלעך געווען, אויב מען וויל זיי אַזוי אָנרופן, „ציוניסטישע״ גע־דענק־טעג, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן וואַך די האָפענונגען נאָך גאולה און די שטרעבונג נאָך דעם צוריקקער צום געגאַרטן לאַנד. איז ווי זאָל מען פאַר־שטיין, דאָס וואָס עס קומט אַ ישראלדיקער באַלעט־אַנסאַמבל, אונטער דער רעקלאַמע פון דער ייִדישער מדינה, מיט וועלכער מיר אַלע שטאָלצירן און זענען מיט איר דורכגעדרונגען, און שטעלט זיינע ספּעקטאַקלען אין אַ גרויסן סאַלאָן, פאַר קינד און קייט, ייִדן ווי נישט־ייִדן, דווקא אין די „דריי וואָכן״?

אָדער, ווען אַ ישראל־אינסטיטוט וויל פאַרשפּרייטן עכטע ישראל־מו־זיק, גיט זי אַלע אוידיציעס אין מוניציפּאַלן ראַדיאָ, ד״ה פאַר דער ברייטער וועלט, דווקא אום שבת, אין דעם ייִדישן רו־טאָג?

אָדער: אַ העברעיִשע געגנט־שול, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון דעם גרעסטן נאַציאָנאַלן משורר, וואָס האָט געקעמפט פאַר ייִדישער עפנטלעכער טראַדיציע, פירט גאָר דורך אַן איינמאָליקע יערלעכע אונטערנעמונג, אַ באַל, מיט מוזיק, מיט אַלע טאַנץ־ און פויקן־פליטערלעך פון דער נייער „כוואַליע״ — דווקא אַ טאָג פאַר תשעה באב?!

אָדער ווי זאָל מען באַגרייפן אָט אַזאַ מין פענאָמען, וואָס האַלט שוין אָן יאָרן און יאָרן, אַז אין אונדזערע שולן, און איבערהויפּט אין אונדזערע סע־מינאַרן, מיטל־שולן און הויכשולן, זאָל מען לערנען תנ״ך, דעם הייליקסטן ייִדישן ספר, און מען זאָל לערנען תפילה, אַלס קעגנשטאַנד, אָן אַ היטל, מיט אַ בלויזן קאָפּ?!

די זעלביקע שולן באַווירצן דערביי, לויט אַלע פּעדאַגאָגישע פאָר־שריפטן, דעם קעגנשטאַנד מיט נעבן־אויסצוגן פון אונדזער ליטעראַטור,

וועגן ייִדן מיט קאַפּאָטעס און שטריימלעך און זיי פֿירן אויף גאַנצע בונט־פֿאַרביקע טעאַטער־סעפּקטאַקלען מיט חסידישע דאַשיקעס, באַבערדלטע און באַפּאהטע פּנימער, אָבער אַליין, לויט דער אייגענער אויבן דערמאָנטער „איינפֿירונג״, לערנט מען נישט מער און נישט ווינציקער, תורה, נביאים, כתובים, משנה, אגדה, גמרא, און... תּפֿילה, (?!) אָן היטלעך...

— איז דען פֿאַראַן אַ שרייענדיקסטער אַראָפּרייס און טרעטונג אויף דער אייגענער פֿאָלקס־טראַדיציע, אויף די דורך דורות געהייליקטע ייִדישע ווערטן, פֿאַר וועלכע ייִדן האָבן זיך געלאָזט ברענען און בראָטן, ווי אָט די דאָזיקע איינציקע דערשיינונג?

— ווי קען מען שוין רעדן נאָך דעם וועגן: פּיעטעט, רעספּעקט, טראַדיציע, ייִדישקייט, קאַמף קעגן אַסימילאַציע, וכדומה, וכדומה זאַכן?

— וואָס פֿאַר אַ „הייליקע״ געפֿילן פּלאַנצט מען איין אין די דאָזיקע טרעגערס פֿון אונדזער קולטור, אין אונדזערע לערערס פֿון די סעמינאַרן, אין אונדזערע שול־תּלמידים אאַז״וו?

— צי זעט מען דען אַזעלכעס ביי כל הגויים, וואָס זענען אין זייער גאַנצן מהות דווקא פֿאַרוועלטלעכט, סעקולאַריזירט, און וואָס זייער רעליגיאָזיטעט און טראַדיציע ליגט, להבדיל, פֿאַרפּאַנצערט בלויז צווישן די ווענט פֿון זייערע טעמפּלען און קירכעס? היינט מיר, דער עם הספֿר, דאָס טראַדיציע־פֿאָלק „פּאַר עקסעלאַנס״?

און רעדנדיק שוין וועגן טעמפּלען: ביי זיי, להבדיל, טוען פֿרויען אָן אַ טיכל, דעקן איבער זייערע קעפּ, אינערהאַלב דעם חלל פֿון זייער קירכע הערשט פֿאָרכטיקייט, פּאַסיקער לבוש און יראה.

— ווי זעט עס, להבדיל, אויס ביי אונדז?

אַפֿילו אין די שילן און טעמפּלען, דעקן זיך די מערסטע פֿרויען נישט צו זייערע קעפּ מיט אַ טיכל אָדער היטל, ראש־השנה, יום־כיפּור, אָדער ביי אַ חופּה וקדושין. און נישט, חס ושלום, ווייל זיי האָבן נישט קיין טיכלעך אָדער היט, אונדזערע פֿרויען זענען דווקא באַוווּסט אלס מאַדימס אויף איינצוהאַנדלען זיך כל־המינים טיולן און היט...

און אַז איר זעט שוין יאָ אין אַ טעמפּל אָדער שיל אַן איבערגעדעקטן פֿרויען־קאָפּ, ווערט אייך גלייך פֿריקרע וואָס נאָך דעם באַהיטלטן אָדער באַטיולטן קאָפּ, גיט פֿאַר אייך אַ בליאַסק אַ ווייסער טיף לאַנגער אויסגע־

שניטענער און אויסגעשפּיצטער פּלייצע־דעקאָלט, וואָס שאַפֿט נאָך אַ גרע־סערן קאָנטראַסט צום באַדעקטן קאָפּ...

איז דאָס סיי קאָמיש, סיי ווילד, און סיי אָן דעם מינדסטן געפֿיל פֿון רעספּעקט און דרך־ארץ פֿאַר אַ מקום־קדוש און פֿאַר די געפֿילן פֿון ייִדי־שער טראַדיציע און צניעות.

מיר וועלן שוין דאָ נישט רעדן וועגן דעם אויסזען פֿון דעם לעבן און דער משפּחהדיקייט, פֿון די זייטן פֿון יעדן יחיד באַזונדער, צי דאָס אַראָפּ־וואַרפֿן פֿון זיך יעדן עול פֿון אונדזער שלחן ערוך גיט צו שיינקייט דעם לעבן פֿון די דאָזיקע יחידים. מיר וועלן נישט רעדן וועגן אַלע מאָדערנע גראָטעסקן, ווייל ווי געזאָגט, איז דאָס היינט דאָס פּריוואַטע רעכט פֿון יעדן אינדיווידוּאַל אייגצושטעלן זיין לעבן ווי ער וויל.

מיר וועלן אויך נישט פּרעדיקן קיין מאָראַל און נישט זאָגן קיין מוסר, ווייל מיר זענען כלל וכלל נישט קיין מוסר־זאָגערס אָדער פּרעדיקערס, אָבער מיר וועלן יאָ אויסנוצן אונדזער רעכט, לויט דעם פֿון אונדז אַליין אָנגענומענעם קאָנווענציאָנעלן איינשטעל, אַז וואָס נוגע אונדזער עפֿנטלעכן דערציִערישן, געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און געמיינדע־פֿאַרמען, און אין נאָמען פֿון אונדזערע אַלע לאַזונגען און דעקלאַמאַטאָרישע ליבע־דערקלערונגען צו אונדזערע פֿאָלקס־ווערטן, צו אונדזער פֿאָלקס־גאַנצקייט, צו אונדזער קול־טור און טראַדיציע, אַ קלאַפּ טאָן אין טיש און אויסרופֿן:

— רבותי, אַ ביסל מער רעספּעקט פֿאַר אונדזער טראַדיציע!!!

עכטקייט און אַבסורדן אין אונדזער חינוך

דווקא אין דער היינטיקער מאָדערנער צייט, פֿאַרליידט נישט דער מאָ־דערנער מענטש קיין אומעכטקייט, קיין קעגנזאַצן, נאָר ער האָט אָפּשיי און רעספּעקט פֿאַר אידייען און טאטן ביי אַנדערע, הגם ער אַליין האַלט נישט פֿון זיי, הגם עס איז אָפֿט מאָל גאָר נישט אין הסכם נאָר אין פֿולן קעגנזאַץ צו זיינע אייגענע איבערצייגונגען, אָבער ער בייגט זיין קאָפּ פֿאַר דער ער־לעכקייט פֿון די דאָזיקע דערשיינונגען און פֿאַראויסערונגען, שטענדיק ווען ער זעט אין זיי עכטקייט.

דאַקעגן דערווידערט עס אים, ווען ער אַנטדעקט פֿאַלשקייט, אומעכט־קייט. עס רעגט אים אויף אָט דער ווידערשפּרוך צווישן דעם וואָס מען מיינט אָדער מען פּרעדיקט און דאָס וואָס מען טוט.

לאָמיר היינט באַרירן איין אַספּעקט אַזאַ בנוגע אונדזער חינוך.

כידוע, זענען די מערסטע פֿון אונדזערע היגע ייִדישע שולן נישט קיין רעליגיעזע. איך באַצי זיך צום אַשכנזישן סעקטאָר פֿון אונדזער ישוב, ווייל ביי די ספֿרדים איז דאָס גאָר נישט שכיח. און אָט דער פֿאַקט דאַרף אונדז מאַכן אַ ביסל נאָכדענקען.

ביי די ספֿרדים זענען אַלע זייערע שולן פֿון שטרענגן רעליגיעזן גייסט. נישטאָ ביי זיי דאָס וואָס מיר רופֿן אָן „וועלטלעכע שולן". דאָס איז אַ פּאָ־זיטיווער פֿאַקט, און אין הסכם מיט די פּעדאַגאָגישע פֿאַרשריפֿטן, אַ פֿאַק־טאָר, וואָס גאַראַנטירט די איינהייטלעכע געשטאַלטיקונג פֿון זייער ניי־עם דור.

אַלע ספֿרדישע שולן זענען, ווי געזאָגט, פֿון איין טיפּ, פֿון דעם רעלי־גיעזן שניט. אַלע ספֿרדישע קינדער באַקומען איין און דעם זעלביקן באַגריף פֿון ייִדישקייט; איין און די זעלביקע פּיעטעט און אָפּשיי פֿאַר די ווערטן

פֿון ייִדישקייט, וואָס טיילן זיך נישט אײַן אין קיין קאַטעגאָריעס פֿון „רע־ליגיעזע" און „וועלטלעכע" שולן. (אַגב, נישט קיין עכט־ייִדישע באַגריפֿן, נאָר געגומען פֿון דער נישט־ייִדישער וועלט). דאַקעגן, אין אונדזער היימישן אַשכּנזישן חינוך־וועזן, האָבן מיר אַ פּילצאָליקן אומאײַנהייטלעכן טיפּ שולן, וואָס יעדע איינע שטרייכט אונטער אַן אַנדערן ווערט פֿון ייִדנטום און ייִדישקייט און וואָס איין שול איז דער קאָנטראַסט און דער קעגנזאַץ פֿון דער צווייטער.

אַזוי האָבן מיר „וועלטלעכע" שולן און „רעליגיעזע". צווישן די וועלט־לעכע האָבן מיר העברעיִסטישע און ייִדישיסטישע שולן, נאַציאָנאַלע און „פּראָגרעסיווע". צווישן די רעליגיעזע שולן האָבן מיר אַגודיסטישע, מזר־חיסטישע, „שובה ישראלדיקע", אָרטאָדאָקסישע פֿון סאַטמאַרער שניט אאַז"וו.

יעדע שול, ווי מען קען שוין אַליין פֿאַרשטיין, שטרייכט אונטער אַן אַנ־דערן אַספּעקט פֿון ייִדישקייט, פּירט אײַן אַן אַנדערן גייסט אירע תּלמידים, אַזוי אַז ווען אַ קינד פֿון איין שול זאָל דאַרפֿן אַריבערגיין אין אַ צווייטן טיפּ שול, וואָלט עס זיך געפֿונען ביז גאָר צעטומלט און דעזאָריענטירט.

דאָס איז קעגן דער אומאײַנהייטלעכקייט פֿון דער ייִדישער דערציִונג; און אַז דאָס רופֿט זיך אָפּ נעגאַטיוו אויף דער ווייטערדיקער געשטאַלטיקונג פֿון דעם צוקונפֿטיקן ייִדנטום, איז נישט נייטיק אַ סך מאַריך צו זײַן.

אַזוי קענען זיך דעריבער געפֿינען אויף איין קוואַרטאַל עטלעכע ייִדישע קינדער, וואָס יעדער איינער פֿון זיי זאָל פֿאָרן מיט אַ פֿאַרשיידענעם שול־אויטאָבוס אין פֿאַרשיידענע געגנטן, צו פֿאַרשיידענע טיפּן שולן — אַ זאַך וואָס בנוגע דער לאַנדשול איז דאָס גאָר נישט שכיח. אַלע לאַנדשולן האָבן איין פּראָגראַם, און ס'איז נישט געמאָלט, אַז עס זאָלן געגעבן ווערן צוואַנ־ציק מינים שול־דערציִונגען, לויטן פּאָליטישן אָדער גייסטיקן אײַנשטעל פֿון יעדער גרופּע עלטערן. די דערציִונג איז אַן אײַנהייטלעכע. שפּעטער קען יעדער אַרגעניטינער אויסקלײַבן זײַן אָריענטאַציע, זײַן סאָציאַלן און פּאָלי־טישן פּאַרטיי־קוק, זײַן קאַטוילישן אָדער וועלטלעכן פּרינציפּן אאַז"וו.

אַזוי איז בײַ אונדזערע ברידער די ספֿרדים (און גוטס דאַרפֿן מיר פֿון יעדערן אָפּלערנען, אַזוי ווי, להבדיל, שלעכטס דאַרפֿן מיר פֿון יעטוועדערן אָפּוואַרפֿן ווער עס זאָל נישט זײַן). אַלע שולן זענען בײַ זיי

טראַדיציאָנעלע, פֿון איין שניט. נאָך דעם קען דאָס קינד זיין רעליגיעז אָדער וועלטלעך. דערצו באַדאַרף ער נישט קיין ספּעציעלע שול.

אָבער די באַקומענע באַגריפֿן פֿון ייִדישקייט זענען ביי אַלע ספֿרדישע קינדער איין און די זעלביקע.

דאָס איז דער אַלגעמיינער אַספּעקט.

איצט קומען מיר צו עטלעכע פֿאַקטן:

די לעצטע יאָרן איז מצד די וועלטלעכע שולן פֿאָרגעקומען ביי אונדז אַ גרויסע רעוויזיע. ווער פֿון די וועלטלעכע וואָרטזאָגערס האָט גערופֿן „צוריק אין שיל אַריין״, ווער פֿון זיי איז געווען מעסיקער, נאָר מען האָט זיך אַלע מאָל מער דערנענטערט צוריק צו טראַדיציע, צום אַלטן ישראל סבא.

און דאָ ערשט שווימען אַרויס די שרייענדיקסטע קאָנטראַסטן און די גראָ־טעסקן און אַבסורדאַלסטע אויסטערלישקייטן.

אָט, למשל, לאָמיר באַרירן אַזאַ ענין ווי „קבלת שבת״ אָדער ייִדישע ימים טובים, דאָס מאָל וואָס נוגע אונדזערע שולן.

לויטן שכל הישר, לויטן עכטן צוגאַנג צו פּעדאַגאָגיק, אויב מען האָט שוין יאָ אָנערקענט דעם ווערט פֿון דעם ייִדישן שבת, מיט זיין טראַדיציאָ־נעלן קאָלאָריט, האָט ער שוין געדאַרפֿט זיין אין גאַנצן עכט און איינהייט־לעך אין אַלע ייִדישע שולן. עס קען דאָך גאָר נישט זיין, אַז ביי אַ פֿאָלק זאָל זיין גייסטיקער רוטאָג, זיין הייליקסטער טאָג, האָבן צוואַנציקערליי אָדער מער געשטאַלטן.

אויב מען אָרדנט יאָ איין „קבלת שבת״ן (אגב: אַן עכט־רעליגיעזער ייִדישער באַגריף, און אין די פּוסטריט פֿון ייִדישלעכן שבת, מיט אַ ליכט־בענטשן, מיט שבתדיקע זמירות, פֿון אַ „לכה דודי״, אַ „שלום עליכם״, אַרויסגענומען פֿון ייִדישן סידור, פֿון ייִדישן ריטואַל, פֿון אַ קידוש) האָט דאָך שוין אין אַלע שולן געדאַרפֿט זיין אַן איינהייטלעכע פֿייערונג, און נישט קיין נאָכגעמאַכטקייטן אין אַ צוואַנציק אָדער מער פֿאַרשיידענע אויפֿלאַגעס.

אגב, אין די ספֿרדישע שולן, נעמען די לערער אַלע פֿרייטיק־צו־נאַכטס זייער תלמידים אין זייערע שילן, און זיי דאַווענען מיטן גאַנצן ציבור ייִדן, און זעען ווי דער שבת זעט אויס און אַז ער האָט איין געשטאַלט סיי פֿאַר די גרויסע ווי פֿאַר די קליינע, וואָס דאָס איז דאָך די אייגנטלעכע דערציִונג

פֿון דעם צוקונפֿטיקן מענטשן, אַז ער זאָל קענען אַריינגעריגגלט ווערן אין דער טראַדיציע־קייט פֿון זיין פֿאָלק, וואָס איז איינע און גלייך פֿאַר אַלעמען.
ביי אונדז איז דאָס גאָר קאָמיש:

די קינדער באַקומען נישט קיין עכטן באַגריף וועגן אונדזער שבת.

ווער עס שטעלט פֿאָר פֿאַר אונדזערע קינדער דעם שבת אין דער פֿאַרעם פֿון אַ „קבלה" (און אַ סך קינדער רופֿן עס פֿאַרדרייט: „קאַלאַבאַ"), וואָס מיינט מער־ווייניקער אַזוי: מען צינדט פֿרייטיק נאָך מיטיק ליכט, מען וואַרפֿט אַריין (נאָכן... ליכט־בענטשן) פּרוטות אין דער קרן קימת־פּושקע, מען טאַנצט, מען זינגט, מען עסט און מען שפּרינגט, און מען שפּילט אין הויף פֿאַרמעסטונגען אָדער אַנדערע לאָטאָ־שפּילן אין קלאַס.

אַן אַנדער שול מאַכט גאָר דעם „קבלה" פֿרייטיק־צו־נאַכטס גופֿא: מען ברענגט די קינדער מיט די אויטאָבוסן, מען צינדט ליכט, מען מאַכט קידוש פֿאַר אַן עולם מיט אַנטבלויזטע קעפּ, מען דערלאַנגט ערשט פֿאַרקאָכטע „שבתדיקע" טיי, מען פֿאַררייכערט אַ ציגאַרעטל, מען שטעלט אַן אַ חזנישן פּלאַט, מען גיט אַ פּיאַנאָ־קאָנצערט, מען סערווירט אַ טריפֿענעם טיש און מען האָט געהאַט אַן אמתן... „ענג שבת".

כ'בין אַליין בייגעווען, ווען אַ דירעקטאָר פֿון אַ יידישער מיטלשול האָט פֿאָרגעשלאָגן זיינעם אַן „אָריגינעלן" וואַריאַנט אין אַ פּראָיעקטירטן פֿרייטיק־צו־נאַכטיקן „קבלת־שבת", אַזאַ מין צוגאָב צום אויבן אויסגערעכנטן. נעמלעך: אַ טאַנץ פֿון די תּלמידות מיט ברענענדיקע ליכט... (?!)

אָדער ביי אַ קאָנצענטראַציע פֿון די תּלמידים פֿון אַלע זעקסטע גראַדן, איינגעאָרדנט דורכן וועד־החינוך אין קהילה־זאַל, אין אַ חנוכה־פֿאַרנאַכט, האָט אַ יינגעלע געצונדן ליכט, געמאַכט אַ ברכה מיטן שם, און די גאַנצע בינע מיט שול־אויטאָריטעטן און דער גאַנצער זאַל מיט לערערס און קינדער האָבן דאָס צוגעזען און צוגעהערט מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ. און דאָס ווערט, פֿאַרשטענדלעך, געטאָן אין נאָמען פֿון דער טראַדיציע, כדי אונדזערע קינדער זאָלן... מיטלעבן און זען וואָס עס איז יידישע טראַדיציע...

אָדער גאָר אין אַ באַקאַנטער זומער־קאָלאָניע בייטן זיך יעדע דריי וואָכן די טורנעס פֿון די קינדער, דווקא אין אַ שבת. די פֿאָרן אַוועק און די אַנדערע קומען אָן...

אָדער, אין די שולן און די קינדער־קאָלאָניעס ווערט נישט סערווירט קיין כשר עסן, און נאָך דערצו „בשר קוויטש״...

איך האָב אַ מאָל געהערט אַליין, אָנזאָגן דורכן טעלעפאָן, אַ ספּעציאַ־ליזירטע קינדער־גערטנעריך, אַ מאַמען דעם „מענו״, וואָס זי דאַרף ברענגען צו דער געבוירנטאָג־פּייערונג פון איר קינד אין שול, און וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען כהאי לשנא:

— „סעניאָראַ, טראַיגאַ כאַמאָן״... אאז״וו.

און די זעלביקע לערערקע איז געווען פון די אייפּערדיקסטע „קבלת־שבתניצעס״, אויף אַזוי ווייט, אַז ערב שבת, אין סאַמע ווינטער, האָט זי געלערנט וואַשן אירע קינדערלעך און זיך פּאַרקילן דערביי, ביי פולע עמערס קאַלט וואַסער, די קעגנשטאַנדן פון קינדער־גאָרטן לכבוד... שבת.

מיר ווילן אַפילו צו די אויבן געבראַכטע בלויז געציילטע פאַקטן גאָר נישט צוגעבן, און מיר געפינען אַפילו נישט פאַר נייטיק דאָס ברייטער צו קאָמענטירן.

ס׳איז דאָך פאַר יעדן רעכטדענקענדיקן מענטשן איבעריק צו דערקלערן אַז עפּעס שטימט עס נישט מיט דער עכטקייט און אַפילו מיט דער לאָגיק.

עס גייט אונדז גאָר נישט ווענען צו איבערצייגן, אַז ער זאָל יאָ אָדער נישט זיין רעליגיעז (אָדער ווי אַ סך יידן פאַרדרייען עס אויף: „רעגיליעז״). דאָס קימערט אונדז כלל וכלל נישט.

הגם מיר האַלטן יאָ, אַז די יידישע דערציִונג וואָלט נאַטירלעכערווייז געדאַרפט זיין אַן איינהייטלעכע, אַזוי ווי ביי די ספרדים, און נאָכהער זאָלן די קינדער זיין וואָס זיי ווילן אַליין, אָבער אַז דער באַגריף פון יידישקייט מוז ביי אַלע זיין איין און דער זעלביקער, אין דעם אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל.

— ווייל וואָס געשעט מיט אונדזערע קינדער? אין דער צייט, וואָס די אַהער אָנגעקומענע פון אייראָפּע יידישע עמיגראַנטן זענען געווען פרום אָדער נישט פרום, אָבער די יידישקייט האָבן זיי געלערנט און געזען אין איין און דער זעלבער פאָרעם; אָבער אונדזערע היינטיקע קינדער, וואָס זעען נישט אין זייער קינדהייט, אין זייערע היימען, אין זייער שול, דאָס וואָס יענע עמיגראַנטן האָבן עס געזען אין זייערע אַלטע היימען, באַקומען פשוט אַ טעותדיקן באַגריף וועגן יידישקייט און יעדער איינער לויט זיין טיפּ שול.

אָט, למשל, וועגן שבת: יעדעס קינד האָט גאָר אַ פֿאַרקערטן באַגריף ווי עס וואָלט באַדאַרפֿט אויסזען דער ייִדישער שבת.

ביי איין קינד, פֿון אַ פֿרומער שול, איז דער שבת דאָס וואָס מיר אַלע ווייסן; ביי אַן אַנדערס שטעלט עס מיט זיך פֿאָר דער קבלת־שבת אַ „קאָלאַ־באַ״, און ער גלייבט באמונה שלמה אַז שבת דאַרף מען טאַנצן מיט ברענענ־דיקע ליכט, עסן און שפּרינגען אַזױ.

און ווידער אַ מאָל: עכטקייט. — איז טראַדיציע נישט קיין נאָכגעמאַכ־טע, נישט קיין נאָכגעקרימטע, נישט קיין אַבסורדע, נישט קיין אויסגע־טראַכטע, נישט קיין „אָריגינעלע״, נאָר טראַדיציע מוז, אַזױ ווי ביי אַלע אַנדערע אומות, האָבן איין פֿאָרעם, איין געשטאַלט. עס קאָנען דאָך נישט זיין קיין צוואַנציק אָדער מער מינים פֿאַרשיידענע שבתן פֿאַר אַ מאָל!

ווידער, אויב דער וועד־החינוך, אויב אַלע חינוך־אינסטאַנצן האָבן יאָ אַנערקענט דעם ווערט פֿון טראַדיציע פֿאַר דער ייִדישער דערציִונג פֿון אונ־דזערע קינדער, מוז דאָך דורך דער זעלבער צענטראַלער אינסטאַנץ רעג־לאַמענטירט ווערן, אַז אַלע ייִדישע שולן מוזן געבן די קינדער צו עסן כשרס, לערנען לימודי־קודש מיט אַ היטל, פֿייערן די טראַדיציאָנעלע פֿייערונגען לויט איין ייִדישלעכן מוסטער, און נישט מיט אַזױ פֿיל גראָטעסקן און אַב־סורדן, לויט יעדערנס גוסט און געשמאַק.

דאָ האַנדלט זיך כלל וכלל נישט אין פּרעדיקן רעליגיעזקייט אָדער נישט. דאָ האַנדלט זיך בלויז פֿון דערציִערישן פּעדאַגאָגישן, לאָגישן און איינהייטלעכן צוגאַנג צו ייִדישקייט.

נאָך דעם זאָל דאָס קינד זיין פֿרום צי נישט, רעליגיעז אָדער וועלט־לעך, לויט זיינע אָדער זיינע עלטערנס אַנשויונגען, אָבער זאָלן אַלע ייִדי־שע קינדערלעך באַקומען אַן איינהייטלעכן ייִדישן דערציִונג־באַגריף פֿון אונדזערע גייסטיקע ווערטן.

עפּעס מוז דאָך אויסטיילן אונדזער ייִדישער שול פֿון דער נישט־ייִדי־שער, למשל, פֿון אַן ענגלישער שול. אויב עס האַנדלט זיך בלויז וועגן שפּראַך, לערנען דאָך אונדזערע קינדער אויך אין אַן ענגלישער שול פֿאַר זיי אַ פֿרעמדע שפּראַך, פּונקט ווי ייִדיש און העברעיִש איז פֿאַר זיי און שוין, פֿאַר אַ סך עלטערן אַ נייע שפּראַך. אויב טאַנצן, שפּרינגען, קען ער דאָס דאָרטן אויך טאָן. אויב עסן ניט־כשרס, איז דאָך אַוודאי דאָרטן ניט שווער...

אויב נישט קיין עכט־ייִדישע טראַדיציע, קען ער דאָך דאָס אַוודאי דאָרטן באַקומען...

איז עפּעס עכט ייִדיש מוז מען דאָך געבן אונדזערע קינדער, עפּעס אַזאַ ייִדישקייט וואָס זאָל אונדזער שול אויסטיילן פֿון אַנדערע נישט־ייִדישע שולן. עפּעס מוז דאָך זיין אַ ייִדישע ראַם צו אַלץ וואָס ער זעט און אַנט און באַקומט אין אונדזער שול.

דאָ האַנדלט זיך שוין לגמרי נישט וועגן פֿרום זיין שפּעטער צי נישט. דאָס באַשעפֿטיקט אונדז לחלוטין נישט.

אָט האָבן מיר אָקאָרשט געזען אַ ביישפּיל פֿון אונדזער ייִדישן נשיא און געוועזענעם פּרעמיער־מיניסטער, זלמן שזר און דוד בן־גוריון, בשעת טשוירטשילס לוויה, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אום שבת. זיי האָבן געהאַנדלט לויטן ייִדישן דין, ווירדיק, הגם פּריוואַט ווייסן מיר אַלע, זענען זיי גאָר נישט קיין פֿרומע, אָבער פֿאָרשטעלנדיק צווישן דער נישט־ייִדישער וועלט מדינת־ישראל, האָבן זיי געהאַנדלט לויט דער עכטער ייִדישער טראַדיציע, און גאָר אַרויסגערופֿן באַוווּנדערונג צווישן נישט־ייִדן.

און אויב צווישן נישט־ייִדן ווייזט מען מיט שטאָלץ אונדזער אמתע אומגעפֿעלשטע טראַדיציע, אַפֿילו דורך נישט פֿרומע פֿאָלקס־מנהיגים, אַוודאי און אַוודאי צווישן אונדז ייִדן, איבער הויפּט אין די ייִדישע שולן, ווו מען דאַרף לערנען ייִדישקייט מיט קינדער פֿון אָפּגעפֿרעמדטע ייִדישע היימען, דאַרף מען אַוודאי דאָס טאָן.

וואָס מיר זענען בלויז אויסן, איז צו רופֿן די אויפֿמערקזאַנקייט צו דער אומעכטיקייט און אַבסורדן אין דער ייִדישער דערציִונג פֿון אונדזערע קינדער, וואָס סוף־כל־סוף מוז עס זיך דאָך אָפּרופֿן אין דער מאָרגנדיקער געשטאַלטיקונג פֿון אונדזער פֿאָלק.

אינהאַלט איז אָנהאַלט

דער ציוניזם איז געווען אין גלות איינע פֿון די פּאָזיטיווסטע באַוועגונגען, נישט נאָר אין הינזיכט פֿון העלפֿן אין דעם אויפֿבוי, אין דער אויסקעמפֿונג און אינעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער מדינה, נישט נאָר אַלס צושטעלערן פֿון חלוצים, עולים און געלט־שטיצע, נאָר קודם־כל האָט ציוניזם געשפּילט אַ לעבנסוויכטיקע ערשטראַנגיקע ראָל פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דעם ייִדישן לעבן אין גלות, ווען ער האָט באַקרעפֿטיקט, אַריינגעבראַכט דערין נאַציאָנאַלן אינהאַלט, עס באַפֿאַרבט מיט קולטורעלן קאָלאָריט, בייגעטראָגן צו דער געמיינדע־קריסטאַליזאַציע פֿון דעם גלות־ייִדנטום און דער עיקר — צו דער דערציִונג פֿון די נייע דורות.

אונדזער תקופֿה איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון דעם ציוניזם, פֿון דער חלוצישער ברויזנדיקייט, פֿון די מאַסן־אַקטן און פֿאַרזאַמלונגען, פֿון דעם העברעיִשן רענעסאַנס, פֿון דער אויפֿלעבונג פֿון דעם ייִדישן חינוך, און האָט זיך געפֿונען אונטער דעם אומאָפּמעקלעכן איינפֿלוס און ברכה־דיקער אויסווירקונג פֿון אָט דער באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט ייִדישע מאַסן איבער דער גאָרער וועלט, און אין זיי אַריינגעהויכט ייִדישע אידעאַלן, ייִדישע טרוימען, ייִדישן שטורעם און דראַנג, זיי פֿאַרוועבט אין דער גאַמע פֿון ייִדישער פּראָבלעמאַטיק, ייִדישע זאָרגן, און זיי פֿאַרבונדן מיטן ייִדישן גורל און אינהאַלט.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ציוניזם איז געווען איינגעטיילט אין פּאַרטייען און שטרעמונגען, פֿון לינקס ביז רעכטס, אין עקסטרעמע גרופּירונגען ווי אין באַלעבאַטיש־מעסיקע אָרגאַניזאַציעס, אין פֿרומע און וועלטלעכע. אָבער אַלעמען האָט פֿאַראייניקט דער געמיינזאַמער שטריך פֿון אינהאַלטלעכקייט, לויט יעדערנס באַטרעפֿנדיקער אויפֿפֿאַסונג און באַנעמונג פֿון דער אויפֿלעבבאַוועגונג.

אַזוי האָבן די פֿרומע עלעמענטן געזונגען אין זייערע לידער „תורה ועבודה״, „אנחנו בני־התורה״, אָדער גאָר די פֿרומע האָבן געזונגען „אני מאמין״, די רעכטע רעוויזיאָניסטן האָבן געזונגען „שתי גדות־הירדן״; ווי־דער די לינקע עלעמענטן — „קומו עמלים״ — „מיר זאַמלען זיך, מיר יונגע שומרים״ אאַז״וו, און האָבן אויסגעטאַנצט זייערע באַגערן אין חסידישע פֿרו־מע ריקודים, אָדער אין התלהבותדיקע חלוצישע „הוראַס״ און „יולאַס״.

היינט די הייסע דעבאַטעס און ויכוחים וואָס די יוגנטלעכע מיטגלידער פֿון די פֿאַרשיידענע שטרעמונגען און גרופּירונגען פֿלעגן צווישן זיך פֿירן, און דערביי זיך סומך־געווען אויף דער און דער טעאָריע, אויף דעם און דעם טעאָרעטיקער.

אָבער היינט צו טאָג, שיינט אונדז, אַז דאָס אַלץ געהערט צו אַ ווייטן עבר, איז שוין איינגעהילט אין אַ דיקן ראָמאַנטישן שלייער, ווי אַ זאַך וואָס רוקט זיך אַלץ מער און מער אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אַריין.

און דאָס קומט אונדז אויפֿן זינען, אין אָנבליק פֿון דער אינהאַלטלאָזי־קייט און פֿאָלגלעך פֿון דער פּוסטקייט וואָס הערשט איצט ביי אַ סך יוגנט־קרייזן.

אָט, למשל, האַלט איך איצט אין מיינע הענט אַ ייִדישע צייטונג, וווּ עס טאַנצן מיר אויף אויף שפּאַניש צוויי אַנאָנסן פֿון צוויי באַקאַנטע יוגנט־צענטערן, פֿון קאָמפּאַקטע ייִדישע געגנטן. ביידע צענטערן טראָגן די נעמען פֿון צוויי ציוניסטישע גדולים, נישט קיין קלענערע נעמען ווי פֿון דעם ערשטן נשיא־ישראל ד״ר חיים ווייצמאַן, און פֿון דעם אויפֿלעבער פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, אליעזר בן־יהודה. און ביידע יוגנט־צענטערן זענען זיך מקדים צו פֿייערן יום־העצמאות מיט פֿינף טעג פֿריִער פֿאַר דער דאַטע, און זיי רופֿן די יוגנט צו קומען פֿייערן אָט די טראַנסצעדענטאַלע דאַטע אין אונדזער לעבן, דער ערשטער צענטער מיט אַ גרויסן באַל פֿון... „טוויסט״־טענץ און דער צווייטער יוגנט צענטער, מיט „קאַריאָקאַ״־טענץ...

פֿאַרשטענדלעך, אַז פֿון אַזעלכע אַנאָנסן און פֿייערונגען מוז יעדן ייִדישן ייִד ווערן קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן.

ווי געזאָגט, האַנדלט זיך דאָ פֿון ציוניסטישע יוגנט־צענטערס, נישט פֿון סתם פֿאַרוויילונגס־קלובן, אָן שום אָנגעהעריקייט. — היינט וואָס קען מען שוין דערוואַרטן פֿון די לעצטע?...

מיר ווילן דווקא אין אָט דעם קאַפּיטל זיין ביז גאָר מילד און נאָכגעבן אַלע סניגורס פֿון אונדזער יוגנט, און זיי צושפּילן אין זייערע אַרגומענטן, אַז: יוגנט איז יוגנט, זיי זענען באַווירקט פֿון דעם איצטיקן צייט־גייסט, פֿון דער אַרומיקער סביבה, וכדומה, אַפּאָלאָגעטישע אַרגומענטאַציעס וואָס מען וועט זיכער איינוועגדן קעגן אונדזער קריטיק. אָבער, אַפֿילו אָננעמענדיק אָט די באַוואָרענישן און פֿאַרמילדערנדיקע אַרגומענטן וועט, קעגן אונדזער בעסטן ווילן, נאָך אַלץ בלייבן די מורא פֿאַר דער גענצלעכער אינהאַלטלאָזיקייט און ייִדישער אויסגעליידיקטקייט פֿון דער דאָזיקער יוגנט, וואָס קען ווייט־ווייט פֿאַרפֿירן און וואָס וואַרפֿט פשוט אָן אַ פחד וועגן אונדזער צוקונפֿט.

אמת איז, אַז ייִדישע יוגנט איז שטענדיק געווען פֿעיִק צו פֿאַראייגענען די אַרומיקע פֿרעמדע זיטן און מנהגים, איז אָפֿט מאָל געווען אַ פוסח על שתי הסעיפּים, האָט געטאַנצט אויף ביידע זייטן, אָבער אין גאַנצן אַריבערצוטאַנצן אויף דער אַנדערער זייט, דאָס קענען מיר שוין נישט משיג־זיין און דערלאָזן צום געדאַנק.

איך פֿאַרשטיי שוין, אַז די דאָזיקע צענטערן זאָלן איינאָרדענען ייִדישלעכע יום־העצמאות־אַקטן, מיט אונדזער שפּראַך, אונדזערע ייִדישע טענץ, ווי הוראַס, ייִדישע מוזיק, אַ ייִדישע קונסט־פּראָגראַם אד"גל, און די יוגנט וועט שוין אַליין אויף די דאָזיקע אָדער אויף די נאָכקומענדיקע אַקטן, אַריבערגיין צו די „טוויסט"־טענץ. דאָס דאַרפֿן מיר זיי דאָך נישט לערנען, און דערצו באַדאַרפֿן מיר זיי נישט איינלאַדן און רופֿן צו אונדזערע „יום־העצמאות"־פֿייערונגען. אָבער, אַז בלויז דאָס זאָל זיין דער אינהאַלט ? ! ! !

מיר וועלן שוין זיין ביז גאָר טאָלעראַנט און אַפֿילו שוין נאָכגעבן יענע שרייבערס, וואָס באַגרינדן זייער איינשטעלן זיך פֿאַר געוויסע ליבעראַליזאַציעס אין אונדזער ייִדישקייט, מיט דער אַרגומענטאַציע אַז דאָס יהדות, אין איר געשיכטלעכן פּראָצעס, איז „פושט צורה ולובש צורה", אָבער דערביי בלייבט דער ייִדישער עיקר, אָבער אין גאַנצן פושט צו זיין די ייִדישע צורה און נישט אָנטאָן קיין נייעם ייִדישן לבוש, דאָס הייסט, בלייבן ייִדיש־נאַקעט, אָן דעם ייִדישן עיקר, און אַזוי ייִדיש־נאַקעטערהייט אַריינטאַנצן אין ווילדן גויִישן „טוויסט"־טאַנץ אָדער „קאַריאָקאַ"־באַל, דאָס איז שוין נישט אין הסכם מיט אַלע פֿאַרגלעטערס און פֿאַרמילדערער פֿון אונדזער אינ־

האַלטלאָזיקייט, וואָס קלאַפּט אַזוי שטאַרק אָן אין די שוועלן פֿון גרויסע מאַסן ייִדישע יוגנטלעכע.

פֿון קיין אויסנאַמען וועלן מיר דאָ נישט רעדן, ווייל ווי באַקאַנט, באַשטעטיקן די אויסנאַמען דעם כּלל...

מיר האָבן שטענדיק געהאַט, ווי שוין אויבן געזאָגט, די צופּאַסונגפֿעיִקייט צו דער אַרומיקער סביבה, אָבער צוגלייך דערמיט, האָבן מיר דאָך אויך פֿאַרמאָגט דעם לעבנס-אינסטינקט פֿון „עם לבדד ישכון״, פֿון אויפֿהאַלטן, טראָץ דעם שטאַרק-לאָקעדיקן אַרום, אונדזער ייִדישן אייגנאַרט, אונדזער באַזונדערטקייט.

פֿרומע ייִדן האָבן אפֿשר געקענט האָבן אַ סך טענות צו די פֿרייע אָדער גאָר לינקע באַוועגונגען, וואָס האָבן גערופֿן אויף עברית און ייִדיש צו רעוואָלוציעס און האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם ייִדישן מצוות-עול.

אָבער, למען האמת, האָבן זיי דאָך געהאַט די העברעיִשע שפּראַך, דעם ייִדישן לשון, דאָס ייִדיש ליד, דעם העברעיִשן שיר, וואָס איז טאַקע ביי די פֿרומע געווען בלויז די כּלי פֿון ייִדישקייט, אין וועלכער עס האָט ערשט געפּעלט ייִדישער אינהאַלט, ייִדישקייט, ווי זיי האָבן עס גערופֿן, אָבער ביי דער היינט-דערמאָנטער ציוניסטישער יוגנט פֿעלט דאָך אַפֿילו די כּלי אויך. — היינט, גיי שוין רעדן וועגן אינהאַלט, אַז זיי האָבן אַפֿילו נישט די ראַם, די אויסערלעכקייט.

און אויב זיי האָבן נישט די כּלי, נישט דעם אינהאַלט, וואָס פֿאַר אַ אָנהאַלט קענען זיי שוין האָבן אין ייִדישקייט?

אַ גוטער ייִד האָט אַמאָל געזאָגט אַז: די ייִדן ווערן געגליכן צו פֿייער, און די אומות-העולם צו וואַסער. כּל-זמן עס איז פֿאַראַן אַ מחיצה צווישן פֿייער און וואַסער, ווי, לאָמיר זאָגן, פֿון אַ טאָפּ, ברענט דאָס פֿייער. אין קעגנטייל, אויב עס איז נישט פֿאַראַן דער טאָפּ, דאָס הייסט, די מחיצה, צווישן פֿייער און וואַסער, איז דאָס וואַסער גובר און פֿאַרלעשט דאָס פֿייער.

מיר דאַרפֿן דעריבער זען צו שאַפֿן ביי אונדזער נייעם דור, אָט די כּלי, דעם טאָפּ, אָט די מחיצה קעגן די גויישע שטאַרקע אַסימילאַציעוואַסערן, וואָס זאָלן נישט פֿאַרלעשן דאָס נאָך טליִענדיק אין זיי ייִדיש פֿייער, און נישט פֿאַרשווענקען די נאָך נישט אויסגעלאָשענע ייִדישע פֿונקען.

אין קעגנטייל, קענען חס ושלום, די אַרומיקע אַסימילאַציע־כוואַליעס גובר זיין און פֿאַרלעשן אָט דאָס נאָך צאַנקעדיק ייִדיש פּייערל.

אַמאָל פֿלעגן מיר זיך שטאַרק באַנוצן מיט הערצלס רוף, אַז „שיבה ליהדות קודמת לשיבה לציונות״ — אַז דאָס אומקערן זיך צו ייִדישקייט איז פֿריִער ווי דאָס אומקערן זיך צום ציוניזם. דאָס האָט זיך באַצויגן צו יענע קרייזן וואָס זענען געווען שטאַרק צונויפֿגעבונדן און צוגעזאָגט צום ציוניזם, אָבער וואָס האָבן אונטערגעהינקט אין זייער ייִדישקייט. אָבער אויף די דאָזיקע יוגנט־צענטערן איז דאָך נישט חל אָנצווענדן אָט דעם זאָג, ווייל, לויט זייער „טוויסט״־פּייערונג פֿון אונדזער יום־העצמאות, זענען זיי דאָך כּלל און כּלל אַפֿילו צו דער שוועל פֿונעם ציוניזם נישט דערגאַנגען...

און דווקא אין אַזעלכע צענטערס וואָלט מען געדאַרפֿט אַממערסטן לייגן אַכט אויף ייִדישער אינהאַלטלעכקייט, סיי אין דער כּלי, אין דער אויסער־לעכקייט, ווי אין דעם תּוכן, אין דער אינערלעכקייט.

דווקא אָט די דאָזיקע צעטאַנצטע „טוויסט״־יוגנט, וואָלט מען באַדאַרפֿט פֿאַרפֿאַנצערן מיט וואָס אַ גרעסערער דאָזע ייִדישקייט, כּדי זי אַריבערצוטאַנצן אויף אונדזער זייט, זי צוביינדן צו אונדזער פּראָבלעמאַטיק, זי באַהויכן מיט אונדזערע וויזיעס און אידעאַלן, מיט אונדזערע שטרעבונגען און גאַרונגען.

דערביי קומט אונדז אין זכּרון דער משל וואָס אַ ייִדישער גדול האָט אַמאָל געגעבן וועגן דער ייִדישער יוגנט אין גלות:

אַז אַ מענטש, וואָס האָט געליטן פֿון אַ שיפֿסברוך, האַלט זיך אין טרינ־קען אינעם צעברויזטן ים, איז וואָס שטאַרקער ער וועט זיך איינקלאַמערן און אָנהאַלטן מיטן גאַנצן גוף אין אַ שווימענדיקער ברעט, אַלץ מער וועט ער קענען אויסהאַלטן, ביז עס וועט פֿון ערגעץ קומען זיין רעטונג. דאַקעגן, וואָס שוואַכער ער האַלט זיך אָן אין דער דאָזיקער ברעט, אויב ער קלאַ־מערט זיך נישט אין איר מיט זיין גאַנצן גוף, זענען זיינע אויסזיכטן גע־ראַטעוועט צו ווערן אויך שוואַכערע.

אַזוי איז אויך מיט אונדזער היינטיקער יוגנט: וואָס מער ייִדישן אינ־האַלט מען וועט איר אַריינגעבן, וואָס שטאַרקער זי וועט זיך קלאַמערן אין אונדזער ייִדישקייט, אין אונדזערע ייִדישע ווערטן, אַלץ מער אויסזיכטן וועט זי האָבן צו ראַטעווען זיך פֿון דעם ברויזנדיקן ים פֿון אַסימילאַציע, וואָס ציט אַראָפּ צו די קאַלטע, פֿינצטערע אָפּגרונטן. און דאַקעגן, וואָס שוואַכער

איר אָנהאַלט וועט זיין אין יידישן אינהאַלט און פֿאָרמען, אַלץ מער וועט זי, חס וחלילה, צואיילן די וואַסער־פֿאַרלעשונג פֿון דעם יידישן פֿייער.

ווייל נאָר יידישער אינהאַלט, קען אַלזאָ, זיין די לייזונג פֿון דעם אַזוי אַנגעווייטיקטן יוגנט־פּראָבלעם, וואָס זאָל ראַטעווען דעם מאָרגן פֿון אונדזערע ישובים אינעם גלות, און פֿאַרזיכערן די צוקונפֿט פֿון אונדזער געמיינדע־לעבן אויף די היגע אָרטשאַפֿטן.

ווייל, נאָר אינהאַלט איז אָנהאַלט.

די שול — אונדזער פעסטונג

פֿון איין זייט שטעלן מיר אַוועק דאָס קעפּל: „די שול — אונדזער פֿעסטונג״ מיט גרויס פֿרייד און שטאָלץ, וואָס אונדזער שול האָט זיך דאָך דורכגעשלאָגן אַ וועג אין היגן ייִדישן לעבן, פֿאַרנעמט דאָ הי דעם צענטער פֿון אונדזערע קיום־ און המשך־זאָרגן, און איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ייִדישקייט־פֿעסטונג פֿון אונדזערע מקומות.

פֿון דער צווייטער זייט, זיך גוט אַרייַנטראַכטנדיק דערין, ווערט אַ ביסל טרויעריק, ווייל דאָס ווייזט די נעגאַטיווע זייט פֿון אונדזער לעבן.

כידוע, אַז מען רעדט פֿון אַמאָליקן ייִדישן לעבן, זאָגט מען אַז די ייִדישע שטוב, די ייִדישע גאַס, די ייִדישע סביבה, זענען עס געווען די ייִדישקייט־פֿעסטונג וואָס האָט אויסגעשמידט דורות און זיי פֿאַרפֿאַנצערט מיט ייִדישן וויסן, מיט ייִדישן אַרט דענקען און פֿילן אויף אַ גאַנץ לעבן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ ייִדישקייט־אַטמאָספֿער איז די שול, דער חדר און די ישיבה געווען צענטערן פֿון ייִדישקייט, אָבער זיי זענען עס געווען דער פּועל־יוצא פֿון דעם פֿולבלוטיק ייִדישן לעבן וואָס מען האָט געפֿילט אין דער היים, אויף דער גאַס, אין דעם גאַנצן אַרום.

אַפֿילו די וואָס זענען נישט געגאַנגען קיין סך אין חדר אָדער נישט געלערנט אין דער ישיבה, וואָס זענען, פֿאָלגלעך, נישט באַטראַכט געוואָרן פֿאַר קיין קענער אָדער למדנים, זענען געווען אַרייַנגערינגלט פּערמאַנענט אין דער ייִדישקייט־קייט, אין דעם עול פֿון מצוות מעשיות, זענען געווען געבונדן צום ייִדישן שטייגער און זענען געווען וואַרעמע גוטע ייִדן אין פֿולן זין פֿון וואָרט. זייער ייִדישקייט־שול איז געווען דאָס ייִדיש לעבן, פּערמאַנענט, פֿון זייער געבורט אָן ביז זייער לעצטן אָטעם־צוג. זיי האָבן אייַנגעזאַפּט זייער ייִדישקייט פֿון זייערע וויגלידער, פֿון זייער אייַנשלאָפֿן

מיט „תורה, תורה אין קעפּעלע״, און עס איז דעריבער נישט געווען נייטיק צו רעדן וועגן המשך, וועגן קיום, צו פּראָקלאַמירן חינוך־אַקציעס וכדומה, ווייל דאָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך ווי דאָס אָטעמען, ווי דאָס לעבן גופא. און ווען מען פון אונדז פאַלט גאָר איין צו פּראָקלאַמירן אָטעמונגס־אַקציעס אָדער לעבנס־אַקציעס, צי גאָר וואַרפן לאָזונגען אַז „צום לעבן דאַרף מען אָטעמען״ אד״גל.

אַנדערש איז, צום באַדויערן, ווי עס איז יעדערן באַקאַנט, די ייִדיש־קייט־פּאַנאָראַמע אויף אונדזערע ווינערטער: די ייִדישע היים איז מער נישט די פעסטונג פון ייִדישקייט, דאָס ייִדיש לעבן איז מער נישט די ייִדישקייט לעבנס־שול פון אונדזער קינד, נערט אים נישט מיט אירע דורותדיקע זאַפטן, בינדט אים נישט צו מיט איר שטייגער־אַרט, פאַרפּאַנצערט אים נישט מיט אירע ייִדישקייט־קוואַלן.

די ייִדישע שול איז דעריבער נישט קיין פועל־יוצא, נישט קיין דער־גאַנצונג צו דער ייִדישער אויסגעליידיקטער היים און גאַס, נאָר דאָ הייבט זיך גלייכצייטיק אָן דער צווייענדיקער פענאָמען, די איינציקאַרטיקע דער־שיינונג: די ייִדישע שול איז גאָר די פעסטונג פון ייִדישקייט, די איינציקע פעסטונג, וואָס נישט נאָר נערט זי זיך נישט פון דער ייִדישער היים, נאָר אַדרבא: זי שפּייזט די לעצטע מיט ייִדישקייט.

דאָ ליגט די גרויסע טראַגעדיע. די שול, די שוואַכע ייִדישע שול, דאַרף אויסאיבן אַ צווייענדיקע אָדער גאָר פילפאַכיקערע פונקציע: פון אַ שול, און ווי ווייט מעגלעך, הגם מען זאָל זיך קיין מאָל דאָס נישט איינ־רעדן, די פונקציעס פון אַ היים, ווייל אַ ייִדישע היים, דאַרף מען וויסן, ווייסט נישט פון קיין שעהען, פון קיין פרייע טעג, פון קיין וואַקאַציעס, נאָר איז דער פּערמאַנענטער מעין המתגבר פון ייִדישע איבערלעבונגען, די 24 שעה פון דעם מעת־לעת און די 365 טעג פון דעם יאָר. און די ייִדישע שול, מיט איר באַגרענעצטער צאָל שעהען און טעג, דאַרף עס זיין די צו־שטעלערן פון ייִדישקייט־שפּייז סיי פאַרן תלמיד, און נאָך איבערשיקן איר אויסווירקונג צו זיין היים.

אין אַנבליק פון אָט דער געשאַפענער לאַגע אין אונדזער לעבן, וואַקסט דעריבער אויס די ראָל פון אונדזער שול צו נישט־געאַנטע הויכן, און איר חשיבות איז אין לשער.

דורך אַט דער פּריזמע פֿון אונדזער היינטצייטיקערווירקלעכקייט, מוזן מיר דעריבער פֿאָדערן אַז אונדזער שול זאָל זיין אַ וואָס בעסערע, אַ וואָס ווירקזאַמערע, וואָס איכותדיקער און זי זאָל מאָביליזירן אַלע אירע רעסורסן און מעגלעכקייטן צו אַנטשפּרעכן די אויפֿגאַבע וואָס מען האָט אויף איר אַרויפֿגעלייגט.

דעריבער דאַרף מען אין אונדזער שול אויפֿפּאַסן אויף אַלע דעטאַלן, וואָס פֿירן צו איר שלמות, אויף איר אָרגאַניזאַציע, אויף איר דיסציפּלין, אויף איר אינהאַלט, איר פּראָגראַם, איר גייסט, אירע צוציִונגס־מיטלען פֿאַר אונדזערע תּלמידים, וכדומה.

דעריבער דאַרף מען אַזוי פֿיל אַכט לייגן אויף די וואָס שטייען בראש פֿון דער שול, אויף דעם לערער, אין וועמענס הענט עס ווערט אָנפֿאַר־טרויט די דערציִונג, די געשטאַלטונג פֿון דעם קינד.

אונדזער לערער דאַרף אויך זיין נישט קיין געוויינטלעכער לערער, ווייל אין אַנדערע נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט די ייִדישע שול און דער ייִדישער לערער געדאַרפֿט בלויז זיין די איבערגעבער פֿון ידיעות, ווייל דער „ושננתם לבניך“, דער ייִדישער חינוך איז תּמיד חל־געווען אויף דעם ייִדישן פֿאָטער, אויף דער ייִדישער היים. די שול און דער לערער וואָלטן נאָר באַדאַרפֿט באַרייכערן די ידיעות פֿון דעם תּלמיד, זיך באַגרענעצן צו דעם בילדונגס־אַספּעקט, ווייל ווי געזאָגט, וואָלט מיט דעם דערציִונג־אַספּעקט זיך פֿאַר־נומען די היים. אָבער היינט דאַרף דער לערער זיך פֿאַרנעמען מיט ביידע אויפֿגאַבעס, סיי מיט בילדונג ווי מיט ייִדישער דערציִונג, און אפֿשר מיט אַ דריטער אויפֿגאַבע: נאָך צו דערציִען דורך דעם תּלמיד זיין היים, אַריינ־פֿירן דורך אים אַ ביסל ייִדישן גייסט, ייִדישן אינהאַלט, ייִדישע יום־טוב־דיקייט אין זיין אויסגעייִדישטער שטוב.

איז דאָך זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ לערער דאַרף זיין אַ באַוווּסט־זיניקער, דאַרף פֿאַרמאָגן אַ גענוגנדיקן סכום ידיעות, דאַרף אַליין זיין דורכגעדרונגען מיט ייִדישן גייסט, פֿאַרבונדן מיט ייִדישן שטייגער־לעבן, פֿאַרקנופּט מיט ייִדישע אידעאַלן און פּראָבלעמען, באַהאַוונט אין דער ייִדי־שער טאָג־טעגלעכקייט, באַלעזן אין ייִדישער פּראָבלעמאַטיק, שעפּן זיין וויסנס־קוואַל פֿון דעם ייִדישן ספֿר, פֿון דער ייִדישער צייטונג, פֿון די ייִדישע צייטשריפֿטן, דאַרף זיין אַ מוסטער פֿון פּערזענלעכער קאָרעקטקייט,

עטיק, מאָראַל, כּדי ער זאָל קענען אויסשטראַלן זיין איינפלוס, זיין וויר־קונג און אין זיין אייגענעם ביישפּיל און מוסטער פורעמען די נשמה און דעם גייסט פון זיינע תלמידים.

אין קעגנטייל, זענען אַלע זיינע לערעס בלויז גראַטעסקן, היפּאָקריזיע, אומעכטקייטן, אומהאַפּטיקע פּאַפּירענע בלומען, אָן דופט און אָן לעבן, וואָס ווערן אין אַזאַ ליכט אויפגענומען און אָפּגעשאַצט דורך זיינע תלמידים, דורך זיינע קאָלעגן, עסקנים און געזעלשאַפט.

און דאָ ווילן מיר פעסטשטעלן, און עס וועלן דאָס באַשטעטיקן די אַלע וואָס קענען און וואָס קומען אין קאָנטאַקט מיט ייִדישע קינדער: זיי זענען די ערשטע וואָס דערשפּירן די עכטקייט פון דעם לערער, זיינע ידיעות, זיין האַלטונג, זיין זיכערקייט אָדער אומזיכערקייט, זיין אויפפירונג. זיי זענען דאָס, אינטויִטיוו, זיינע ערשטע מבינים, זיינע ערשטע קריטיקער און די ערשטע וואָס נעמען אָן ערנסט זיין לערע ווען זי איז אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון זיין האַלטונג, ווען זי דעקט זיינע ווערטער, אָדער זיי זענען עס די וואָס דיסקרעדיטירן זיין לערערישע פּערזענלעכקייט, ווען זיינע ווערטער זענען קליידלאַזע, אָן טאַטן און אָן האַלטונג, ווי, למשל, אַ טשעק אָן פאָנדן...

דאָס דאַרפן וויסן אַלע ייִדישער דערציִערס, און בפרט אונדזער לע־רערס וואָס האָבן אויף זייערע יונגע פּלייצעס אַזאַ שווערן און איינציקאַר־טיקן ייִדישקייט־עול, בכדי זיי זאָלן צוגיין צו זייער אַרבעט בדחילו ורחימו, ווי צו אַ מלאכת־הקודש, צו אַן עבודה, צו אַ פאָלקס־כהונה, וואָס ברענגט־אויף אויף דעם מזבח פון דעם פאָלקס־המשך די נשמות פון אונדזערע טייערע משהלעך און שלמהלעך, שרהלעך און רבקהלעך.

און אונדזערע קינדער זענען אויך איינציקאַרטיק אויף דער גאַנצער וועלט.

לויטן שכל הישר, קומענדיק פון אָפּגעפרעמדטע ייִדישע היימען, וואָלטן זיי דאָך געדאַרפט זיין פרעמד געשטימט, אַפּאַטיש צו אַלץ וואָס איז ייִדיש.

אָבער דאָ אַנטפּלעקט זיך דער גרויסער אַטאַוויסטישער וווּנדער: דווקא זיי זענען עס די גרויסע ענטוזיאַסטן פון דער ייִדישער שול, צו דער ייִדי־שער קולטור, די וואַרעמסטע ליבהאָבערס פון אונדזער וואָרט און שפּראַך, די טרייסטע אָנהענגערס פון אונדזער שטייגער, ווען מען לערנט זיי און במשך דער צייט פון זייער גיין אין אונדזערע שולן.

דווקא זיי זענען עס די דאַנקבאַרסטע קאָנסומענטן פֿון אונדזער קול־טור, און וואָס האַלטן צעמענטירט, שטאַרק און אייניק די שול, די וואָס שפּאַרן אָן אירע יסודות און זענען עס די זיילן פֿון אונדזער פֿעסטונג, פֿון אונדזער שול.

איז דעריבער פּשוט אַ מצווה, פֿאַר אונדז ווי פֿאַר זיי, צוצוציִען אַ וואָס גרעסערע צאָל שילער אין אונדזערע שולן, געווינען דורך זיי אַ וואָס גרעסערע קוואַנטיטעט פֿון ייִדישע היימען, צעטליִען דעם ייִדישקייט־פֿונק אין אַ וואָס גרעסערן סכום ייִדישע נשמות.

איז דעריבער, צום גרויסן באַדויערן, דאָס וואָס די צאָל פֿון אונדזערע שילער רירט זיך נישט.

איז דעריבער אויך נישט פֿאַרשטענדלעך וואָס טראָץ אַלעמענס שטרע־בונג, טראָץ אַלע אַלאַרמען, טראָץ אַלע רייד און פּראָקלאַמעס וועגן ייִדישן חינוך, טראָץ דעם אויפֿשטייג און פֿאַרפּולקאָמונג, פֿאַרטיפֿונג און פֿאַרפֿעס־טיקונג פֿון אונדזערע שולן, וואַקסט נאָך אַלץ נישט די צאָל שילער. און מיר גלייבן בתמימות, אַז דאָס קומט פֿאַר, ווייל אונדזער גאַנצע חינוך־פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע, אויפֿרופֿן, מעלדונגען, סיי אין צייטונגען, דורך ראַדיאָ, אין טעלעוויזיע, ווערט נישט באַגלייט דורך דעם פּשוטן זיך אַרויס־לאָזן אויף דער גאַס, און דורך דעם גיין פֿון שטוב צו שטוב צו פֿאַרשרייבן ייִדישע קינדער.

וואָס צוזאַמען מיט די אַלע מאָדערנע הייגנצייטיקע מיטלען פֿון צו־ציִען צו דער ייִדישער שול, האָט מען דערווייל פֿאַרזען דאָס אַלטע מיטל, דאָס היימישע אָבער דערפּאַר דאָס אייביק־ווירקזאַמע פֿון „כדבר איש אל רעהו“, פֿון אָנקלאַפּן אין אַ ייִדישער טיר, פֿון רעדן דירעקט צו אַ ייִדיש האַרץ, אַפּעלירן פּערזענלעך צום ייִדישן געפֿיל, און דורך דעם וואָלט מען אַ סך מער אויפֿגעטאָן און גאָר געהויבן דעם סכום שילערס פֿון אונ־דזער שול.

די פּראָפּאַגאַנדע, סיי דורך ראַדיאָ, טעלעוויזיע, פֿלוגבעלטלעך וכדומה מאָדערנע מיטלען, וואָס שטייען היינט צו דער פֿאַרפֿיגונג פֿון אונדזערע שול־עסקנים, זענען אַזוי ווי חלה אין באַצוג צו דעם דירעקטן אַפּעלירן צו ייִדישע עלטערן, צו דעם פּערזענלעכן באַזוך ביי זיי אין שטוב, וואָס איז דאָס טאָג־טעגלעך ברויט פֿון דער ייִדישער חינוך־אַקטיוויטעט, אַזוי אַז צו־

ליב דער חלה דאַרף מען נישט פאַרזען דאָס ברויט. חלה איז אַ שבת־יום־טובדיק־מאכל, וואָס מען פלעגט איין מאָל אַ וואָך עסן, אָבער דער עיקר־מאכל איז טאַקע געווען ברויט אַ גאַנץ קיילעכדיקע וואָך.

דער „דבר אל בני ישראל" האָט משה רבנו מקיים געווען דירעקט, גערעדט פערזענלעך צו דער גאַנצער עדה, נישט געשיקט זיינע מעסעדזשן דורך ראַדיאָ, טעלעוויזיע אָדער פלוגבלעטלעך, וויל, וויזט אויס, אַז אין דער יידישער נאַטור, אין דער יידישער נשמה, ליגט שוין דאָס הערן אַ דירעקטע ווענדונג, דאָס גלעטן די אויערן מיט וואַרעמע מענטשלעכע רייד און נישט דורך פאַפּירענע אותיות און ראַדיאָ־כוואַליעס, ווי דערהויבן און ווערטיק זיי זאָלן דאָס נישט זיין.

וויזט אויס, אַז די מענטשלעכע נאַטור איז אייביק און בייט זיך נישט. און דאָס דאַרפן נעמען אין אַכט פון היינט אָן און ווייטער אַלע אונדזערע שול־עסקנים, ווען עס הייבט זיך אָן די שילער־רעגיסטראַציע אין אונדזערע שולן, אונטערצונעמען אַן אינטענסיווע באַזוכונגס־אַקציע אין די יידישע היימען.

די דאָזיקע היימען וועלן אַ מאָל זיין די ערשטע אונדז צו דאַנקען, שוין אָפּגערעדט פון דער צוקונפט און דעם מאָרגן פון אונדזער פאָלק.

„עס מאַכט נישט אויס..."

„הימל און ערד" און אונדזער יוגנט. ווו מען גייט און ווו מען שטייט אין אונדזער געזעלשאַפט, הערט מען נאָר רעדן וועגן דער יוגנט.

די גרעסטע אָנשטרענגונגען גייען פּאַר איר, און די בעסטע האָפענונגען ווערן אָנגעהאָנגען אין דער יוגנט, אַז זי זאָל זיין די מאַרגנדיקע טרעגערין פון אונדזער ייִדישקייט־עול, די שמידערין פון אונדזער צוקונפט, און די וואָס זאָל ממשיך זיין די גאָלדענע קייט פון אונדזער ייִדישקייט־פאַרמעגן, וואָס ציט זיך דורך דור־דורותדיקע רינגעלעך, דורך קאָנטינענטן, דורך ימים און בערג, אין די אַלע צעשפּרייטקייטן פון די תפוצות ישראל.

און זי, די יוגנט אַליין, ווי ניט איר גייט עס אָן די זאָרגפעליקע, פאָטער־לעכע דאגה פון אונדזערע געמיינדע־פירערס, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט זייער גייסטיקן און מאַטעריעלן פאַרמעגן, פונקט ווי כביכול אַליין, בעת ער האָט אָנגעבאָטן אַזאַ טייערע תורה אַלע פעלקער, און זיי האָבן זי נישט געוואָלט אָננעמען, פשוט נישט געוועזן קיין מבינים אויף איר.

און די דאָזיקע „גאָלדענע יוגנט" ווייזט זיך גאָרנישט אויף אונדזערע ייִדישע אונטערנעמונגען, קומט גאָרנישט איבערנעמען אונדזערע פּאָזיציעס, הגם מען באָט זי זיי אָן בקולי־קולות, זי איז מוחל אונדזערע אַקטן און צו־זאַמענקונפטן, מעגן זיי זיין אויף ייִדיש צי גאָר אויף שפּאַניש, צי אויף יעטוועדערער אַנדערע שפּראַך, מעג דאָס זיין אָן אוונט געווידמעט ייִדישע ליטעראַטור, צי אַ פּרימאָרגן געווידמעט ייִדישע קולטור, צי טראַדיציע, צי ישראל, וכדומה וכדומה.

זי פילט נישט אין זיך דעם דראַנג צו זיי, דעם גוסט, דאָס ציִען צו זיי. עס לאָקן איר נישט די אַלע לעקעכלעך, וואָס מען וואַרפט איר צו, אַבי זי אַריינצוקריגן, צוצוציִען. מיט איין וואָרט: עס מאַכט איר נישט אויס.

עס דערמאָנט זיך דערביי יענער שדכן, וואָס איז געקומען צו אַ בחור, און אים גערעדט זייער אַ וואַזשנעם שידוך, אַ מיידל מיט אַלע מעלות.

— בלויז איין חסרון האָט זי — האָט דער שדכן, לשם ערלעכקייט, איבערגעגעבן דעם בחור — אויף איין אויג זעט זי נישט אַמבעסטן.

— עס מאַכט נישט אויס — האָט דער בחור געזאָגט.

— אויב דו ביסט טאַקע אַזאַ פיינער בחור, וואָס עס מאַכט דיר נישט אויס אַזאַ חסרון, ווייל זי פאַרמאָגט אַנדערע גרויסע מעלות, מוז איך דיר שוין, למען האמת, אויך אויסזאָגן, אַז אויפן רעכטן אויער דערהערט זי נישט.

— עס מאַכט נישט אויס — ענטפערט דער בחור.

— איך זע — זאָגט דער שדכן, אַז איך האָב צו טאָן מיט גאָר אַ פיינעם מענטשן. וועל איך דיר שוין אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת: אויף איין פוס הינקט זי אַ ביסל אונטער.

— עס מאַכט נישט אויס.

— דאַן, אויב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ איידעלער יונג, וועל איך דיך נישט פאַרפירן, און דיר אויסזאָגן, אַז די לינקע האַנט איז ביי איר אָפּ־געטעמט.

— עס מאַכט נישט אויס — איז געקומען אַן ענטפער.

דאָ בלייבט דער שדכן אין גאַנצן פאַרחידושט. וויפל חסרונות ער האָט שוין פאַרן בחור אויסגערעכנט, און עס מאַכט אים אַלץ נישט אויס.

פרעגט ער אים די סיבה דערפון, אויף וואָס יענער האָט אים גע־ענטפערט:

— עס מאַכט נישט אויס, הער שדכן, ווייל איך וועל זי סיי ווי נישט נעמען...

אַזוי איז אויך, רבותי, מיט אונדזער יוגנט:

„עס מאַכט נישט אויס”, אונדזערע מעלות און חסרונות, אונדזערע קאָנפערענצן און אַקטן, אונדזער זאָרגפעליקייט און אונדזער מי, אונדזערע אַפילן און אונדזער האָפענונג, ווייל זי נעמט אונדז לעת־עתה, סיי ווי סיי נישט...

ווו מען זעט זיי יאָ, און אין מאַסן, דאָס איז ביי די פאַרשיידענע בע־לער, איבערהויפּט פון דער „נייער כוואַליע”, ווו זיי טאַנצן אויס בבחינת „כל עצמותי תאמרנה שיר” זייער יוגנט־ברען און התלהבות.

וואָלט אונדזער געזעלשאַפּטלעכקייט געקענט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „טוויסט״־סביבה, אָדער אין אַ „קאַריאָקאַ״־אַטמאָספֿער, דאַן וואָלט מען אפֿשר פֿאַרמאָגט די געהעריקע צוציִונגס־קראַפֿט פֿאַר אונדזער יוגנט. — אָבער, בלויז מיט אַקטן, סעמינאַרן, קאָנפֿערענצן, ציוניזם, אַאַז״וו, איז נאָך, צום באַדויערן, זייער אָבער זייער שווער צו זיי צוצוקומען.

מיר באַציִען זיך, פֿאַרשטענדלעך, צו די גרויסע מאַסן פֿון אונדזער יוגנט, נישט צו קיין אויסנאַמען וואָס עס זענען זיכער די ציוניסטישע חלוצישע יוגנט־גרופּירונגען, די סעמינאַר־יוגנט, די ישיבה־בחורים א״אַ, וואָס באַשטעטיקן, לײדער, דעם כלל פֿון דער גרויסער צאָל יוגנט וואָס גייט נעבעך פֿאַרלוירן פֿאַר אונדזערע אינטערעסן, און ווען אונדזערע פּראָבלעמען נעמען נישט, און איינפֿאַך גערעדט: מאַכן זיי נישט אויס.

מיט פֿינף יאָר צוריק, ביים פּראָקלאַמירן הונדערט יאָר יידיש לעבן אין אַרגענטינע אין דעם שטעטל מאָזעסוויל, זענען מיר, אין שליחות פֿון ועד־הקהילות, אויפֿגעטראָטן מיט אַ פֿאָרטראָג איבער דער דאָזיקער געשעעניש.

פֿאַר דער קאָנפֿערענץ האָט אונדז אַ דאָרטיקער באַקאַנטער עסקן אַרומגעפֿירט איבערן שטעטל, און געוויזן דעם לאָקאַלן גייסטיקן פֿאַרמעגן. מאָזעסוויל, כידוע, פֿאַרמאָגט פֿיר שילן, צוויי ביבליאָטעקן, אַ שולע, אַ סעמינאַר, אַן אינטערנאַט.

נאָכן ווייזן מיר דאָס אַלץ, רופֿט זיך צו מיר אָן מיין באַגלייטער:

— איר ווייסט, דער ערשטער דור, וואָס איז געקומען קיין מאָזעסוויל, איז באַשטאַנען פֿון רעליגיעזע יידן, אָנגעקומענע פֿון אייראָפּע. האָבן זיי, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אויפֿגעבויט די פֿיר שילן.

דער צווייטער דור איז שוין געווען אַ וועלטלעכער, האָט ער אויפֿגעבויט די שול און די ביבליאָטעקן.

— און וואָס בויט — פֿרעגט ער מיך — דער דריטער דור?

און איידער איך באַוויז אים צו ענטפֿערן, רופֿט ער זיך צו מיר אָן:

— אין דער אמתן דאַרפֿן מיר נישט, אַז דער דריטער דור זאָל עפּעס בויען. וואָס מיר ווילן יאָ, איז אַז ער זאָל כאָטש אויפֿהאַלטן דאָס וואָס די צוויי ערשטע דורות האָבן אויפֿגעבויט...

דאָס איז אויך איצט מיט אונדזער יוגנט. מיר וועלן שוין זיין זייער מילד, אַזוי ווי יענער מאָזעסווילער עסקן, און שוין נישט פּרעטענדירן, אַז

דער נייער דור זאָל עפּעס צוגעבן, אויפבויען, נאָר מיר וואָלטן געווען ביז גאָר צופרידן, ווען ער האַלט כאָטש אויף דאָס וואָס די פריערדיקע דורות האָבן דאָ־הי אויפגעבויט.

און במילא, אויב ער וועט דאָס אויפהאַלטן, קענען מיר דאָך אויך האָפן, אַז ער זאָל ממשיך־זיין און באַרייכערן — פון דעם פאַרזעצן אַליין איז שוין צו דערוואַרטן באַרייכערונג, צוגעבונג, באַנייונג און אויפבוי.

בלויז אויף די פונדאַמענטן פון דעם עבר, קען מען אויפשטעלן דעם בנין פון דער צוקונפט. אַנדערש קען, חס ושלום, די גאַנצע רעשטאָוואַניע איינפאַלן.

דאָס איז דאָך אייגנטלעך די ייִדישע אויפפאַסונג: פון עוואָלוציע און נישט פון רעוואָלוציע.

בעת רעוואָלוציע צעשטערט דאָס אַלטע, דאָס ביז איצטיקע, און וויל אויף דעם חורבן פון דער פאַרגאַנגענהייט אויפבויען נייס, גייט די עוואָלוציע אויף אַ פאַרקערטער ריכטונג: זי נעמט־אָן דאָס אַלטע און אויף אירע פעסטע, טויזנט־יעריקע פונדאַמענטן בויט זי צו נייס, און דער פאָלקס־בנין איז דאַן סיי פעסט, סיי ער ווערט אַלע מאָל באַנייט און פאַרשענערט לויט די מאָדערנע באַגריפן פון דער געגעבענער צייט.

מיר מוזן דעריבער טאָן אַלץ מעגלעכס אַריינצוציִען אונדזער יוגנט אין אונדזער לעבן, זען אַז עס זאָל איר יאָ אויסמאַכן אַלץ וואָס גייט אָן ביי אונדז, זי צוציִען, פאַראינטערעסירן, איר איבערגעבן אונדזער פאַרמעגן, זען זי זאָל כאָטש אויפהאַלטן דאָס וואָס די פריִערדיקע דורות האָבן דאָ אויפגעבויט אויף אַלע געביטן, מיט אַזוי פיל שוויס און מי, זי צושמידן צו אונדזערע טויזנט־יעריקע פעסטע ייִדישע יסודות, פון אונדזער קולטור און טראַדיציע, כדי זי זאָל אויפן עוואָלוטיוון וועג זיך אַריינרינגלען אין אונדזער היסטאָרישער פאָלקס־קייט, און זי ציִען ווייטער, באַפרישן און באַנייען.

לאָמיר דעם דאַזיקן ווונטש אַריינגעמען צווישן אונדזערע הייסטע תפילות!

דער גייסט פֿון אונדזער שול

אונדזערע ייִדישע שול ווערט צונויפֿגעשטעלט פֿון אַ סך פֿאַקטאָרן ווי: לערערס, תּלמידים, פֿאַרוואַלטונגען, עלטערן און איבער די אַלע דאָזיקע פֿאַקטאָרן מוז הערשן דער ייִדישער גייסט, בכדי די שול אַלס גאַנצע זאָל זיין ייִדישלעך.

קוים רוט נישט אויף איינעם פֿון אָט די באַשטאַנד-טיילן דער עכטער ייִדישער גייסט, רופֿט זיך דאָס אָפּ אויף דער שול אַלס גאַנצע און זי ליידט דערפֿון אומגעהייער.

דעריבער דאַרף מען וואַכן, אַז אויף יעדן שריט און טריט, סיי אויסערלעך ווי אינערלעך, סיי אָרגאַניזאַטאָריש ווי פּעדאַגאָגיש, סיי פּראַגראַמאַטיש ווי אינהאַלטלעך, סיי אַדמיניסטראַטיוו ווי פּראָפּאַגאַנדיסטיש, זאָל באַהערשן דער ייִדישער גייסט.

נעמלעך: אָט, למשל, דאַרפֿן אונדזערע לשונות באַהערשן און באַאָטעמען אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דער ייִדישער שול, סיי אין די קלאַס-צימערן, סיי צווישן די לערערס, סיי צווישן די עסקנים, אויף זייערע זיצונגען, פּראָפּאַגאַנדע, ימים טובים אאַז״וו.

און דאָ זאָל געזאָגט ווערן אויף דעם קלאָרסטן אופֿן: מיר מיינען שוין נישט אַזוי פֿיל צו פֿאַרטיידיקן די חשיבות פֿון אונדזערע לשונות, ווי דאָס וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר.

ווייל אָפֿן גערעדט: דאָרט וווּ מען רעדט אונדזערע לשונות, דאָרט איז מער אויך זיכער מיטן ייִדישן גייסט, מיטן ייִדישן אינהאַלט פֿון דער שול, מיט דעם צובונד צו אונדזערע ווערטן. דאַקעגן, דאָרטן וווּ די לאַנדשפּראַך דאָמינירט, איז דאָס אַ זיכערער שפּאַלט אין דער גאַנצקייט פֿון אונדזער

שול, און ווייזט אויף קענטיקע סימנים פֿון אָפּווייכונג פֿון אונדזערע קולטור־ווערטן און אַן אָפּנייג פֿון אונדזער קולטור־מחנה.

ווייל לאָמיר זיך נישט נאַרן: דאָרט וווּ עס ווערט נישט גערעדט קיין יידיש אָדער העברעיִש, ווערט אויך נישט געפּירט און נישט איבערגעגאָסן אונדזערע קולטור־גייסטיקע ווערטן אין דער לאַנדשפּראַך, נאָר דאָס איז אַ בולטער דיאַגנאָז און אָנזאָג אויף פֿאַרפֿרעמדונג און דערווייטערונג.

אדרבא: אויף צו רעדן אין שפּאַניש וועגן יידישקייט, דאַרף דער באַטרעפֿנדיקער רעדנער דורכלערנען פֿריִער גוט יידיש און העברעיִש און די ווערטן אין אונדזערע לשונות, דאַן קען מען ערשט רעדן אויף שפּאַניש וועגן זיי. אַזוי אַז אַפֿילו אויף צו זיין אַ גוטער יידישער שפּאַניש־רעדנער דאַרף מען לערנען עברית און יידיש. טאָ צו וואָס זאָל מען ערשט דאַן רעדן און איבערגיסן אונדזער יידישקייט אויף שפּאַניש?

אונדזערע גרעסטע יידישע גאונים און דענקערס ווי: יהודה הלוי, דער רמב״ם א״א האָבן געשאַפֿן אייניקע ווערק זייערע אויף אַראַביש. אַזוי איז אויך דער תלמוד געשריבן געוואָרן אויף אַראַמיש, פֿאַר די וואָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען קיין העברעיִש, אָבער זייער אַראַביש אָדער אַראַמיש האָט דאָך געהאַט איין ציל: צו דערנענטערן צו העברעיִש און צום העברעיִשן דענקען.

אָבער היינט, דאָרט וווּ עס ווערט געפּירט יידישע שול־אַרבעט נישט אויף אונדזערע לשונות, דערנענטערט עס גאָרנישט, נאָר אדרבא: עס דערווייטערט און שאַפֿט ממש אַן אָפּגרונט צווישן אונדזערע אורשפּרינגלעכע ווערטן.

שפּראַך איז אַלזאָ, חוץ אַן און פֿאַר זיך, אַ קענצייכן פֿון דעם גייסט פֿון דער שול.

אַזוי, אַז אויב אַ שול שיקט אַרויס אַ פֿלוגבלעטל אויף בלויז דער לאַנדשפּראַך און עס מערקט זיך נישט אין דעם קיין צורת־אַלף איז דאָס נישט בלויז אין שרייענדיקן קעגנזאַץ צום געלערנטן, צום אינהאַלט פֿון דער שול, אין דיסאָנאַנס צום יידישן גייסט, נאָר ס'איז אויך נישט קיין רעקאָמענדירבאַרער סימן פֿאַרן עכטן יידישן גייסט פֿון דער באַטרעפֿנדיקער שול.

אַזוי, אַז אויב ביים טיש פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג באַהערשט בלויז די לאַנדשפּראַך, שוין נעמענדיק אין אַכט, אַז אַלע אירע עסקנים זענען אין דער גרעסטער טייל היי־געבוירענע, וואָס קענען אפֿשר האָבן גרעסערע מאָ־

דערנערע השגות וועגן אויפֿבוי און צוציִונג צו דער שול, אָבער וואָס זייער ייִדישער גייסט הינקט היפּש אונטער.

אַזוי, אַז אויב אויף אַ יום־טובֿ אָדער אַקט פֿון אַ שול דערעפֿנט דער פֿאָרזיצער — מעג ער זיין אַ הי־געבוירענער — דעם אַקט מיט אַן ענטוזיאַסטישן שפּאַנישן עפֿן־וואָרט און פֿירט אָן אין דער זעלבער שפּראַך דעם גאַנצן אַקט, איז דאָס אַ פֿעלשונג פֿון גייסט פֿון דער ייִדישער שול, און עס שטימט עפּעס גאָר נישט, אַפֿילו זאָל דאָס זיין סימבאָליש, מיטן אינהאַלט פֿון די נאָכפֿאָלגנדיקע נומערן פֿון די תלמידים, וואָס זענען די עסקנימס אייגענע קינדער, אויף ייִדיש און עבֿרית.

עפּעס אַן אומפֿאַרשטענדלעכע דערשיינונג: דער טאַטע מעג רעדן אויפֿן אַקט אויף שפּאַניש, דאַן ווען זיין אייגן קינד ,פֿאַר וועמען עס ווערט אָפּגעגעבן די שול־אַרבעט, מוז זיך נעבעך ברעכן די צונג אַרויסצוזאָגן אַ ייִדיש וואָרט, הזרן וואָכנלאַנג דעם ייִדישן אָדער העברעיִשן טעקסט, וואָס ער ברענגט אַרויס פֿאַר דער הנאה פֿון דעם שפּאַניש־רעדנדיקן פֿאָטער...

דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע די אונטערנעמונגען לטובֿת דער שול. די דאָזיקע פֿאַראַנשטאַלטונגען, אַזוי גוט ווי אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין נאָמען פֿון און פֿאַר דער שול, מוזן זיין אין הסכּם מיטן גייסט פֿון דער ייִדישער שול.

אַנדערש איז דאָס אַ באַשטרייטבאַרער קאָנטראַסט צו דער גאַנצער שול־טעטיקייט.

אַזוי, אַז ווען אַ שול פֿירט דורך אַן אונטערנעמונג מיט אַ פּראָגראַם אָן איין ייִדישן אות אָדער אינהאַלט, אָדער קינסטלער, אָן איין ייִדיש וואָרט, נישט לויטן ייִדישן קולטור־געשמאַק, נאָר פֿירט גאָר דורך אַן אונטערנעמונג לויט אַלע כּללים און מיט אַלע שטערן פֿון דער גוייִשער ווילדער „בייער כוואַליע"־פֿאַרווײַלונג, ווו די אָרגאַניזירער דערגרייכן אפֿשר דעם גרעסטן מאַטעריעלן דערפֿאָלג, און ציִען אפֿשר אַריין דעם גרעסטן יונגן־„טוויסט" און „קאַריאָקאַ"־עולם, אָבער דאָס איז אַן אַטענטאַט ממש אויפֿן ייִדישן גייסט און פּאַסט זיך גאָר נישט אַריין אין דעם היכל פֿון דער ייִדישער דערציִונג.

און דאָס נעמלעכע געשעט, ווען אונדזער שול וויל דורכפֿירן פּסיכאָ־פּעדאַגאָגישע לעקציעס אָדער אַנדערע באַלערנדיקע קאָנפֿערענצן פֿאַר על־טערן, דאַרף זי דאָס טאָן אין איינקלאַנג מיט דעם גייסט פֿון דער ייִדישער שול, מיט דער טעמאַטיק פֿון דער זעלבער, מיט דעם אינטערעסן־קרייז פֿון

אונדזערע לימודים, דורך ייִדישע באַהאַוונטע לעקטאָרן אין אונדזער קולטור, אין אונדזערע חינוך־פּראָבלעמען, און ווען זי טוט דאָס נישט אַזוי, מעג די באַטרעפֿנדיקע שול אויסזוכן די באַרימטסטע נעמען פֿון דער נישט־ייִדי־שער וועלט, די גרעסטע ספּעצן אין פּסיכאָ־פּעדאַגאָגיע, אָבער וואָס זענען נישט קיין ייִדן, ווייסן נישט פֿון קיין ייִדישקייט, קענען נישט אונדזערע ספּע־ציפֿישע שול־פּראָבלעמען, רעדן נישט אויף קיין ייִדישער טעמע, איז דאָס בפּירוש אַן אַקט וואָס שטייט אונטער אײן גרויסן פֿרעגצייכן, וואָס נוגע ייִדישן גייסט, ייִדישער שול, ייִדישן אינהאַלט.

דערצו דאַרף מען רופֿן ייִדישע עלטערן אין דער ייִדישער שול?

זאָל אונדזער שול פּשוט אָרגאַניזירן ייִדיש־העברעיִשע קורסן, לעק־ציעס וועגן ייִדישקייט, ייִדישע ימים טובים, ייִדישע געשיכטע, ייִדישע טראַ־דיציע וכדומה פֿאַר די דאָזיקע יונגע עלטערן פֿון נייעם דור, וועלן זיי האָבן דערפֿילט זייער אייגנטלעכע ייִדישע שול־מיסיע, פֿאַר וועלכער די דאָזיקע עלטערן וועלן זיי אַ מאָל זיין די ערשטע צו דאַנקען.

ווייל דאָס אַלץ קענען זיי האָבן אין דער נישט־ייִדישער סביבה, און אויב זיי קומען צו אַ לעקציע אין אונדזער שול, האָבן זיי געוויס אַן אינטע־רעס עפּעס צו לערנען פֿון אונדז.

ווי מען זעט דאַרף אין אַלץ הערשן דער ייִדישער גייסט.

אַפֿילו אין די אויטאָבוסן, וואָס ברענגען און פֿירן אָפּ די קינדער פֿון זייערע היימען צו דער ייִדישער שול און פֿון דער שול צו זייערע היימען, וואָלט דער אויפֿזעער־פּערסאָנאַל באַדאַרפֿט זיין אַ ייִדישער, אַ ייִדיש־קע־נענדיקער און אין ייִדישן גייסט און שפּראַך, ווייל ווי ס'איז דאָך יעדן באַ־קאַנט, זענען אונדזערע אויטאָבוסן די הקדמה און דער המשך פֿון די קלאַס־שעהען. אָפּט מאָל דויערט דאָס פֿאָרן אין זיי אַזוי פֿיל, אומגעפֿער, ווי דאָס לערנען אין די קלאַסן. און אויב פֿון איין זייט ווערן די אויטאָבוסן באַטראַכט ווי באַלאַסטנדיקע און ווי די וואָס נעמען צו אַ סך צייט ביים תלמיד, איז דער אויטאָבוס פֿאַר אים אַן אָפּרו צווישן איין שול און דער אַנדערער, צווישן איין אויפֿגאַבע און דער צווייטער (און אונדזערע תלמידים זענען דאָך פֿאַר־נומען פֿון גאַנץ פֿרי אַן ביז ביי נאַכט, מיט די צוויי שולעס, קורסן, אויפֿ־גאַבעס אאַז״וו); און פֿון דער צווייטער זייט, וואָס דאָס איז ביז גאָר וויכטיק, זענען די אויטאָבוסן אַ פֿאָרנדיקע ייִדישע סביבה, אַן אַמביענט פֿון ייִדישע

קינדער צוזאַמען, ווו זיי שפּילן זיך, לעבן זיך אויס און פֿאַרברענגען טאָג־טעגלעך צוזאַמען, אַ זאַך וואָס איז גאָר נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

אָט די דאָזיקע באַוועגלעכע יִדישע סביבה וואָלט אויך געדאַרפֿט אויסגענוצט ווערן פֿאַרן יִדישן גייסט פֿון אונדזערע תּלמידים און זיי זענען עס אויך אַ גרויסער פֿאַקטאָר און באַשטאַנד־טייל פֿון אונדזער שולוועזן.

מיר דאַרפֿן אַלזאָ זען, אַז דער יִדישער גייסט זאָל זיין דער פּרעדאָמינירנדיקער פֿאַקטאָר אין אַלע פֿאַראויסערונגען פֿון אונדזער שול. נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר קענען האָפֿן, אַז זי זאָל ברענגען די געוווּנטשענע רעזולטאַטן.

עס דערמאָנט זיך אונדז דערביי דאָס, וואָס אַ גאַסט האָט דאָ־הי געזאָגט, ווען אין אַ געוויסן שטעטל האָבן די עסקנים אים געפֿירט זען אַ פּרעכטיקע ערשט אויפֿגעבויטע שיל, אָבער דער גאַסט, אַ רב, האָט דאָרטן נישט באַמערקט קיין שום ספֿרים־אַלמער און דערפֿון געצויגן שלוסן. און ווען מען האָט אים פֿאַרענדיקט ווייזן דעם גאַנצן בנין און אים געפֿרעגט וואָס איז זיין מיינונג וועגן זייער שיל, האָט דער חשובֿער גאַסט געענטפֿערט:

— זייער פֿיין, מיינע ליבע יִדן. דער בנין איז אויסערלעך זייער שיין באַפּוצט, אָבער מען דאַרף אים אויך באַפּוצן פֿון אינעווייניק...

דאַרפֿן מיר דאָס אויך שטענדיק געדענקען בנוגע אונדזערע שולן, אַז סיי אויסערלעך ווי אינערלעך, אין אַלע מאַניפֿעסטירונגען פֿון דעם יִדישן שולוועזן, אין אַלע זיינע באַשטאַנד־טיילן, דאַרפֿן מיר אים באַצירן און באַפּוצן מיט אומגעפֿעלשטן עכטן יִדישן און יִדישלעכן גייסט.

פאַר דער דערהויבונג פון ייִדישן וואָרט און ייִדיש לעבן

דאָס ייִדישע פאָלק איז דאָס פאָלק פון וואָרט, פון געהויבענעם און גע־לייטערטן וואָרט, וואָס האָט דאָס דערהויבן און אויסגעצייכנט צווישן אַנ־דערע פעלקער.

מיטן וואָרט מיינען מיר סיי דאָס גערעדטע און סיי דאָס געשריבענע, אוןביידע זענען פון תמיד אָן אָנגעזאַפּט געוואָרן און געלערנט אונדז און דער וועלט מיט ייִדישער עטיק, מאָראַל, קדושה וטהרה.

דאָס מינדלעכע וואָרט איז באַצייכנט געוואָרן ממש ווי דאָס אייגנטום פון אונדזער פאָלק, ווי עס דריקט זיך אַמבולטסטן אויס אין: „הקול קול יעקב", און דאָס שריפטלעכע וואָרט איז אונדזער קנין און קענצייכן אויף דער וועלט, אַ דאַנק וועלכן מיר זענען באַצייכנט געוואָרן אַלס „עם הספר".

אין די ביידע וואָרט־פאָרמען זענען מיר געשטיגן צו אַ ריזיקער הייך, אויספורעמענדיק די מאָנומענטאַלע און אייביקע ווערק: די „תורה שבכתב" און די „תורה שבעל פה".

דאָס וואָרט האָט אונדז באַגלייט אויף אַלע אונדזערע וואַנדער־וועגן, און דאָרט אונדז געשטאַרקט און געמוטיקט, געוואַרעמט, באַלויכטן, אויפגע־האַלטן אונדזער פאָלקס־גאַנצקייט און אָפּגעהיטן אונדזער האָפענונגס־גלי.

פאַרן ייִדישן וואָרט האָבן מיר זיך דאָך געלאָזט ברענען און טויטן, אויסגעשטאַנען די שווערסטע רדיפות און פורעניות.

ס'איז דאָך באַקאַנט דער מאַרטירער־עפּיזאָד וועגן ר' חנינא בן טרדיונס קידוש־השם־טויט, בעת ער האָט געברענט, איינגעוויקלט אין אַ ספר־תורה, האָט ער פאַרן אויסהויכן זיין הייליקע נשמה, זיך אויסגעדריקט, אַז ער זעט ווי דער ספר ווערט פאַרברענט, אָבער די אותיות שוועבן אין דער לופטן.

ווו האָט מען אַזאַ פּיעטעטפֿולע און יראת־הכבודיקע באַציִונג און דרך־ארץ צום וואָרט, צום ספֿר, ווי ביי אונדז יידן?

אַוווּ נאָך טאַנצט מען מיט אַ ספֿר־תורה ווי מיט אַ פֿאָלקס־כלה, קושט מען דעם ספֿר ווען ער פֿאַלט אַראָפּ, פֿאַסט מען אויך ביי געוויסע אַזעלכע פֿאַלן?

ווו נאָך שרייבט מען אין אַ בריוו דעם טאָג־דאַטום, אָנגעבנדיק די וואָך־סדרה? ביי וועלכן פֿאָלק האָט די יוגנט געלאָזט אירע פֿרילינג־יאָרן טאָג און נאַכט אין התמדהשן לימוד, ווי ביי אונדז יידן?

אויף וועלכן אָרט האָבן פֿרויען איינגעווייקט מיט אַזוי פֿיל טרערן ספֿרים, ווי אונדזערע פֿרומע באָבעס? וואָס פֿאַר אַ ספֿרים פֿון אַנדערע פֿעל־קער זענען דורכגעבריט געוואָרן מיט אַזעלכע זודיק־זויערע טרערן ווי אונ־דזער „מגילת־איכה“?

און וואָס פֿאַר אַ מזמורים זענען אויף דער גאַנצער וועלט אַזוי פֿיל געזאָגט און געזונגען געוואָרן, געטייטשט און ציטירט געוואָרן ווי אונדזער תהילים?

אונדזער וואָרט האָט דאָך אונדז געלערנט און געאיידלט, אויסגעשמידט און געקרעפֿטיקט, געשאַרפֿט אונדזער מוח און געלייטערט אונדזער געדאַנק, און געפֿיל.

לויט דעם וואָרט דערקענט מען דעם מענטשן, זיינע געדאַנקען, זיינע געפֿילן, זיין דערציִונג; לויטן וואָרט דערקענט מען אויך די ליטעראַטור.

דאָס וואָרט איז דאָך דער קענצייכן פֿון דעם מענטשן, דער גרעסטער אוצר און דער באַהערשנדיקער כוח זיינער צווישן די איבעריקע באַשעפֿע־נישן אין דער נאַטור.

איז דאָך מער ווי פֿאַרשטענדלעך, אַז וואָס ריינער און הייליקער עס איז דאָס וואָרט, אַלץ ריינער און הייליקער איז דער מענטש; וואָס עטישער און געהויבענער עס איז דאָס וואָרט, אַלץ עטישער און געהויבענער איז דער מענטש; וואָס צניעותדיקער און מאָראַלישער עס איז — דאָס גלייכן איז דאָס דער מענטש.

און דאַקעגן, וואָס נידעריקער, וואָס פֿאַרשוועכטער, וואָס אומצניעות־דיקער עס איז דאָס וואָרט, אַזוי ווירקט דאָס אויך אין דעם זין אויפֿן מענטשן.

דעריבער האָט מען שוין פֿון לאַנג אָנגעזאָגט אונדזערע חכמים, די פֿאָלקס־לערערס: „הזהרו בדבריכם" — זייט געהיט מיט אייערע רייד, ווייל די קראַפֿט פֿון וואָרט איז אפֿשר די מעכטיקסטע קראַפֿט וואָס מענטשן פֿאַרמאָגן, און אַנשטאָט צו ברענגען נוצן דערמיט, קען מען, חלילה, ברענגען אומגליק און צעשטערונג.

דערפֿאַר האָט די ליטעראַטור אַ הייליקע מיסיע: צו דערציִען, צו איידעלען, צו דערהייבן. דעריבער דאַרף זי זיך נוצן מיט אײדלקייט, מיט דער־הויבענע ווערטער, מיט די ריינסטע געדאַנקען־אויסדרוקן. ווייל ווען זי וועט דאָס אַזוי נישט טאָן, וועט זי האָבן אַ קעגנווירקנדיקע השפּעה. דאָס וואָרט איז דעריבער אַ דעליקאַטע דערציִונג־אינסטרומענט פֿון דער מענטשהייט, וואָס מוז גענוצט ווערן זייער פֿאָרזיכטיק, סיי ביים רעדן און סיי ביים שרייבן. איז דאָך דעריבער זייער פֿאַרשטענדלעך דאָס, וואָס ר' מאיר האָט זיך אויסגעדריקט וועגן דעם, אַז מיט איין נישט גוט באַנוצטן אות קען מען די גאַנצע וועלט חרוב מאַכן.

„החיים והמות ביד הלשון" — לעבן און טויט ליגן אין דער האַנט פֿון דעם וואָרט. די וועלט איז דאָך באַשאַפֿן געוואָרן מיטן וואָרט: „בעשרה מאמרות נברא העולם".

און די זעלביקע וועלט האָט דאָך אַ קיום אַ דאַנק דעם מויל־הויך, ד"ה דאָס וואָרט, פֿון קליינע קינדער וואָס לערנען תורה.

און מערקווירדיק איז די אייביקייט פֿון דעם וואָרט, וואָס רייסט זיך דורך יאָרהונדערטער און דערגייט צו די וויטסטע דורות.

ווי זאָגט אַפֿילו דאָס פֿאָלקס שפּריכוואָרט: „אַ פּאַטש פֿאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט".

אָדער ווי זאָגט אונדזער תלמוד:

„סייפֿא וספֿרא ירדו לעולם" — די שווערד און דער ספֿר זענען אַראָפּ אויף דער וועלט. און כאָטש די שווערד איז מעכטיק, האָט זי אָבער די אייגנשאַפֿט וואָס זי קען פֿאַרניכטן די וועלט, אָבער דער ספֿר איז: „חיינו ואורך ימינו" — דער אויפֿהאַלטער פֿון אונדזער לעבן און דער פֿאַרלענגערער פֿון אונדזער עקסיסטענץ.

און בכדי דאָס וואָרט זאָל האָבן אַ קיום און זאָל דערפֿילן מיט דער אויף אים אַרויפֿגעלייגטער פֿורעמונגס־מיסיע און אַחריות, דאַרף עס זיין

אמתדיק, דאַרף עס אַרויסקוואַלן פֿון די טיפֿסטע קוואַלן פֿון אמת, אָן פּניות, אָן שום נשיאות־פּנים, אָן שום קאַלקולאַציעס און אויסרעכענונגען, אָן קאָנ־ווענציאָנאַליזמען פֿון יעטוועדן מין.

אַדרבא: עס מוז זיך אַדורכרייסן דורך די אַלע איינגעשטעלטע קאָנווענ־ציאָנעלע סיטואַציעס און לייטן און לייטערן אונדזער סביבה, אונדזער גע־זעלשאַפֿט, אונדזער התנהגות, אונדזער געדאַנקען־איינשטעלונג, און אין דעם דאָזיקן זינען, אין דעם ליכט פֿונעם אמת, ריכטן אונדזער גאַנץ געמיינדע־לעבן.

אָט דעם דאָזיקן געזעלשאַפֿטלעכן אמת דאַרף מען אויפֿברענגען פֿון די פֿאַרבאָרגנסטע קוואַלן ווו ער איז פֿאַרנורעט און פֿאַרשאָטן, און אַרויס־ברענגען אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון אונדזערע טואונגען.

ווי האָט זיך אַמאָל אַ גוטער־ייִד אויסגעדריקט: „אמת מן הארץ תצמח״, דער אמת ליגט אַזוי טיף באַגראָבן אין דער ערד, אַז ער דאַרף ערשט פֿון דאָרט אַרויסשפּראָצן...

אָט דעם אמת, ווי טיף ער זאָל נישט ליגן פֿאַרגראָבן אָדער באַגראָבן, דאַרפֿן מיר העלפֿן אַרויסשפּראָצן און אויפֿבליִען איבער דער אייבערפֿלאַך פֿון דעם שקר, און אַזוי אַרום, מיט דער דערשיינונג פֿונעם אמת, העלפֿן אָט דעם שקר צו פֿאַרטרייבן און דערווייטערן.

ווייל ווי האָט דאָס וווּנדערבאַר טרעפֿלעך געטייטשט אַ רבי:

„מדבר שקר תרחק״ — דאָס איז די איינציקע עבירה פֿון צווישן אַלע עבירות אין דער תורה, צו וועלכער עס ווערט צוגעגעבן דאָס וואָרט „תרחק״, זאָלסט זיך דערווייטערן. ביי שקר איז ווייניק וואָס מען טוט דאָס אַליין נישט; פֿון שקר מוז מען זיך דערווייטערן, אַנטלויפֿן...״

צו ווייכן פֿון אָט דעם שקר, צו פֿאַרטרייבן אים, דאַרף מען זיך באַנוצן מיטן אמת, און דאָס איז ביי אונדז נישט פֿון די לייכטסטע זאַכן.

דאָס איז באמת בבחינת „הזורעים בדמעה״, זייען מיט טרערן, ווייל דאָס באַנוצן זיך מיט אָט דער וואָרט־פֿרייהייט צו זאָגן דעם אמת, איז ביי אונדז דער זיכערסטער וועג פֿון אומפּאָפּולאַריטעט, פֿון איינקויפֿן זיך אין אַנטיפּאַטיע און זיך שאַפֿן אַ געזיכערטע קעגנערשאַפֿט.

דאָס גיין קעגן שטראָם, איז אויך גורם, אַז דער איינגעשטעלטער שטראָם זאָל גיין קעגן אייך.

אַזוי אַז אויך דער אמת דאַרף פירן צו אַ ציל, צו מתקן־זיין, צו פֿאַר־ריכטן.

נישט קריטיק לשם קריטיק. ווייל קריטיק, האָט אַ מאָל אַ גרויסער שרייבער געזאָגט, איז די לייכטסטע קונסט. נאָר עס מוז זיין אַ קאָנסטרוק־טיווע קריטיק, אַ קריטיק וואָס צילט עפּעס אויסצובעסערן, נישט בלויז אַרונטערצורייסן. ווייל אַנדערש איז אַ מאָל, ווי דער פּרק זאָגט: „לא מצאתי לגוף טוב משתיקה״. אין אַזאַ פֿאַל איז אַ מאָל בעסער צו שווייגן.

יעדע קריטיק מוז עפּעס באַצוועקן, ווייל „לא המדרש העיקר אלא המעשה״, און דאָס דאַרפֿן דאָך אַלע וואָרט־באַנוצער האָבן שטענדיק אין זינען.

פֿאַר אָט דעם אמת ,פֿאַר אָט דער געלייטערטקייט פֿון דעם ייִדישן וואָרט, פֿאַר דער ריכטונג פֿון דעם ייִדישן לעבן, פֿאַר דער דערהייבונג פֿון אונדזער קולטור, אונדזער ליטעראַטור, אונדזער שפּראַך, פֿאַר דער חשיבות פֿון אונדזער געזעלשאַפֿט, אונדזער געמיינדע־פֿירונג, זענען מיר אַלע מחויב בייצוטראָגן און צו לייסטן.

אין שול אַריין!

מיר הערן און מיר לייענען אַ סך מאָל, אַז מען דאַרף פירן אַ קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס באַדראָט אונדזער יונגן דור, איבערהויפּט אין די נייע אויפגעקומענע אַמעריקאַנער ישובים, און מיר טראַכטן זיך שטענדיק דערביי, אַז אַנשטאָט צו קעמפן קעגן דער אַסימילאַציע דאַרף מען פירן אַ קאַמף פאַר דער יידישער קולטור און דערציִונג. קעמפן קעגן אַ זאַך איז אַ נעגאַטיווער קאַמף, אָבער קעמפן פאַר אַ זאַך איז שוין פּאָזיטיוו. במילא, אין דעם קאַמף פאַר חינוך און קולטור ליגט שוין די מלחמה קעגן דער אַסימי־לאַציע. דאָס איז געגליכן צו איינעם וואָס צינדט אָן אַ ליכט, פאַרטרייבט ער במילא די פינצטערניש.

און אָט דער קאַמף פאַר באַשטייט פון אונדזער מי און אָנשטרענגונג, פון דער אינטענסיווער אַרבעט פאַר דער יידישער שול, וואָס איז היינט צו טאָג די מעכטיקסטע באַריערע קעגן דער לויערנדיקער אַסימילאַציע, וואָס באַדראָט דעם אונטערוואַקסנדיקן יידישן דור אויף אונדזערע מקומות און אין אונדזערע באַדינגונגען.

און זעענדיק דעם נייעם דור, אונדזערע קינדער, מיט וויפל ליבשאַפט און מיט וואָס פאַר אַ חשק זיי לערנען יידיש און העברעיִש, בעת איר ווייסט, אַז אין זייערע היימען הערן זיי שוין נישט קיין יידיש וואָרט און זעען נישט קיין יידישן אות, ווערט אייך וואַרעם אויף דער נשמה און אַ ליכטיקע האָ־פענונג העלט אויף.

און זייער טרעפלעך זאָגט דאָס מיין פאָטער, זאָל לעבן. אַמאָל — זאָגט ער — בעת אַ בר־מצווה אָדער אַן אַנדער שמחה ביי קינדער פלעגט מען ווינטשן זיי זאָלן זיין געראָטן אין זייערע עלטערן. היינט אָבער דאַרף מען ווינטשן פאַרקערט: אַז די עלטערן זאָלן זיין געראָטן אין די קינדער...

און עס דערמאָנט זיך שוין דערביי יענער עפּיזאָד, וואָס מען דערציילט וועגן דעם אָסטראָווצער רבין, וואָס איז געווען אַ זון פֿון אַ פּשוטן בעקער:

איין מאָל איז דער אָסטראָווצער רבי זיך צונויפֿגעקומען אויף אַ שמחה, מיט אַנדערע רביים, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון עטלעכע דורות אָנגעזעענע רביים.

האָט יעדער רבי אָנגעהויבן אויסצורעכענען זיין יחוס, ד״ה זיינע על־טערן, זיידעס אאַז״וו, וואָס זענען געווען גרויסע חסידישע מנהיגים.

און ווען מען האָט דעם אָסטראָווצער רבין געפֿרעגט אויף זיין יחוס, האָט ער זיי געענטפֿערט:

— ביי אייך ענדיקט זיך שוין דער יחוס. ביי מיר הייבט ער זיך ערשט אָן...

דער דאָזיקער לעצטער זאָג לאָזט זיך דאָך ווונדערבאַר אָנמעסטן אויף אונדזערע טייערע קינדערלעך, וואָס אין זייער רוב האָט זיך שוין ביי זייערע יונגע אָפּגעפּרעמדטע עלטערן זיך געענדיקט די ייִדישע קולטור, שפּראַך און טראַדיציע־יחוס פֿון זייערע זיידעס און עלטערן. און ס'איז נאָר צו האָפֿן, אַז ביי די קינדער, וואָס האָבן צוריק אָנגעהויבן צו לערנען אונדזער שפּראַך און קולטור, וועט זיך ערשט אָט דער יחוס אויף ס'ניי אָנהייבן.

און אויף אויפֿצולעבן אָט דעם ייִדישלעכן יחוס ביי אונדזערע קינדער, באַדאַרפֿן מיר פֿלעגן מיט דער גרעסטער זאָרגפֿעליקייט די ייִדישע שול.

דערצו איז נייטיק פּערמאַנענט אַכטונג צו געבן אויף איר אינהאַלט, אויסזען און אָרגאַניזאַציע, און זען, אַז די שול־מאַשין זאָל ווי געהעריק קלאַפּן, כדי איר ווירקונג זאָל זיך פֿילן און באַאיינפֿלוסן פּאָזיטייו דעם גאַנג פֿון די לימודים און די געשטאַלטונג פֿון די תלמידים.

פֿאַרשטענדלעך, אַז מיט יעדן יאָר וואָס עס גייט אַוועק, און אויף דער באַזע פֿון דער געמיינזאַמער שול־דערפֿאַרונג, ווערן אַ סך זאַכן פֿאַרבעסערט מצד דער אָנפֿירונג פֿון אונדזער שולוועזן און עס ווערן איינגעפֿירט פּאָזי־טיווע נייעסן, וואָס זענען עלול אַריינצוברענגען מזל־ברכה אין אונדזער חי־בוך־טעטיקייט.

און עס איז אויך פֿאַרשטענדלעך, אַז עס פֿעלן נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן צו פּערפֿעקציאָנירן, וואָס וועלן מיט דער צייט מוזן רעווידירט ווערן.

אָבער מיט אַלעמען וואַקסט און צעבליט זיך אונדזער שולוועזן, פֿילט אונדז אָן מיט האָפֿענונג און ליכטיקייט אונדזער געמיט.

און ווער עס וויל שעפּן נחת, אמתן ייִדישן נחת, זאָל זיך אַדורכשפּאַצירן, ביים אָנהייבן די לימודים אין אונדזערע שולן, אין די ייִדישע חינוך־אַנשטאַלטן פֿון אַלע טיפּן: אין די העברעיִסטישע, אין די ייִדיש־העברעיִשע, אין די רעליגיעזע, טראַדיציאָנעלע ווי אין די וועלטלעכע, אין די קינדער־גערטנער, אין די סעמינאַרן, מיטל־שולן, ישיבות, אָוונט־קורסן. אין די גרויסע ווי אין די קליינע שולעס, און ער וועט שעפּן ממש פֿולע הויפֿנס נחת און זיין האַרץ וועט וואַקסן פֿון פֿרייד, זעענדיק די צעשטראַלטע פּנימער פֿון אונדזערע קינדער און זייערע לערערס, ס׳רוב הי־געבוירענע און דערצויגענע, און עס וועט זיך אַנטפּלעקן פֿאַר אים אַ הערלעך בילד פֿון דעם וואָס ייִדישקייט גייט אויף אין אונדזער ישוב, וואָרצלט זיך איין אין דעם נייעם דור, בירגערט זיך איין אין אונדזערע מקומות און גראָבט זיך דורך אַ וועג צווישן די יונגע הערצער פֿון אונדזערע תלמידים.

אין שייכות דערמיט דערמאָנט זיך אונדז יענער אינטערעסאַנטער משל, וואָס ביאַליק האָט אַמאָל געבראַכט:

— איך וויל דערציילן וואָס איך האָב אַ מאָל געהערט אויף אַ לעקציע פֿון אַ געוויסן פּראָפֿעסאָר:

ער האָט געפֿרעגט זיינע צוהערערס:

— וויפֿל דאַרף אַ מענטש האָבן אונטער זיינע פֿיס ער זאָל פֿילן, אַז ער שטייט זיכער?

האָט אַ צוהערער געענטפֿערט:

— ס׳איז גענוג אַ שפּאַן ערד, אַזוי פֿיל באָדן אויף וויפֿל ער זאָל קענען שטעלן זיינע פֿיס, ווייל, כידוע, שטייט אַ מענטש בלויז אויף דעם באָדן אויף וועלכן עס שטייען זיינע פֿיס.

— דאָס איז אָבער דאַן — האָט געענטפֿערט דער פּראָפֿעסאָר — ווען דער מענטש פֿילט דעם גאַנצן באָדן אונטער זיך, אָבער אויב ער וועט זיך געפֿינען אויף אַ הויך פּלאַץ, וואָס אַרום דעם איז נישטאָ קיין גרויסער שטח ערד, וויפֿל באָדן וועט ער דאַן דאַרפֿן האָבן, ער זאָל נישט פֿילן קיין ציטער אין זיינע קני און אין זיינע פֿיס, אויס מורא ער זאָל נישט פֿאַלן?

האָט דער פּראָפֿעסאָר אַליין געענטפֿערט אויף זיין פֿראַגע:

— ער דאַרף האָבן אונטער זיינע פֿיס אַזוי פֿיל ערד וויפֿל ס'איז זיין וווקס. ער דאַרף פֿילן אַרום זיך אַזוי פֿיל באָדן ווי זיין גרייס, אַז אויב ער וועט פֿאַלן, זאָל ער זיין זיכער, אַז אַז ער וועט בלייבן ליגן אויף דער ערד און נישט הענגען אין דער לופֿטן, אַפֿילו מיט אַ קליינעם טייל פֿון זיין גוף".

און עס קומט אונדז אויפֿן זינען, אַז מען דאַרף אין אונדזערע שולן געבן די קינדער אַזאַ מין דערציִונג, וואָס זאָל אַרומנעמען די גרייס פֿון אונדזער גאַנץ פֿאָלק, אין שטח און אין צייט, אַרומנעמענדיק אַלע אַספּעקטן פֿון ייִדישקייט און ייִדנטום, אַלע תּקופֿות פֿון אונדזער געשיכטע, פֿון דעם ערשטן ייִד ביז היינט צו טאָג, פֿון דער מדינה ביז די תּפֿוצות, כּדי די קינדער זאָלן זיך פֿילן זיכער, פֿילן דעם ייִדישן באָדן אונטער זייערע פֿיס און נישט הענגען אין דער לופֿטן אַפֿילו מיט אַ קליינעם טייל פֿון זייער גייסט, ווען זיי וועלן געטראָגן ווערן אויף זייערע לעבנס־וועלן, אין פֿאַרשיידענע באַדינגונגען און מקומות.

און וויל מען, ווי מיר האָבן שוין ביים אָנהייב באַטאָנט, זיך באַוואָרענען קעגן דער גרויסער געפֿאַר פֿון דער אַסימילאַציע, וויל מען ביי אונדזערע קינדער ווידער באַנייען אונדזער ייִדישן יחוס, וויל מען זיי געבן אַ זיכערן ייִדישן באָדן אונטער זייערע פֿיס, דאַן איז דאָ בלויז איין וועג, איין מיטל, איין תּרופֿה:

אין שול אַריין!

אין קאַמף פאַר אונדזער מאָרגן

ס׳איז אונדז אויסגעקומען צו הערן אַ שמועס וועגן לערערס. איין מיט־שמועסער האָט געלאָזט פאַלן אַ באַמערקונג, אַז די אַמאָליקע לערערס זע־נען ס׳רוב נישט דורכגעגאַנגען קיין ספּעציעלן לערער־סעמינאַר, און דאָך זענען זיי געווען מענטשן מיט אַ סך וויסן און איבערגעגעבנקייט. אַ מיט־שמועסער האָט דערביי באַמערקט, אַז דאָס זענען געווען ס׳רוב געוועזענע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַפּט מיט אַ סך תורה אין די ישיבות אָדער אין די בתּי־מדרשים, און אויב זיי האָבן געוואָלט זיין מאָדערנע פּע־דאַגאָגן, האָבן זיי זיך געדאַרפט בלויז אַ קורצע צייט פּערפעקציאָנירן אין אַ לערער־סעמינאַר אין זייערע פּעדאַגאָגישע וויסנשאַפטן, אָבער סתם ייִדיש וויסן האָבן זיי שוין פאַרמאָגט גענוג פון פריִער.

מיר האָבן באַמערקט, אַז דער אונטערשייד פון אַ הייַנטיקן יוגנטלעכן ביז דעם אַמאָליקן, איז פאָלגנדיקער:

אַמאָל, אַפילו ווען מען האָט נישט געלערנט דווקא אין אַ לערער־סעמינאַר, האָט מען דאָך געקענט זיין אַ באַוווסטזיניקער וויסנדיקער און אינטעליגענטער ייִד, ווייל סיי דאָס ייִדיש לעבן, סיי די ייִדישע שטוב און סיי די גאַס זענען פול געווען מיט ייִדישקייט. דעריבער איז דאָך נישט שייך געווען צו רעדן וועגן אַזאַ זאַך ווי קענען ייִדיש, לייענען אַ ייִדישע צייטונג, פאַרשטיין אַ ייִדיש וואָרט, אַריינקוקן אין אַ ספר, זיין צוגעבונדן צום ייִדישן שטייגער־לעבן, וכדומה.

אָבער היינט צו טאָג איז דער יוגנטלעכער, וואָס לערנט נישט אין אַ ייִדישער שול, אין אַ סעמינאַר אָדער אין מדרשה, אויסגעשטעלט לגמרי צו בלייבן פרעמד און דערווייטערט פון ייִדישקייט, פון שטייגער־לעבן, פון אַ ייִדיש וואָרט, שוין אָפּגערעדט פון אַ ספר אָדער בוך, ווייל נישט די גאַס,

נישט די היים, אין די מערסטע פֿאַלן, טראָגן אים אונטער ייִדישע קולטור און שטייגער־לעבן, און בינדן אים נישט צו צו ייִדישקייט, נאָר דאָס טוט בלויז די ייִדישע שול.

עס איז, אין אמתן געזעדט, אַ גרויסע טראַגעדיע, וואָס בלויז די שול דאַרף אויספֿילן דאָס ייִדישקייט־פּלאַץ פֿון דער שטוב און פֿון דער גאַס, אָבער די ווירקלעכקייט איז דאָך אַזעלכע.

נעמלעך: די ייִדישע שול איז היינט דער סינאָנים פֿון ייִדישקייט און פֿון ייִדישן וויסן און די פֿאַרזיכערונג פֿון אונדזער מאָרגן, דאָס אָרט ווו עס ביל־דעט זיך אויס דער נייער ייִדישער דור, ווו ער ווערט צוגעשמידט צו אונ־דזער פֿאָלק, אונדזער קולטור און אונדזער לעבן.

דעריבער מוזן מיר, אין אָנבליק פֿון אָט דער ווירקלעכקייט אָפּהיטן און פּערפֿעקציאָנירן אונדזערע שולן מיטן גרעסטן אייפֿער און מיט דער גרעסטער זאָרגפֿעלטיקייט, און זי ריכטן צו פֿולער ייִדישלעכקייט, ווייל גע־דענקען דאַרפֿן מיר, אַז דאָס איז היינט די קוזשניע פֿון דעם אונטערוואַקסנ־דיקן ייִדישן דור. און דאָס מוזן מיר טאָן פֿון דעם קינדער־גאָרטן אָן ביז צו דער מדרשה.

כדי דאָס צו דערגרייכן האָבן מיר אַלס בעסטן פֿאַרבינדעטן דאָס ייִדי־שע קינד גופֿא, וואָס שפּרודלט ממש מיט ליבשאַפֿט צו דער ייִדישער שול, אַ פֿאַקטאָר וואָס מוטיקט און באַגייסטיקט אונדז, און וואָס מיר דאַרפֿן אויס־נוצן ביזן מאַקסימום.

אין דער אַלטער היים, אין אייראָפּע, פֿלעגט מען געוויינטלעך נעמען אַ ייִנגעלע פֿון דריי יאָר, אים איינוויקלען אין אַ טלית און דער באַהעלפֿער פֿלעגט אים אַוועקטראָגן אין חדר, אָנצוהייבן צו לערנען מיט אים אַלף־בית.

דאָס קינד, וואָס איז ביז דאַן שטענדיק געווען מיט דער מאַמען, פֿלעגט בעת־מעשה, אין דעם באַהעלפֿערס אָרעמס וויינען, און די מאַמע פֿלעגט גאָר טיילן בלינצעס, אַלס פֿרייד־צייכן צו האָבן זוכה געווען, אַז איר קינד זאָל אָנהייבן גיין אין חדר.

היינט וויקלט מען אונדזערע קינדער נישט איין אין קיין טלית, נאָר מען טוט עס אָן צו די דריי יאָר אַ וויסן כאַלאַט, און נישט דער באַהעלפֿער קומט דאָס נעמען, נאָר דער שול־אויטאָבוס; דאָס קינד וויינט נישט, אין די מערסטע פֿאַלן, נאָר גייט בשמחה אין קינדער־גאָרטן, ווייל דער זעלבער

וויקלט אים איין אין ליבשאַפֿט־טלית צו דער יידישער שול און צום יידישן פֿאָלק.

און פֿיל מאָל וויינט דאָס קינד, ווען מען קומט עס נישט נעמען אין שול. אַזוי ליב האָט עס די שול; און וויפֿל מוטערס בעטן זיך, מען זאָל זייערע קינדער אַריינגעמען צו די צוויי אָדער צוויי אַ האַלב יאָר, ווייל דער „בחור״ וויל שוין אויך מיטפֿאָרן מיט זיינע גרעסערע ברידערלעך אָדער חברימלעך, און וויינט פֿאַר וואָס מען נעמט אים אויך נישט.

און עס טרעפֿט אַ סך פֿאַלן, ווען אויך נישט־יידן קומען זיך בעטן ביים דירעקטאָר, מען זאָל זייערע קינדער דערלויבן זיך לערנען אין אונדזער שול, ווייל עס געפֿעלט זיי די דערציִונג, וואָס מען גיט זיי דאָרט און זיי גייען אַפֿילו איין מען זאָל מיט זיי אויך לערנען יידיש.

בעת מיין באַזוך אין קוריטיבאַ, בראַזיל, ווו די יידישע שולן זיינען אינטעגראַלע, דאָס הייסט, פּאָרטוגעזיש־העברעיִשע, און עס גייען אויך דאָרטן אַ קליינער טייל בראַזיליענער נישט־יידישע קינדער, וואָס לערנען שוין אויך די יידישע לימודים, האָט מען מיר איבערגעגעבן דעם איבעראַשנדיקן פֿאַקט, אַז ענדע יאָר האָט באַקומען די ערשטע פּרעמיע, פֿאַר איר אויסצייכענען זיך אַלס די בעסטע שילערין אין די העברעיִשע לימודים, דווקא אַ טונקלהויטיקע בראַזיליענער נישט־יידיש מיידעלע!...

מוזן מיר דעריבער אויפֿנעמען מיט דער גרעסטער פֿרייד, די אַלץ שטייגנדיקע פּאָזיציע וואָס אונדזער שול הייבט אָן צו פֿאַרנעמען אין די אויגן פֿון יידישע קינדער, און מיר דאַרפֿן דאָס אויסנוצן ביזן העכסטן גראַד. היינט די שיינקייט און באַקוועמלעכקייט פֿון אונדזערע שול־פּאַלאַצן, איז דאָך אויך זייער אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר, וואָס דאַרף באַווירקן מזלדיק אונדזער דערציִונגס־וועזן.

גאָרנישט ווי אַמאָל! עס קומט אונדז אויפֿן זינען ביאַליקס באַרימטע פּאָעמע „דער מתמיד״, ווו ער זאָגט וועגן די אַמאָליקע יידישע שולן:

„פֿאַר וואָס זאָל דאָס יינגל ניט זיין אויך צופֿרידן,
מיט דעם וואָס עס האָט אים זיין ווינקל געגעבן?
די תורה, די ברייטע, די ליכטיקע תורה
פֿון אייביק האָט ווינקלען און שאָטנס געזוכט;

ג־טס האַנט האָט בירושה פֿון טאַטעס צו קינדער
דורך חשך צו לייכטן געבראַכט אונדז איר ליכט.
אין קעלערס, אויף בוידעמער — לערנען בגנבה
דאָרט האָבן זיך אונדזערע קינדער באַהאַלטן —
אַראָפּ צו אונדז זענען פֿון בוידעמער גאונים,
און ליכטער אַרויס פֿון די פֿינצטערע שפּאַלטן״.

(„דער מתמיד״ — יידיש: י. י. שוואַרץ)

און מיר טראַכטן דערביי: אַז אויב אַמאָל, אין יענע גאָרנישט „פּעדאַ־גאָגישע״ באַדינגונגען, האָבן געקענט צו אונדז אַראָפּ גאונים פֿון בוידעמער און ליכטער פֿון די פֿינצטערע שפּאַלטן, היינט אין אַזעלכע וווּנדערבאַרע בנינים אין וועלכע עס געפֿינען זיך אונדזערע שולן, דאַרפֿן דאָך על פּי לאָגיק, על פּי שכל הישר, אַרויסקומען נאָך גרעסערע גאונים און נאָך רי־זיקערע ליכטער...

און באַטראַכטנדיק גוט דעם מצב פֿון אונדזער חינוך־וועזן אין די לעצטע יאָרן און דעם געשיכטלעכן פּראָצעס, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט אַלע נייע יידישע ישובים, קען מען קומען צו פּאָזיטיווע און אָפּטימיסטישע אויספֿירן.

פּונקט ווי אין צפֿון אַמעריקע, איז דער ערשטער יידישער אימיגראַנטן דור געווען אַריינגעטאָן אין דער פֿאַרוואָרצלונג אין דעם נייעם לאַנד און אין דער עקאָנאָמישער פֿאַרפֿעסטיקונג און פֿאַרפֿונדעוודיקייט.

אָבער נאָכהער, גייענדיק אין די פֿוסטריט פֿון דער באַרימטער קלאַ־סישער סענטענץ אין אונדזער געשיכטע: „אַז עס בליט די עקאָנאָמיק, בליט אויך די קולטור„ נאָך דער עקאָנאָמישער קאָנסאָלידירונג פֿאַנגט זיך אָן די זאָרג פֿאַר דער גייסטיקער געשטאַלטונג פֿון דעם ישוב.

אַזוי זענען אין צפֿון־אַמעריקע אויפֿגעקומען גרויסע ישיבות און יידישע אַקאַדעמישע צענטערס פֿון די פֿאַרשיידענע ריכטונגען. און אַזוי זענען אויך ביי אונדז, אין די לעצטע יאָרן, אויפֿגעקומען גרויסע יידישע שולן־סעמי־נאַרן, מיטלשולן, די מדרשה, ישיבות, דער ראַבינער־סעמינאַר וכו׳, וואָס גיבן אַרויס הי־געבוירענע יידישע אינטעליגענץ וואָס לערנען שוין מיט אַנדערע און פֿאַרנעמען פּאָזיציעס אין היגן יידישן לעבן.

עס איז שוין דעריבער גאָר נישט זעלטן צו טרעפן, אַז סיי דער די־רעקטאָר, סיי דער לערער ווי דער תלמיד, זענען אַלע דערצויגענע אין אונדזערע שולן און אַז דאָס היינטיקע קינד איז אַ תלמיד ביי אַ יונגן לערער, וואָס איז אַליין געווען אַ תלמיד ביי זיין הי־געבוירענעם דירעקטאָר, און אַלע דריי לערנען אין דער זעלבער שול.

עס בילדט זיך, פונקט ווי אין אַמעריקע, אַן אָרטיקע יידישע אינטע־ליגענץ, וואָס דאָס איז דאָס נאַטירלעכסטע און אַפילו דאָס געוואונשנסטע, ערשטנס, ווייל מען קען שוין נישט היינט פונקט ווי אַמאָל ווען עס האָבן עקסיסטירט די אייראָפּעישע ישובים, אימפּאָרטירן אינטעליגענץ און אינ־טעלעקטועלע אָנפירנדיקע כוחות. צווייטנס, אַפילו מען זאָל דאָס קענען טאָן, וואָלט אויך נישט געווען געוואונטשן, ווייל זיי וואָלטן זיך, פאַר קיין פאַל נישט צוגעפּאַסט הונדערט פּראָצענטיק. און וואָלטן זיך נישט געקענט איינ־לעבן און איינגלידערן אין אונדזער ישוב פונקט ווי אַזעלכע, וואָס זענען דאָ הי־געבוירן, דערצויגן און פאָרמירט געוואָרן, און וואָס זייער דאָ־זיין און דאָ־מיטווירקן איז נאַטירלעך, עכט, אָרגאַניש און נישט קיין קינסט־לעכע אָדער אומווילליקע צופּאַסונג.

דעריבער דאַרף מען טאָקע שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט און אַריינלייגן די פולסטע מי אין דער אויסבילדונג פון אונדזער אָרטיקער אינטעליגענץ און זי דערציִען און ריכטן פון דעם קינדער־גאָרטן אָן, דורך דער אָנפאַנג־שול, די מיטל־שול ביז דער העכערער שול, אין גייסט פון אהבת־ישראל, פון עם ישראל און פון מדינת ישראל, זיי אָנזאַפּן מיט ליב־שאַפט צו אונדזערע ביידע לשונות, צו אונדזער גאַנצער קולטור, צו די יידי־שע ווערטן און אידעאַלן, מיט ליבשאַפט צו אונדזער טייערער מדינה און צו אונדזער היגן יידישן לעבן, מיט פיעטעט פאַר אונדזערע ברידער, פאַר אונדזערע טאַטעס און זיידעס; פאַר אונדזער „דאָ" און אונדזער „דאָרטן" באַגלייך און באַנאַנד, מיטן פּנים צום גאַנצן יידישן פאָלק און צו אונדזער מאָרגן.

מען דאַרף דעריבער אַריינציִען אין אונדזערע שולן אַ וואָס גרעסערן סכום יידישע שילער, לייגן טאָקע גרויס אַכט אויפן כמות, אויף דער קוואַנ־טיטעט, באַגלייך מיטן איכות, מיט דער קוואַליטעט, ווייל איינס מיטן אַנ־דערן גייען באַנאַנד; ווייל קינדער וואָס בלייבן אויסער אונדזערע שולן,

ווערן פֿאַרלוירן פֿאַר אונדזער פֿאָלק, פֿאַר אונדזער לעבן און עס איז וועגן זיי נישט שייך צו רעדן וועגן קוואַליטעט, נאָר ביי די וואָס לערנען אין אונ־דזערע שולן איז שייך דאָס אָנצווווענדן.

ס׳דאַרף דעריבער מאָביליזירט ווערן אונדזער גאַנצער ישוב, די גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכקייט, צו געווינען און אַריינציִען וואָס מער ייִדישע קינדער אין אונדזער שול. מען דאַרף דערצו אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען, פּע־דאַגאָגישע, געזעלשאַפֿטלעכע, מאָראַלישע, פּראָפּאַגאַנדיסטישע; מען דאַרף רעדן, באַזוכן, זיך ווענדן צו די עלטערן, מיט איין וואָרט, אונטערנעמען אַ ברייט פֿאַרמאָסטענע איינשרייבונגס־קאַציע פֿון תּלמידים אין די ייִדישע שולן, ווייל בלויז דורך אָט דעם וועג קען מען פֿלעגן דעם נייעם ייִדישן דור און פֿירן דעם ייִדישקייט־קאַמף פֿאַר אונדזער מאָרגן.

ביכער פון זעלבן מחבר:

„ציוניסטישע פיגורן" — 196 זייטן, 1953

„צייט־מאָטיוון" — 200 זייטן, 1957

„באַטראַכטונגען פון דער נאָענט" — 174 זייטן, 1961

Este libro se terminó de imprimir
el día 5 de julio de 1965, en los
Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos."
S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
MORDEJAI HERBST
BUENOS AIRES

Hecho el depósito que marca la ley 11.723

INDUSTRIA ARGENTINA

MORDEJAI HERBST

POR SENDAS PROPIAS

(OIF EIGUENE WEGN)

●

Buenos Aires, 1965